STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04383

DER SANZER TSADEK

Yehoshua Raker

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער סאַנזער צדיק

ר׳ חיים האַלבערשטאַם זצ״ל

די וואונדערבאַרע לעבענס־געשיכטע פון דעם סאַנזער
צדיק, וועלכער איז אַרויס פון אַ מתנגדישע סביבה, צו
ווערען איינער פון די גרעסטע גוטע אידען אין זיין דור

זיין לעבען, זיין ווירקען, זיינע טהאַטען, זיין טהעטיג־
קייט אין חסידות, זיין גאונות אין נגלה און נסתר ביז

די מוראדיגע מחלוקה
סאַנז און סאַדאַגורע

דערצעהלט צום ערשטען מאָל אין אַ ריין אידישע שפראַך פון

יהושע ראקער

איבערגעדרוקט דורך דער „הוד״ פאבלישינג קאָ.

ניו יורק תשכ״א

דאַנק אויסדרוק

מיר דאַנקען דערמיט מר. ה. ראָקער פון קליוולאַנד, אָהייאָ, זון פונ'ם מחבר, און געשוויסטער, פאַר געבען אונז זיין שריפטליכע הסכמה איבערצודרוקען זייער פאָטערס ווערק.

די אַרויסגעבער

DER SANDZER TZADIK

COPYRIGHT © 1961

הויפּט־פאַרקויף:
A.L. FRANKEL
41 Essex Street
New York 2, N. Y.

בדפוס „סענטרי״ פרעס, אינק. (חיים ווײַנרייך)

Printed in U.S.A. by
SENTRY PRESS, INC.
537 WEST 53RD STREET
New York 19, N. Y.

גאונים און צדיקים וואָס ווערען געבראַכט אין דעם ספר, און פֿון וועמען עס ווערט דערצעהלט מעשיות, עפּיזאָדען און תורהלאך אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם סאַנזער צדיק זצוקללה״ה

ר׳ ישראל, דער בעל שם הקדוש, זיין אייניקעל ר׳ ברוכל מעזיבעזשער.

ר׳ בער מעזריטשער, דער מגיד הקדוש, און זיין זוהן ר׳ אברהם, דער מלאך הקדוש.

ר׳ איציקל לובלינער, דער ״חוזה״.

ר׳ נפתלי צבי, דער ראָפּטשיצער צדיק, זיין זוהן ר׳ אליעזרל און זיינע אייניקלאך ר׳ מאירל דזשיקובער און ר׳ משהלע ראַזוואַדאָווער.

ר׳ נחומל טשערנאָבלער, זיין זוהן ר׳ מאָטעלי, זיינע אייניקלאך ר׳ אהרלע טשערנאָבלער און ר׳ דודל טאלנער.

ר׳ איציקל האַמבורגער.

ר׳ מאירל פרעמישלאַנער.

ר׳ ברוך פרענקעל, לייפניקער גאון, ר׳ יעקב אָרענשטיין, לעמבערגער רב, בעל ״ישועות יעקב״.

ר׳ משה סופר, דער ״חתם סופר״, זיין זוהן ר׳ שמעון סופר, קראָקאווער רב, זיין אייניקעל ר׳ שמואל עהרנפעלד, מחבר פֿון ״חתן סופר״.

ר׳ יוסלי ניישטעטער, דער זוהן פֿון ״מאור ושמש״.

ר׳ מאיר אַש, אונגוואַרער גאון און זיין זוהן ר׳ מנחם אַש.

ר׳ ישראלטשי ריזינער, זיינע זיהן: ר׳ שלום יוספניו, ר׳ אברהם יעקניו, ר׳ דוד משהניו, ר׳ בערעניו פֿון ליאַוואַ און ר׳ מרדכי פייבעניו פֿון הוסיאַטין.

ר׳ משה טייטעלבוים, דער אוהעלער צדיק, און זיין אייניקעל, ר׳ יקותיאל יהודה טייטעלבוים, דער סיגעטער צדיק.

ר׳ הירשלי ליסקער.

דעם סאַנזערס זיהן: ר׳ יחזקאלי שינאווער, ר׳ דודל קשאַנאָווער, ר׳ אהרלע סאַנזער, ר׳ ברוכל רודניקער, ר׳ שלום אליעזרל ראַטספערדער און ר׳ ישעיהלע קראָקאווער.

ר׳ אייזיקל, דער קאַלעווער קדוש.

ר׳ הירשלי, דער זידיטשובער צדיק, און זיין ממלא מקומו, ר׳ אייזיקל זידיטשובער.

ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָהן, לעמבערגער גאון, ר׳ בעריש מייזעלס, וואַרשאווער רב, ר׳ יהושעלי קוטנער, ר׳ חיים אלעזר וואַקס, קאָלישער רב.
ר׳ מענדלי וויזניצער, ר׳ מלך גראָדזיצקער, ר׳ שלמהלע ראַדאָמסקער און זיין ממלא מקומו ר׳ אברהםלע.
ר׳ דוד דייטש, דער באלאש־יאַרמוטער רב, ר׳ שמעון יואב לאָנצקער, ר׳ פישל גאָרליצער, און אַנדערע חסידים און גדולי ישראל.

אַ קורצע איינלייטונג

די געשיכטע פֿון סאַנזער צדיק ר' חיים האַלבערשטאַם איז נאָך נישט געשריבן געוואָרן, נישט אין אידיש און נישט אין לשון קודש. אָבוואָהל דער סאַנזער איז געווען איינער פֿון די אינטערעסאַנטסטע גוטע אידען זינט דעם בעש״ט (בעל שם טוב). עטליכע לשון קודשדיגע ביכלעך זענען וועגן איהם יאָ געשריבן געוואָרן. זיי זענען אָבער נישט מעהר ווי אַ צוזאמענשטעלונג פֿון קורצע מעשהלעך, שיחהלעך, שטיקלעך תורהלעך, וואָס האָבן נישט קיין געשיכטליכען ווערט.

און זאָגאַר וועגן דער מוראדיגער מחלוקה צווישען די צוויי חסידישע דינאַסטיעס, סאַנז און סאַדאַגורע, וועלכע איז בלי ספק געווען דער שרעקליכסטער פרק אינם לעבען פֿון גאַליצישען יודענטהום, איז אויך אין א י ד י ש כמעט גאָר נישט געשריבן געוואָרן, הגם אין לשון קודש איז יאָ אַרויס וועגן דעם ענין עטליכע אינטערעסאַנטע באַשרייבונגען.

מיט עטליכע יאָהר צוריק, ווען דער פֿארשטאָרבענער חסידישער שריפֿטשטעלער יצחק אבן האָט פֿארעפֿענטליכט זיין בוך „פֿונ'ם רבי'נס הויף" (א באַשרייבונג פֿון דעם באריהמטען סאַדאַגורער הויף) אין וועלכען ער באריהרט אויך די מחלוקה פֿון סאַנז און סאַדאַגורע, האָט דער שרייבער פֿון דיעזע שורות געצויגען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון מחבר אויף דער וויכטיגקייט סיי פֿון אַ געשיכטליכען שטאַנדפונקט, און אפילו פֿון אַן אויפֿקלעהרונגס שטאַנדפונקט פֿאַר די, וואָס זענען ווייניג באַקאַנט מיט יענער שטורמישער פעריאָדע, צו באשרייבען אין א י ד י ש אויך די לעבענס-פּאַסירונגען פֿון דעם מערקווירדיגען גוטען איד, וואָס איז אַרויס פֿון אַ מתנגדישע סביבה צו ווערען איינער פֿון די גרעסטע רבים פֿון דור — ר' חיים האַלבערשטאַם פֿון סאַנז. דער מחבר האָט אונז געענטפֿערט אין אַ פריוואַט־בריעף, אז ער קלייבט זיך אַזא געשיכטע צו שרייבען, צום באדויערן, האָט איהם דער טויט אוועקגעריסען פֿאר דער צייט.

דער שרייבער פֿון דיעזע צייל֗ען האָט זוכה געווען, הגם נאָך אלס יונגער אינגעל, דעם סאַנזער צדיק צו קענען. ער האָט אויך שפּעטער געהערט פֿון אַלטע חסידים ובפרט פֿון זיין פֿאָטער, וועלכער איז געווען אַ פֿייערדיגער סאַנזער חסיד און אַליין אַ בעל מדריגה, פֿארשיעדענע פּאַסירונגען, מעשיות,

עפיזאָדען, שיחהלעך און דברי תורה פֿון דעם סאַנזער. ער איז אויך באַקאַנט מיט דער לעבענס־געשיכטע פֿון דעם צדיק פֿון זיין יוגענד ביז זיין שטורמישע מחלוקה געגען דעם סאַדאַגורער הויף און ער האָט באַשלאָסען צו דערזעצען און אויסצופֿולען דאָס, וואָס האָט ביז איצט געפֿעהלט, אַ העכסט אינטערע־סאַנטען פרק אין דער אידישער געשיכטע.

יהושע ראַקער.

דער סאַנזער צדיק
ר׳ חיים האַלבערשטאַם זצ״ל

קאַפּיטעל 1

פון א מתנגדישער סביבה צו איינעם פון די גרעסטע גוטע אידען פון דור.

געבוירען און ערצויגען ביי ליטער מתנגדים. — דער ״המליץ״ מאכט א טעות. — מתנגדישע גדולים און חסידישע רביים ביים סאנזערס טיש. — ר׳ יוסלי ניישטעטער און ר׳ שמואל עהרענפעלד. — ווי אזוי ר׳ יהושע העשל, דעם לייפניקער גאונ׳ס זוהן, דערוואוסט זיך פון דעם יונגען עילוי, ר׳ חיים׳ל האלבערשטאם. — דער עילוי ווערט א חתן מיט רחלע, דעם לייפניקער רב׳ס טאכטערי — א קרומען פוס, אבער א גראדען שכל.

אַלטע סאַנזער חסידים באַהויפּטען, אַז דער סאַנזער צדיק, ר׳ חיים האַלבערשטאַם (געבוירען אין יאָהר תקנ״ג, געשטאָרבען אין יאָהר תרל״ו) איז געווען איינער פֿון די גרעסטע ערשיינונגען אין חסידישען לעבען זינט דעם בעל שם טוב. און קען מען זיין לעבענס־געשיכטע, מוז מען מודה זיין אַז די דאָזיגע באַהויפּטונג איז גאָר נישט איבערטריבען.

געבוירען און ערצויגען אין אַ מתנגדישע סביבה, אַ זוהן פֿון אַ בעל־בית פֿון מתנגדישען חדר, ר׳ ליבוש טאַרניגראָדער, (שפּעטער אַ מורה־הוראה אין פּרעמיסלא), אַן איינִיקעל פֿון צוויי פֿון די באַריהמטעסטע מתנגדישע גאונים, ר׳ הירש׳לע האַלבערשטאַט און דער ״חכם צבי״ (ר׳ צבי הירש אשכנזי). אַן איידעם פֿון דעם מתנגדישען גאון ר׳ ברוך פֿרענקעל, לייפּניקער רב, דער מחבר פֿון ״ברוך טעם״, אַליין אַרויסגעוואַקסען אַ גאון עולם, איז ר׳ חיים האַלבערשטאַם געוואָרען איינער פֿון די גרעסטע חסידישע רביים, אָנערקענט כמעט פֿון אַלע גוטע אידען פֿון זיין צייט אַלם דער צדיק הדור.

די וואָס האָבען איהם געקענט נאָר פֿון הערען, אָדער פֿון זיינע ספרים

האָבּיִנן בשום אופן נישט געקענט גלויבּען, אַז דער מחבר פֿון „שאלות ותשובות דברי חיים" אויף די פֿיער טהיילען שלחן ערוך, און „דברי חיים על הלכות גיטין ומקוואות", און אַנדערע לומדישע ספרים, אין וועלכע ער געהט נאָך שריט פֿאַר שריט די מתנגדישע גדולים, איז אין דער זעלבער צייט אַ רבי פֿון הונדערטער טויזענדער חסידים, דאַוועגט שטונדען לאַנג מיט אַזאַ התלהבות וואָס מען האָט נישט געזעהן זינט ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, לויפֿט צעהן מאָל אין טאָג אין מקוה זיך מקדש ומטהר צו זיין, פֿיהרט טישען טאָג פֿאַר טאָג מיט הונדערטער חסידים און איז עוסק אין אַ מוראדיגע דבקות אין סתרי תורה (געהיימע לעהרע — קבלה).

עס איז אַ פֿאַקט, אַז בעת דער סאַנזער איז אַרוים מיט זיין פֿייערדיגע מחלוקה געגען סאַדאַגורער חסידות, ווי עס וועט דערצעהלט ווערען אין די שפּעטערדיגע קאַפּיטלעך, איז דער „המליץ", די העברעאישע טעגליכע צייטונג אין פּעטערבורג, דאַן אַרוים מיט אַן אַרטיקעל, גראַטולירענדיג דעם סאַנזער גאון פֿאַר זיין קאַמפּף געגען דעם חסידות און פֿאָדערענדיג פֿון איהם, נישט זיך צו באַגנוגנען מיט אויסראָטען בלויז דאָס סאַדאַגורער חסידות, נאָר אויפֿנעהמען אַ קאַמפּף געגען דעם גאַנצען חסידות פֿון בעל שם'ס חדר, כדי פּטור צו ווערען, איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל, פֿון דעם אונגליק וואָס דער בעל שם האָט אַרויפֿגעצויגען אויף דעם אידישען פֿאָלק.

דער „המליץ" האָט זיך שפּעטער געשעהמט פֿאַר זיך אַליין, אויסגע־פֿינענדיג אַז דער גאון וואָס באַקעמפֿט אַזוי ביטער דאָס סאַדאַגורער חסידות איז אַליין אַ רבי פֿון טויזענדער חסידים און אַ פֿייערדיגער אָנהענגער פֿון בעל שם'ס שיטה.

עס דאַרף דאָ געזאָגט ווערען, אַז פֿון בעל שם ביז דעם סאַנזער, זענען געווען אַ סך גדולי תורה וואָס זענען אין דער זעלבער צייט געווען חסידישע רביים, ווי דער רבי ר' בער, באַקאַנט אַלס דער מעזריטשער מגיד, ר' יעקב יוסף פּאָלנאָער דער בעל „תולדות יעקב יוסף", ר' שניאור זלמן לאַדיער דער בעל „התניא", ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, און אַנדערע. אָבער וועהרענד די אַלע צדיקים זענען שרעקליך גערודפֿ'ט געוואָרען פֿון די מתנגדישע גאונים, איז ר' חיים סאַנזער אָנערקענט און פֿאַרהייליגט געוואָרען אי פֿון די מתנגדישע גדולים אי פֿון די חסידישע רביים פֿון זיין דור.

אַזאַ מתנגדישער גאון ווי ר' יוסף שאול נאַטאַנזאָהן, לעמבערגער רב,

דער מחבר פֿון דעם קאָלאָסאַלען ספר „שואל ומשיב", האָט געשריבען אויף דעם סאַנזער: „הגאון הקדוש, מאור הגולה, אשר אמרנו בצלו נחיה". (דער הייליגער גאון, דאָס ליכט פֿון גלות, אין וועמעס זכות מיר לעבען). אַזעלכע מתנגדישע גאונים, ווי ר׳ בעריש מייזעלס, וואַרשאָווער רב, ר׳ יהושע׳לע קוטנער, ר׳ חיים אליעזר וואַקס, קאַלישער רב, אין כמעט אַלע אונגאַרישע גדולים פֿון דעם חתם סופר׳ס מתנגדישען חדר, האָבען דעם סאַנזער פֿאַרהייליגט.

ביים סאַנזער׳ס טיש האָט מען אַ סך מאָל געקענט זעהען צעהנדליגע מתנגדישע גדולים זיצען צוזאַמען מיט צעהנדליגע חסידישע רביים. די מתנגדישע גדולים זענען צו איהם געקומען לערנען נגלה (אָפֿענבאַרע תורה), און די חסידישע רביים זענען געקומען צו איהם לערנען נסתר (געהיימע תורה), אוןביידע האָבען איהם פֿאַרהייליגט.

צוויי מעשה׳לעך כאַראַקטעריזירען אַם בעסטען די דאָזיגע מערקווירדיגע ערשיינונג.

חסידים האָבען אַמאָל געפֿרעגט דעם רבי׳ן ר׳ יוסלי פֿון ניישטאָדט (פוילען), אַ זוהן פֿון דעם „מאור ושמש", אַ תלמיד פֿון „חוזה" (דער רבי ר׳ איציקל פֿון לובלין) און אַליין אַ רבי פֿון טויזענדער חסידים, צו וואָס ער פֿאָהרט יעדען יאָהר צום סאַנזער צדיק. „רבי" — האָבען איהם זיינע חסידים געפֿרעגט — „וואָס קענט איהר זעהן אין סאַנז מעהר, ווי איהר האָט געזעהן ביים „חוזה" אין לובלין".

„קינדער" — האָט דער אַלטער צדיק געענטפֿערט מיט אַ הייליגע תמימות. — „דאָס וואָס מען האָט געזעהן אין לובלין, זעהט מען אויך אין סאַנז, אָבער דאָס וואָס מען זעהט אין סאַנז, האָט מען נישט געזעהן אין לובלין."

אַן עהנליכע שיחה דערצעהלען אונגאַרישע חסידים וועגען דעם באַריהמטען מתנגדישען גאון ר׳ שמואל עהרענפֿעלד פֿון מאַטערסדאָרף, דער מחבר פֿון „חתן סופר" און אַ אייניקעל פֿון „חתם סופר", וועלכער פֿלעגט פֿאָהרען צום סאַנזער גאון יעדען יאָהר.

אַמאָל האָט איינער פֿון זיינע תלמידים איהם געפֿרעגט: „רבי, צו וואָס פֿאָהרט איהר קיין סאַנז, וואָס קען אַזאַ גאון ווי איהר לערנען אין סאַנז מעהר ווי איהר קענט?"

„מיין קינד" — האָט ר' שמואל עהרענפעלד געענטפערט — „מיר מיינען אַז מיר קענען לערנען, אָבער נאָר אַזוי לאַנג ביז מיר קומען נאָך סאַנז. קומען מיר צום סאַנזער, געפינען מיר אויס וואָס לערנען מיינט."

ביידע, דער רבי ר' יוסלי, אַ חסידישער רבי, און ר' שמואל עהרענפעלד, אַ מתנגדישער גאון, האָבען געהאַט פון סאַנזער דיזעלבע מיינונג.

וועגען די גאָר יונגע יאָהרען פון ר' חיים סאַנזער, ווי אַזוי ער איז געוואָרען דער איידעם פון דעם באַריהמטען מתנגדישען גאון ר' ברוך תאומים פרענקעל פון לייפניק, מחבר פון „ברוך טעם", דערצעהלען חסידים פאָלגענדע געשיכטע:

ר' יהושע העשל פרענקעל, קאָמאַרנער רב, אַ זוהן פון לייפניקער גאון, איז אין זיינע יונגע יאָהרען געווען אַ סוחר. זייענדיג איינמאָל געשעפטס־האַלבער אין טאַרניגראָד (די שטאָדט אין וועלכע דער סאַנזער איז געבוירען געוואָרען), האָט ר' יהושע העשל געהערט, אַז אין שטאָדט געפינט זיך אַ יונגער וואונדערבאַרער עילוי. פאַרטיג ווערענדיג מיט זיינע געשעפטען, איז ר' יהושע העשל געגאַנגען דעם עילוי זעהן און מיט איהם רעדען.

רעדענדיג מיט דעם יונגען עילוי אַ קורצע צייט, איז ר' יהושע העשל נבהל ומשתומם געוואָרען פון די מערקווירדיגע חריפות ובקיאות [פון דעם וואונדער־אינגעל. אַזאַ וואונדער־קינד, האָט ר' יהושע העשל געטראַכט, מוז אַרויסוואַקסען אַ צווייטער ווילנער גאון. איהם איז איינגעפאַלען, אַז דער עילוי וואָלט געווען אַ פאַסענדער שידוך פאַר זיין יונגע שוועסטער, רחל'ע.

אומר ועושה, ר' יהושע העשל האָט תיכף אָנגעשריבען אַ בריעף צו זיין פאָטער קיין לייפניק, דערצעהלענדיג איהם וועגען דעם מערקווירדיגען עילוי, וואָס ער האָט געפונען אין טאַרניגראָד, און אַז ער, ר' יהושע העשל, גלויבט אַז דער עילוי וואָלט געווען אַ פאַסענדער שידוך פאַר **אונזער רחל'ען**.

דער לייפניקער גאון האָט שטאַרק געהאַלטען פון זיין זוהן ר' יהושע העשל'ן. ער האָט געוואוסט אַז ווען זיין זוהן שרייבט, אַז עס וואַקסט אַ צווייטער ווילנער גאון, מעג מען זיך אויף זיין מבינות סומך זיין, און ער האָט באַלד צוריק געשריבען אַז ער איז זעהר מסכים אויף דעם שידוך, אויב דער צווייטער צד וועט אויך מסכים זיין. ער האָט אויך געשיקט זיין זוהן אַ כח הרשאה (אַ פאָלמאַכט) צו שליסען דעם שידוך ווען מעגליך.

ווען ר׳ יהושע העשל האָט פאָרגעשלאָגען דעם שידוך צו ר׳ ליבוש טאַרניגראָדער, דעם סאַנזערים פאָטער, איז ר׳ ליבוש געוואָרען מלא שמחה. אויף אַזאַ שידוך האָט ער זיך גאָר נישט גערעכט. אַ קליינינקייט, דער לייפניקער גאון!

דער לייפניקער רב, דאַרף מען וויסען, איז דאַן געווען רב הכולל אין מעהרען. זיין נאָמען אַלס גאון האָט געקלונגען ווייט און ברייט. ער האָט געפיהרט אַ גרויסע ישיבה פון וועלכע עס זענען אַרויס הונדערטער לומדי תורה, רבנים און גדולי ישראל. און ביי אַזאַ גאון, האָט ר׳ ליבוש געוואוסט, קען זיך זיין יונגער זוהן אַנטוויקלען, צו ווערען איינער פון די גרעסטע גאונים. ער האָט דאַריבער מסכים געווען אויף דעם שידוך, תיכף ומיד.

דער שידוך איז מיט מזל געשלאָסען געוואָרען.

צוויי פון דעם לייפניקערים בעסטע תלמידים, וועלכע האָבען אפשר געהאָפט צו קריגען די שעהנע רחל׳ע פאַר זיך גופא, האָבען באַשלאָסען, הערענדיג פון דעם שידוך, צו פאָהרען זעהן דעם חתן, וואָס האָט זוכה געווען צו אַזאַ גליק אונטער די אויגען.

צוריקקומענדיג פון טאַרניגראָד, האָבען זיי אויסגעזאָגט זייער רבי׳ן דעם סוד, אַז זיי זענען געווען זעהן רחל׳עס חתן, זיי האָבען באַשטעטיגט, אַז דער חתן איז אַן אויסגעוועהנליכער עילוי. זיי האָבען אָבער דערצעהלט דעם רבי׳ן בשתיקה, אַז דער חתן האָט אַ מום. (ר׳ חיים סאַנזער איז געווען אַ לאָהמער).

דער לייפניקער גאון האָט זיך דערשראָקען פון דער טרויעריגער בשורה. ער האָט געוואוסט אַז זיין ווייב און זיין גאַנצע בני בית וועלען מרעיש עולמות זיין, אויסגעפינענדיג, אַז מען האָט פאַרשלייערט די שעהנע געראָטענע רחל׳ע מיט אַ לאָהמען חתן. דער לייפניקער האָט דאַרום געבעטען די צוויי תלמידים אַז זיי זאָלען חלילה קיינעם נישט אויסזאָגען דעם סוד, ביז זיין זוהן ר׳ יהושע העשל וועט אַהיימקומען.

צוריקקומענדיג פון זיין רייזע און אויסגעפינענדיג, אַז דער פאָטער ווייס שוין פון גאַנצען סוד, האָט ר׳ יהושע העשל געבעטען זיין פאָטער, ער זאָל זיך נישט בייזערן און נישט פרעגען קיין קשיות, נאָר איינלאָדען דעם חתן ער זאָל קומען נאָך לייפניק. ר׳ יהושע העשל האָט פאַרזיכערט דעם פאָטער אַז דער חתן וועט קומען תיכף ומיד, אויב מען וועט איהם לאָדענען צו קומען.

דער לייפּניקער רב האָט געהאַט גרויס צוטרויען צו זיין זוהן, און האָט געפּאָלגט. ער האָט געלאָדענט דעם חתן צו קומען אין לייפּניק.

רעדענדיג מיט דעם חתן, איז דער לייפּניקער גאון, פּונקט ווי זיין זוהן, ממש אַרויס פון די כלים. ער האָט נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויערן. אַ יונגער אינגעל זאָל זיין אַזאַ בקי אין ש״ס ופוסקים, מיט אַזאַ מערקווירדיגע חריפות, איז געווען פאַר דעם גאון די גרעסטע איבעררעַשונג. פאַר שמחה האָט זיך דער גאון גענומען טאַנצעז, אויסשרייענדיג: ״מיין חתן האָט אַ קרומען פּנים, אָבער אַ גראָדען שכל. וואויל צו די טאָכטער וואָס קריגט אַזאַ חתן!״

די געראָטענע רחל׳ע, זעהענדיג די שמחה פון איהר גרויסען פאָטער, האָט מעהר קיין וואָרט נישט גערעדט. זי האָט מסכים געווען חתונה צו האָבען מיט דעם לאָהמען חתן.

קאַפּיטעל 2

„דער חוזה"

אלס צעהן יעהריגער אינגעל ציהט עס ר' חיים סאנזער צו פאהרען צום רבי'ן ר' איציקל, דער "חוזה" פון לובלין. — דער נאמען "חוזה". — דער רבי ר' ברוכ'ל אין דער רבי ר' איציקל. — דער "חוזה" איז מסמיך דעם צעהן־יעהריגען אינגעל אלס מנהיג הדור.

חסידים דערצעהלען, אַז שוין אַלס יונגער אינגעל האָט עס דעם סאַנזער געצויגען צו חסידות, הגם זיין פאָטער און זיין גאַנצע משפחה זענען געווען מתנגדים. דער יונגער עילוי האָט געהערט פון בעל שם, ער האָט געהערט פון בעל שם'ס תלמידים, פון חסידות און קבלה, און זיין שטורמישע יונגע נשמה האָט משתוקק געווען (געגלוסט) דאָס אַלעס צו קענען.

צו יענער צייט האָט עס געקלונגען מיט דעם רבי'ן ר' איציקל פון לובלין, וועמען אַלע גוטע אידען האָבען אָנערקענט אַלס דעם צדיק הדור דער איינציגער רבי אין דער געשיכטע פון חסידות וואָס איז געקרוינט געוואָרען מיט דעם טיטעל דער „חוזה" (דער זעהער), וואָס האָט אָפענע אויגען צו זעהן פון איין עק וועלט ביז די צווייטע.

וועגען דעם נאָמען „חוזה" (דער זעהער) דערצעהלט אַ חסידישע אגדה פאָלגענדע עפּיזאָדע:

דער רבי ר' ברוכ'ל פון מעזיבוז, דעם בעל שם'ס אַן אייניקעל, (אַ זוהן פון די באַריהמטע אָדל, דעם בעל שם'ס איינציגע טאָכטער) האָט קורא תגר געווען (געקריעגט) כמעט אויף אַלע גוטע 'אידען פון זיין צייט. ער האָט געהאַלטען אַז נאָך זיין זיידען דער בעל שם הקדוש, טאָר קיינער מעהר נישט זיין קיין רבי פון חסידים. פון זיך אַליין האָט ער אָבער שטאַרק געהאַלטען, טאַקע דערפאַר וואָס ער איז געווען דעם בעל שם'ס אן אייניקעל.

חסידים דערצעהלען, אַז ווען ר' ברוכ'ל איז נאָך געווען גאָר אַ קליינער אינגעל, האָט איהם איינער פון בעל שם'ס תלמידים געפרעגט, וועלכע גמרא ער לערנט.

„בבא קמא" — האָט ברוכ'ל געענטפערט.

„און וואָס איז דער טייטש פון בבא קמא?" — האָט איהם דער למדן ווייטער געפרעגט.

„דעם טייטש ווייס איך נישט" — האָט ברוכ'ל געענטפערט — „איך ווייס אָבער די ראשי תיבות" (די איינצעלנע בוכשטאַבען). די אותיות בבא קמא, האָט ברוכ'ל געזאָגט, מאַכען: „ברוך בן אָדל, קדוש מרחם אמו".

ר' ברוכ'ל אַליין האָט שוין אַלס אינגעל זיך געהאַלטען פאַר אַ קדוש מרחם אמו (הייליג פון דער מוטערס בויך).

און כאָטש ר' ברוכ'ל האָט געקריגט אויף אַלע גוטע אידען, האָט דער רבי ר' איציקל דאָך באַשלאָסען איהם צו באַזוכען.

ר' ברוכ'ל האָט אויפגענומען דעם רבי'ן ר' איציקל מיט גרויס כבוד.

איינמאָל ערב שבת, האָט ר' ברוכ'ל געלאַדענט דעם לובלינער מיט איהם צו פאָהרען צום טייך זיך טובל צו זיין לכבוד שבת. (דער מעזיבוזער האָט געהאַט אַ מנהג אַלע ערב שבת זיך טובל צו זיין נישט אין מקוה נאָר אין טייך). דער לובלינער האָט די איינלאַדונג אנגענומען. זיצענדיג אין דער קאַלעסע פאַרטיעפט אין אַ שטאַרקע דבקות, האָט זיך ר' ברוכ'ל פלוצלינג געווענדעט צום לובלינער מיט פאָלגענדע פראַגע:

— די וועלט זאָגט אויף אייך, אַז איהר זייט אַ חוזה. וואָס פיהלט איצט דער פוילישער חוזה?

— דעם אויר פון ארץ ישראל — האָט איהם דער לובלינער געענטפערט.

קוים זענען זיי אַביסעל ווייטער געפאָהרען, האט דער מעזיבוזער ווייטער געפרעגט:

— און וואָס פיהלט איהר איצט?

— דעם אויר פון ירושלים — האָט ער געענטפערט.

אַריינקומענדיג אין דער מחיצה נעבען דעם טייך, וועלכער איז געמאכט געוואָרען פאַר'ן מעזיבוזער זיך אויסצוטהאָן, האָט ער איהם ווידער געפרעגט דיזעלבע שאלה.

— די קדושה פון בית המקדש — האט ער געענטפערט.

בשעת טבילה אין טייך, האָט דער מעזיבוזער איהם ווידער געפרעגט:
— אין וואָס זענט איהר אייך איצט טובל?
— אין דעם טייך פּונ׳ם ריינעם באַלזאַם־אויל (נהרא דאפרסמונא) — איז געווען די תשובה.
דער רבי ר׳ ברוכ׳ל האָט איהם דעמאָלט אַ קוש געגעבען אין שטערן, זאָגענדיג צו איהם:
עס איז אמת ויציב, איהר האָט אַ קלאָהרע ראיה און אַ שאַרפע הרגשה; איהר זענט אַן אמת׳ער חוזה.
דאָס איז געווען די שטאַרקסטע סמיכה פאַר דעם רבי׳ן ר׳ איציקל. אַז דער רבי ר׳ ברוכ׳ל אַליין זאָגט שוין אַז דער לובלינער איז אַ ״חוזה״, האָבען שוין מסכים געווען אַלע גוטע אידען. דער נאָמען ״חוזה״ איז פאַרבליבען דעם רבי׳ן ר׳ איציקל ביז דעם היינטיגען טאָג.
איינמאָל, — דערצעהלען חסידים — האָט זיך דער יונגער עילוי חיים׳ל איינגעשפּאַרט אַז דער פאָטער זיינער מוז מיט איהם פאָהרען קיין לובלין, — ער וויל זעהן דעם ״חוזה״ (דער סאַנזער איז אַלט געווען קוים 10 יאָהר). זיין פאָטער ר׳ ליבוש, וועלכער, ווי שוין דערצעהלט, איז געווען אַ מתנגד, האָט נעטהאָן אַלעס מעגליכע אָפּצוּווענדען זיין חיים׳ל פון דעם געדאַנק צו פאָהרען צו אַ גוטען אידען. ״דו וועסט אויפוואַקסען״ — האָט דער פאָטער געטענה׳ט — ״וועסטו פאָהרען וואו דו וועסט וועלען, אַצינד אָבער איז אַ שאָד מבטל צו זיין פון תורה.״
דער יונגער עילוי וועלכער האָט געהאַט אַן אונבייגזאַמע נאַטור, ווי עס האָט זיך אַרויסגעצייגט אין זיינע עלטערע יאָהרען, האָט בשום אופן נישט געוואָלט נאָכגעבען, טענה׳נדיג אַז ער וויל פאָהרען צום ״חוזה״ לערנען. ר׳ ליבוש האָט ענדליך געמוזט מסכים זיין, וואָס טהוט נישט אַ פאָטער פאַר אַ קינד, אַזאַ באַריהמטען עילוי.
אַריינקומענדיג צום לובלינער, האָט דער צדיק געהייסען אַלעמען זיך שטעלען אין אַ זייט. ער האָט צוגערופען ר׳ ליבוש׳ן מיט זיין חיים׳ל און זיך שטאַרק איינגעקוקט אין דעם יונגען אינגעל׳ס צורה.
״קענסט לערנען?״ — האָט פּלוצלינג דער רבי ר׳ איציקל אַ פרעג געטהאָן דעם אינגעל.
״אַביסעל״ — האָט דער אינגעל געענטפערט.

דער רבי ר׳ איציקל איז געווען אויסער אַ גרויסער גוטער איד, אויך אַ גרויסער למדן, אַ גדול בתורה. ער האָט דעם אינגעל געפרעגט עטליכע זאַכען אין לערנען, און דער ענטפער איז געווען אַזוי איבערראַשענד, אַז דער אַלטער צדיק האָט אַרויסגעכאַפּט חיים׳לען אויף דער שויס און איהם געהאַלזט און געקושט. "דאָס דאָזיגע אינגעלע" — האָט דער "חוזה" געזאָגט צום עולם — "וועט זיין אַ מנהיג הדור".

דער "חוזה" האָט געבעטען ר׳ ליבוש׳ן אַז ער זאָל בלייבען מיט דעם קינד אין לובלין אַ לענגערע צייט, און יעדעס מאָל וואָס ר׳ ליבוש פלעגט קומען מיט זיין חיים׳לען צום צדיק, האָט דער חוזה זיך מיט דעם קינד משתעשע געווען און איהם געהאַלזט און געקושט.

וועגען דעם דאָזיגען באַזוך ביים רבי׳ן ר׳ איציקל, פלעגט דער סאַנזער דערצעהלען פאָלגענדע געשיכטעלע:

"איינמאָל שטעהענדיג און צוקוקענדיג זיך ווי דער רבי ר׳ איציקל פראַוועט חסידים, האָט ער פלוצלינג אַ געשריי געגעבען, אַז אַלע זאָלען אַרויס פון שטוב. דער גאַנצער עולם איז תיכף ומיד אַרויס. איך אַליין האָב מיך באַהאַלטען אין אַ ווינקעלע דער רבי זאָל מיך נישט זעהן. אַלס קינד האָב איך משתוקק געווען צו זעהן וואָס דער חוזה טהוט ווען ער איז אַליין אין שטוב".

"איך האָב געזעהן ווי דער חוזה געהט אַרויף און אַראָפּ, רויף און אַראָפּ מיט מוראדיגע דבקות, און זאָגט עפּעס ווי צו זיך אַליין. איך בין געשטאַנען מיט אַן׳איינגעהאַלטענעם אָטהעם, ציטערענדיג מיט אַלע אברים פאַר מורא. פלוצלינג האָט מיך דער חוזה דערזעהן, ער האָט מיך צוגערופען און אין מיר איז אַריין אַ נייע חיות, זעהענדיג אַ שמייכעל אויף זיין הייליגע צורה".

"קינד" — האָט דער רבי ר׳ איציקל צו מיר געזאָגט — "ווייסטו פאַר־וואָס איך האָב געהייסען אַלעמען אַרויסגעהן? איך וועל דיר דערצעהלען":

"ווען מיר אידען האָבען געהאַט דאָס בית המקדש, און ווען אַ איד האָט געוואָלט אויסגעפינען צי זאָל ער טהאָן אַ זאַך אָדער נישט, האָט ער זיך אָנגעפרעגט ביים "אורים ותומים", ווייל אויף דעם "אורים ותומים" האָט געלויכטען דער שם הוי״ה ברוך הוא (גאָט ברוך הוא׳ס נאָמען). היינט בעונותינו הרבים, אַז מיר האָבען נישט קיין "אורים ותומים", קען מען אויסגעפינען אלצדינג פון דער הייליגער תורה, ווייל דער שם הוי״ה לייכט אַרויס פון דער תורה.

ווען איך האָב געפּראַוועט די חסידים און געדאַרפט איטליכען אַן עצה געבען אויף זיין בקשה, האָט פלוצלינג דער שם הוי"ה אויפגעהערט צו לייכטען פאַר מיינע אויגען. איך האָב פאַרשטאַנען אַז איך דאַרף עפּעס לערנען כדי דאָס ליכט פון בורא עולם זאָל מיינע אויגען ווידער באַלייכטען".

"אַזוי, אַזוי", פלעגט דער סאַנזער ענדיגען, "איז דער הייליגער תורה קען מען זעהן — אַלעס, אויסגעפינען אַלעס."

דער באַריהמטער גאַליציאַנער גאון ר' שמואל אהרן רובין פון קאָרטשין, דער מחבר פון "בית אהרן" און אַ תלמיד פון סאַנזער גאון, האָט אַמאָל גע־פרעגט דעם סאַנזער: "רבי, וואָס האָט געקענט זיין דעם לובלינער'ס עבודה גרעסער פון אייערע, וואו מען זעהט אַזויפיעל תורה, עבודה און גמילות חסדים, וואָס דער מענשליכער שכל קען קוים משיג זיין?"

"אָה, ר' שמואל אהרן, ר' שמואל אהרן" — האָט דער סאַנזער געענטפערט מיט אַ הייליגען ערנסט — "ווען דו וואָלסט נאָר געהערט איינאיינציגע ברכה פון הייליגען לובלינער, וואָלסטו אַזאַ קשיא נישט געפרעגט."

קאַפּיטעל 3

א קליין שטעדטעל אין גאליציען, באהערשט פון חסידים, ענדערט דעם גאנג פון ר׳ חיים סאנזער׳ס אנטוויקלונג. — ר׳ חיים טרעפט זיך מיט׳ן ראפּטשיצער צדיק, ווערט פון איהם באאיינפלוסט, און פארשפּרייט נאכהער, אלס זיין גייסטיגער ממלא מקומו, די ראפּטשיצער שיטה אין דער גאנצער חסידישער וועלט.—א מעשה נורא צום ענין.

נאָכדעם ר׳ חיים סאַנזער האָט חתונה געהאַט מיט דעם לייפּניקער רב׳ס טאָכטער, האָט ער פון חסידות אין גאַנצען פאַרגעסען. ער איז געבליבען אַ יאָהר צייט אין לייפּניק, און האָט געלערענט מיט גרויס התמדה צוזאַמען מיט זיין שווער, דער בעל „ברוך טעם״.

וועגען דעם דאָזיגען יאָהר שרייבט דער סאַנזער אין דער הקדמה אויף דעם ספר „ברוך טעם״.

„ובהיותי בר שיבסר, זכיתי להסתופף בצל הקדוש ה״ה מו״ח זצללה״ה, הרב הגאון מופת הדור מוהרב״פ, ומאד מצאתי חן בעיניו, וידו לא זז ממני, ולערך שנה אחת הייתי אתו, למדנו כמעט רוב הש״ס עם ראשונים״. (ווען איך בין געווען זיעבצעהן יאָהר אַלט האָב איך זוכה געווען צו זיין אונטער דעם שוץ פוּן מיין רבין און שווער, דער גאון און מופת הדור, ר׳ ברוך פרענקעל זכרונו לברכה, און איך האָב זעהר געפונען חן אין זיינע אויגען, און ער האָט זיין האַנד פון מיר נישט אַרונטערגענומען, און אין דעם יאָהר האָבען מיר דורכגעלערענט כמעט דעם גרעסטען טייהל ש״ס מיט ראשונים).

עס איז זעהר מעגליך, אַז ווען ר׳ חיים וואָלט געווען געבליבען אין לייפּניקער געגענד, וועלכע איז געווען אין יענער צייט פול מיט לומדי תורה, אָבער לויטער מתנגדים, וואָלט ער געווען געבליבען בלויז אַ וועלטס-גאון, אָבער נישט קיין רבי פון חסידים. האָט זיך אָבער געמאַכט אַז זיין ערשט רבנות איז געווען אין רודניק, און פון דאָרט הויבט זיך אָן זיין געשיכטע אין חסידות אוּן אַלס דער גרעסטער רבי פון זיין דור.

רודניק איז אַ קליין שטעדטעל אין גאַליציע, ביי דער סאַמער פוילישער גרעניץ, אַ געגענד וואָס איז שוין דאַן געווען באַהערשט פון לויטער חסידים. דער גרעסטער גוטער איד אין גאַליציע צו יענער צייט, איז געווען דער גרינדער פון דער דינאַסטיע פון די ראָפּטשיצער צדיקים, דער רבי ר' נפתלי זצ"ל (געבוירען אין יאָהר תק"ב). חסידים רופען איהם ביז דעם היינטיגען טאָג "דער הייליגער ראָפּטשיצער". רודניקער בעלי בתים זענען אַלע געווען ראָפּטשיצער חסידים און זיי האָבען שטאַרק צוגערעדט זייער יונגען רב ר' חיים'לען, אַז ער זאָל באַזוכען דעם ראָפּטשיצער צדיק.

אַלטע חסידים דערצעהלען, אַז בעפאָר די רודניקער קהלה האָט אויפּ־גענומען ר' חיים'לען פאַר אַ רב, האָט זי זיך שואל עצה געווען מיט דעם ראָפּטשיצער צדיק. די קאָמיטע האָט דערצעהלט דעם ראָפּטשיצער, אַז ר' חיים'ל שטאַמט פון לויטער מתנגדים, ער איז אָבער אַ גאון עולם. דער ראָפּטשיצער האָט גאָר נישט געענטפערט. ער האָט אויפגעעפענט דאָס חומש'ל וואָס איז ביי איהם געלעגען אויף דעם טיש, ער האָט אויפגעמישט די פרשה נצבים, און ער האָט געלעזען הויך: "ראה נתתי לפניך את החיים". דאָס קאָמיטע האָט פאַרשטאַנען דעם וואונק, און ר' חיים איז ערוועהלט געוואָרען אַלם רודניקער רב.

אין אנפאַנג האָט ר' חיים נישט געוואָלט הערען און גערענקען פון פאָהרען צום ראָפּטשיצער צדיק. ער איז געווען צו שטאַרק פאַרטאָכט אין לערנען. ער האָט זיך שוין דאַן צוזאַמענגעשריבען אין שאלות ותשובות מיט אַזעלכע גאונים ווי דער "חתם סופר" (ר' משה סופר פון פרעסבורג), דער "חות דעת" (ר' יעקב ליסער), און אַנדערע וועלט־גאונים, און האָט נישט געוואָלט מבטל זיין פון תורה. אָבער הערענדיג אַז דער ראָפּטשיצער צדיק איז נישט נאָר אַ רבי פון חסידים, נאָר אויך א גדול בתורה, האָט דער יונגער רודניקער רב באַשלאָסען צו באַזוכען דעם ראָפּטשיצער.

ר' חיים איז אַזוי נתפעל געוואָרען פון דעם ראָפּטשיצער, אַז ער איז ביי איהם געבליבען עטליכע וואָכען צייט. ר' חיים איז געבליבען אַ ראָפּ־טשיצער חסיד כל ימי חייו. מען קען זאָגען, אַז ער איז געבליבען דעם ראָפּ־טשיצער'ס ממלא מקומו. דער ראָפּטשיצער האָט צוואַר איבערגעלאָזט צוויי ממלא מקומו'ס, אַן איידעם דער רבי ר' אשר'ל, וועלכער איז געבליבען טאַקע אין ראָפּשיץ, און אַ זוהן, דער רבי ר' אליעזר'ל, דזיקובער רב. דער סאַנזער

פלעגט פאָהרען צו ביידען. ער האָט זיי אָבער שפּעטער ביידען איבערטראָפען. דער סאַנזער איז עס געווען וואָס האָט פאַרשפּרייט די ראָפּטשיצער שיטה אין דער חסידישער וועלט.

כדי צו באַגרייפען די גוואַלדיגע השפעה וואָס דער ראָפּטשיצער צדיק האָט געהאַט אויף דעם סאַנזער גאון, מוז מען זיך צו ערשט באַקענען מיט דעם לעבען און ווירקען פון דעם ראָפּטשיצער גופא.

דער ראָפּטשיצער, ר׳ נפתלי צבי הורוויץ, איז געווען דער זוהן פון דעם גאון ר׳ מענדעלי רובין פון לינסקא. דעם נאָמען „הורוויץ״, האָט ער גענומען פון זיין מוטער ביילא, די טאָכטער פון ר׳ איציקל האַמבורגער.

ר׳ איציק׳ל האַמבורגער איז געווען איינער פון די מערקווירדיגסטע גאונים פון זיין צייט. אַליין אַ פאַרביסענער מתנגד, און דאָך האָט זיך אַרום זיין נאָמען אויסגעפלאָכטען אַ קייט פון לעגענדען און מופתים, כמעט ווי אַרום דעם בעל שם. חסידים דערצעהלען אַז דער בעל שם גופא האָט עדות געזאָגט אויף ר׳ איציק׳ל האַמבורגער, אַז ער איז אַ ריינער בעל רוח הקודש.

אַ חסידישע אגדה דערצעהלט, אַז ר׳ איציק׳ל פלעגט שטאַרק קריגען אויף דעם בעל שם (זיי האָבען געלעבט אין איין צייט). דער בעל שם דאַגעגען האָט געהאַלטען פון ר׳ איציק׳ל גאָר, גאָר גרויס. פלעגט דער בעל שם שיקען זיינע חסידים צו ר׳ איציק׳לען, אַז זיי זאָלען פאַר ר׳ איציק׳לען רעדען אויף איהם, (אויף דעם בעל שם, הייסט עס), כדי דער גרויסער גאון און צדיק זאָל הנאה האָבען.

ר׳ איציקל׳ס ערשטע רבנות איז געווען אין חארחוב, שפּעטער האָט ער ממלא מקומו געווען זיין גרויסען פאָטער ר׳ יעקב יוקל, דער גלוגער גאון. אין יאָהר תק״ד איז ר׳ איציק׳ל אויפגענומען געוואָרען אַלס רב פון בראָד, און נאָך דער פּטירה פון דעם וועלט־גאון ר׳ יהונתן אייבענשיץ, האַמבורגער רב, האָבען די דריי באַריהמטע קהלות: אלטונא, האַמבורג וואַנדסבע (אה״ו), אויס־ערוועהלט ר׳ איציק׳ל, דעם בראָד׳ער רב, אלס דעם ממלא מקומו פון דעם רבין ר׳ יהונתן (ר׳ איציק׳ל ווערט גערופען אין דער לומדישער וועלט נאָך דעם נאָמען פון זיין לעצטען רבנות — ר׳ איציק׳ל האַמבורגער).

ווי שוין דערצעהלט, האָט זיך אַרום דיעזען מערקווירדיגען גאון אויס־געפלאָכטען אַ גאַנצע קייט פון לעגענדען און זאָגאַר מופתים.

איך וויל דאָ איבערדערציילן אַ וואונדערבאַרע מעשה וואָס ווערט איבערגעגעבן פון אַזאַ אויטאָריטעט ווי דער גאון ר' אברהם בנימין קלוגער פון בראָד, וואָס ער האָט געהערט פון זיין פאָטער ר' שלמה קלוגער, בראָדער מגיד, איינער פון די גרעסטע וועלטס־גאונים.

אַמאָל איז דורכגעפאָהרען אין בראָד אַ ליטווישער סוחר, וועלכער איז געפאָהרען קיין לייפציג איינקויפען סחורה. אָנקומענדיג אין בראָד ערב שבת און זייענדיג אַ פרומער איד, האָט דער סוחר באַשלאָסען צו האַלטען שבת אין בראָד.

דער ליטווישער סוחר איז אַריין אין אכסניא צו אַ פרומען איד. ערב שבת פאַרנאַכט בעפאָר קבלת שבת, האָט דער סוחר געגעבען זיין געלד, וואָס האָט באַטראָפען כמה וכמה טויזענדער רובעל, דעם בעל אכסניא, צו באַהאַלטען איבער שבת.

ביי נאַכט, אין דעם זעלבען פרייטאָג צו נאַכט, איז דער בעל אכסניא פלוצלינג געשטאָרבען.

דער ליטווישער סוחר, זעהענדיג דעם גרויסען צער פון דער פאַמיליע אויף דעם אומגליק וואָס איהר האָט געטראָפען, האָט וועגען דעם געלד וואָס ער האָט געגעבען דעם פאַרשטאָרבענעם בעל אכסניא צו באַהאַלטען, גאָר נישט געזאָגט, גלויבענדיג אַז נאָך דער לויה וועט ער דאָס געלד צוריק־קריגען פון דער פרומער פאַמיליע. און אַזוי איז עס געווען; נאָך דער לויה האָט דער סוחר דערציילט דער פאַמיליע וועגען זיין געלד.

דער סוחר האָט אויפגעציטערט, הערענדיג פון דער אלמנה און קינ־דער — נאָכדעם ער האָט זיי דערציילט אַז ער האָט געגעבען צו באַהאַלטען כמה וכמה טויזענדער רובעל צו זייער פאַרשטאָרבענעם פאָטער — אַז זיי ווייסען נישט פון וואָס צו זאָגען, איהם איז פינסטער געוואָרען פאַר די אויגען און איז געפאַלען אין אונמאַכט.

קומענדיג צו זיך, האָט ער אָנגעפאַנגען צו טענה'ן מיט דער אלמנה און קינדער פון דעם פאַרשטאָרבענעם בעל אכסניא. ער האָט זיי דערציילט אַז דאָס געלד איז נישט זיינס, אַז ער האָט כמעט אַלעס אָנגעבאָרגט ביי די סוחרים פון זיין שטעדטעל, און אַז איהם קומט אויס ממש זיך צו וואַרפען אין וואַסער, אויב ער קריגט נישט צוריק זיין געלד. עס האָט אָבער גאָר

נישט געהאָלפֿען. די פֿאַמיליע פֿון טויטען בעל אכסניא האָט גע'טענה'ט דאָס איהריגע: זי וויים נישט פֿון וואָס צו זאָגען.

אין זיין גרוים אומגליק, האָט זיך דער סוחר געווענדעט צו דעם רב פֿון שטאָדט, ר' איציק'ל הורוויץ.

אויסהערענדיג דעם סוחר'ס טענות, און מיטפֿיהלענדיג זיין ביטערען צער, האָט ר' איציק'ל געשיקט נאָך דעם פֿאַרשטאָרבענעמס פֿאַמיליע פֿאַר אַ דין תורה.

דער גאון האָט אויסגעהערט ביידע צדדים. ביידע האָבען געקלאָגט און געוויינט. דער סוחר האָט געפֿאָדערט זיין געלד און די פֿאַמיליע האָט גע'טענה'ט אַז זי וויים לחלוטין נישט פֿון וואָס צו זאָגען. נאָך אַ קורצער גאָכקלעהרונג האָט דער רב געפסק'ענט אַז די אלמנה מיט די יתומים זאָלען שווערען אז זיי וויסען נישט פֿון דעם פקדון (באַהאַלטענעם געלד).

דער ליטווישער סוחר, איינזעהענדיג אַז די פֿאַמיליע פֿון פֿאַרשטאָר־בענעם וויים באמת נישט פֿון וואָס צו זאָגען, האָט נישט געלאָזט די פֿאַמי־ליע שווערען. אַ שבועה אפילו אויף אמת, דאַרף מען אויך אויסהיטען, ווי ווייט מעגליך ניט צו שווערען. דער סוחר האָט געהאָפֿט, טאָמער, טאָמער, וועט זיך דאָס געלד דאָך געפֿינען.

אין זיין ביטערע פֿאַרצווייפֿלונג, איז דער סוחר געגאַנגען טאָג איין טאָג אוים צו ר' איציק'לען, בעטענדיג רחמים אַז דער גרויסער גאון און צדיק זאָל מתפלל זיין, אַז דאָס געלד זאָל זיך געפֿינען.

איינמאָל, נישט קענענדיג מעהר צוזעהן דעם צער פֿון סוחר, האָט זיך ר' איציק'ל געווענדעט צו דעם אומגליקליכען סוחר מיט דיעזע ווערטער: „אויב איהר וועט מיט מיר מסכים זיין, וועל איך מזמין זיין לדין דעם מת גופא".

דער סוחר איז געוואָרען אַ דערציטערטער. דאָס גאַנצע בלוט איז אַרוים פֿון זיין פנים. ער האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פֿים. אַ קלייניג־קיים עפעס! מזמין זיין לדין דעם מת גופא! אויף אַזאַ ענטפֿער האָט זיך דער סוחר גאָר נישט געריכט.

„שרעקט זיך נישט ליעבער איד" — האָט דער גאון איהם געטרייסט — „שרעקט זיך נישט. איך מיין גאַנץ באמת, אויב איהר וועט מיר ערלויבען וועל איך מזמין זיין לדין דעם מת גופא".

נאָך אַ קורצער פויזע האָט דער סוחר מסכים געווען.

ר׳ איציק׳ל האָט אַריינגערופן דעם שמש, און איהם באַפוילען צו געהן אויף דעם בעל אכסניא׳ס קבר, און איהם מזמין זיין לדין אויף מאָרגען, אויף דער און דער צייט.

דער שמש, וואָס האָט זיך געוועהנליך נישט געשראָקען פאַר מתים, איז פונדעסטוועגען שטאַרק דערשראָקען געוואָרען. ער האָט אָנגעקוקט דעם רב מיט שרעקענדע אויגען, זוכענדיג אַ פתרון צי מיינט טאַקע דער רב באמת מזמין צו זיין לדין דעם מת גופא.

דער רב האָט דעם שמש צו פאַרשטעהען געגעבען, אַז דאָ האַנדעלט זיך אין אַ זעהר גרויסען ענין, פון וועלכען דער מת גופא האָט נישט קיין מנוחה, און אַז ער, דער שמש, דאַרף זיך גאָר נישט שרעקען, נאָר טהאָן וואָס מען הייסט איהם. דער רב האָט אויך איבערגעגעבען דעם שמש די ווערטער, וואָס ער זאָל רעדען אויף דעם קבר, נישט חלילה ענדערן קיין וואָרט.

דער שמש האָט געפאָלגט.

צומאָרגענס איז דער סוחר געקומען צום רב פונקט אין דער באַשטימטער צייט. אַ שרעקליכער פחד איז געפאַלען אויף דעם סוחר, זעהענדיג דעם אַלטען גאון זיצענדיג איינגעהילט אין טלית ותפילין, אויף וועמענס צורה עס האָט ממש די שכינה געלויכטען.

„זאָגט אייערע טענות״ — האָט זיך דער רב געווענדעט צום סוחר.

ציטערענדיג אין אַלע גליעדער און מיט אַ קוים הערבאַרע שטימע, האָט דער סוחר דערצעהלט אַלעס וואָס האָט פאַסירט יענעם ערב שבת, ווען ער האָט זיין געלד געגעבען צו באַהאַלטען דעם בעל אכסניא.

„און וואָס זאָגט איהר?״ — האָט דער רב געזאָגט מיט אַ טיעפען ערנסט, אָנרופענדיג דעם פאַרשטאָרבענעם בעל אכסניא מיט זיין נאָמען און דעם פאָטערס נאָמען.

דער סוחר האָט קיינעם נישט געזעהן און גאָר נישט געהערט, ער האָט אָבער געזעהן ווי שווערע טראָפּען שוויים פאַלען אַרונטער פון דעם צדיק׳ס שטערן אויף זיין זילבער־ווייסער באָרד.

אַ מורא׳דיגע שטילקייט האָט געהערשט אין צימער. דעם רב׳ס הייליגע צורה האָט זיך געביטען פון רגע צו רגע. פלוצלינג האָט דער רב די אויגען געעפענט. „געהט תיכף ומיד״ — האָט ר׳ איציק׳ל געזאָגט צום סוחר — „צו

דער אלמנה, זאָגט איהר אַז זי זאָל אַרויסנעהמען פֿון דער שאַפֿע ספרים דעם טור אורח חיים הלכות שבת און אויפֿמישען דעם און דעם סימן, וועט זי אייער געלד געפֿינען."

וכן הוה. דער סוחר האָט צוריקגעקראָגען זיין געלד ביז צו דער לעצטער פרוטה.

אַן אַנדער מעשה'לע ווערט דערצעהלט פֿון ר' איציק'ל האַמבורגער, וואָס באַווייזט אַז אין בראָד האָט מען איהם געהאַלטען פֿאַר א ריינעם בעל רוח הקודש.

קאַפּיטעל 4

א מעשה וועגען ר׳ איציק׳ל האמבורגער, דעם ראפּשיצער צדיק׳ס זיידען: ער רעטעט אַן עדה אידען דורך רוח הקודש. — דעם ראפּשיצער צדיק׳ס מוטער, א מלומדת: דוגמאות פון איהרע שטיקלאך תורה. — ראפּשיץ, א שטאָדט פון לומדות און חסידות. — דער ראפּשיצער צדיק און מעשות וועגען איהם.

״איינמאָל״ — דערצעהלט אַן אגדה — ״האָט ר׳ איציק׳ל באַפוילען דעם שמש, צוצושליסען די שטעדטישע שוהל, און זי נישט עפענען ביז דריי טעג צייט. מורא האָבענדיג אַז דער שמש וועט זיך דאָך ערלויבען די שוהל צו עפענען, האָט דער רב שפּעטער צוגענומען די שליסעל פון שוהל, און זיי באַהאַלטען אין זיין הויז. פאַרנאַכט, ווען בראָדער אידען זענען געקומען דאַווענען מנחה און געטראָפען די שוהל פאַרשלאָסען, זענען זיי געוואָרען מלא כעס אויף דעם שמש. דער שמש האָט זיי אָבער באַלד דערצעהלט אַז דער רב האָט באַפוילען די שוהל צו פאַרשליסען, און האָט אַליין די שליסעל צוגענומען.

די בעלי בתים האָבען פאַרשטאַנען, אַז הלא דבר הוא, אַז דאָ מוז עפּעס זיין, און האָבען געשיקט אַ קאָמיטע צום רב, אויסצוגעפינען וואָס דאָס איז אַזוינס.

ר׳ איציק׳ל האָט געענטפערט דעם קאָמיטע, קורץ און זעהר ערנסט: ״זאָגט די בעלי בתים, אַז איך אַסר אַריינצוגעהן אין שוהל פאַר דריי טעג צייט, און כדי צו זיין זיכער, אַז מיין איסור וועט געהאַלטען ווערען, בלייבען די שליסעל פון שוהל ביי מיר די גאַנצע דריי טעג.״

די קאָמיטע האָט צוריקגעבראַכט דעם רב׳ס תשובה צו די בעלי בתים, און אַלעמען איז באַפאַלען אַ מורא. זיי האָבען געוואוסט אַז ווען זייער גרויסער רב באַפעהלט אַזוי, מוז זיין עפּעס טרויעריגעס.

נאָך די דריי טעג, האָט ר׳ איציק׳ל צוריקגעגעבען די שליסעל צום

שמש און איהם געהייסען די שוהל עפֿענען. דער שמש איז געבליבען אַ דער־ציטערטער, ווען ער האָט די שוהל געעפֿענט: דער גאַנצער סילינג (באַלקאָן) איז געלעגען אויף דער ערד. אין די דריי טעג צייט איז דער באַלקאָן ארונטערגעפֿאַלען. ווען די שוהל וואָלט געווען אָפֿען, ווער ווייסט וויפֿיעל מענשען עס וואָלטען געווען דער׳הרג׳עט געוואָרען.

דאָס איז געווען אַ ריינער רוח הקודש פֿון ר׳ איציק׳ל האַמבורגער.

ר׳ איציק׳ל האַמבורגער׳ס אינגסטע טאָכטער האָט געהייסען ביילא. זי איז געווען אַן אמת׳ער עילוי, אַ גרויסע מלומדת און חכמת. איהרע שטיקלאך תורה ווערען נאָכגעזאָגט אין דער חסידישער וועלט, הויפטזעכליך פֿון די ראָפּטשיצער קינדער ביז דעם היינטיגען טאָג.

זייענדיג אויף דעם ועד ד׳ ארצות, האָט זיך ר׳ איציק׳ל האַמבורגער באַגעגענט מיט דעם גאון פֿון לינסקא, ר׳ יעקעלע רובין. ר׳ איציק׳ל האָט אויסגעפֿונען אַז ר׳ יעקעלע האָט אַ זוהן אַ באַריהמטען עילוי, מענדעלי. ר׳ איציקל האָט דערצעהלט דעם לינסקער רב וועגען זיין באַריהמטע טאָכטער ביילא, אוןביידע גאונים האָבען זיך טאַקע דאָרט משדך געווען.

פֿון דעם דאָזיגען זיווג, מענדעלי און ביילא, איז אַרויסגעקומען ר׳ נפתלי צבי הורוויץ, דער ראָפּטשיצער צדיק.

עס וועט אפשר זיין אינטערעסאַנט איבערצוגעבען אייניגע תורה׳לאך וואָס ווערען נאָכגעזאָגט פֿון דער דאָזיגער באַריהמטער ביילא, ר׳ איציק׳ל האַמבורגער׳ס טאָכטער און דעם ראָפּטשיצער צדיק׳ס מוטער.

דעם ערשטען שבת נאָך איהר חתונה, בעת דאָס יונגע ווייבעל איז צוריקגעקומען פֿון שוהל, (אין פֿיעלע לענדער איז אַ מנהג, אַז דעם ערשטען שבת נאָך דער חתונה פֿיהרען די ווייבער די כלה אין שוהל אַריין. אַ מיידעל טאָר נישט געהן אין שוהל.) האָט איהר גרויסער פֿאָטער ר׳ איציק׳ל האַמבורגער זי געפֿרעגט, ווי זי האָט זיך געפֿיהלט אין גאָט׳ס הויז צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען. די יונגע כלה האָט שנעל געענטפֿערט מיט דעם פסוק אין תהלים: „שמחתי באומרים לי בית ד׳ נלך״, און זי האָט דעם פסוק אויסגעטייטשט אזוי:

„שמחתי״ — איך האָב מיך געפֿרעהט, „באומרים״ — ווען מען האָט צו מיר געזאָגט „לי״, דאָס הייסט „הרי את מקודשת לי״, ווייל צוליעב דעם „לי״ „בית ד׳ נלך״ — האָב איך זוכה געווען צו געהן אין בית ד׳, אין שוהל אריין.

און אַט איז אַן אנדער העכסט געלונגענע שיחה'לע פון דער דאָזי־גער צדקת.

ווען איהר מאַן ר' מענדעלי איז שוין געווען לינסקער רב, האָט אַמאָל פרייטאָג אַ פישער אַריינגעבראַכט צו איהר אַ גרויסע פיש צו פאַרקויפען. די רביצין האָט דעם פיש געוואָלט קויפען. ר' מענדעלי אָבער וועלכער איז געווען אַ גרויסער צדיק, האָט מורא געהאַט אַז דאָס וועט פאַראורזאַכען אַ חלול השם ביים פשוט'ן פאָלק. דער עולם וועט זאָגען אַז דער רב לעבט זיך ברייט. די רביצין האָט אָבער דעם פיש דאָך געקויפט.

פרייטאָג צו נאַכט, ווען מען האָט געבראַכט די פיש צום טיש, האָט ר' מענדעלי געבעטען, מען זאָל איהם געבען די לעבער פון פיש. די קלוגע רביצין האָט זאָפאָרט געענטפערט מיט דער גמרא "במקום שיש חלול השם אין חולקין כבוד לרב". אין די גמרא מיינט דאָס, אַז דאָרט וואו עס איז אַ חלול השם דאַרף מען נישט געבען קיין עהרע אפילו אַ רב. די רביצין האָט אָבער אויסגעטוישט דאָס וואָרט "כבוד" וואָס מיינט עהרע אויף דעם וואָרט "כָּבֵד" וואָס מיינט לעבער. האָסטו איינמאָל געזאָגט אַז דו האָסט מורא פאַר אַ חלול השם, קומט דיר נישט קיין כבד (לעבער). במקום שיש חלול השם אין חולקין "כבד" לרב.

דער ראָפּטשיצער צדיק האָט גע'ירש'נט פון זיין זיידען ר' איציק'ל האַמבורגער די לומדות און קדושה, און פון זיין באַריהמטער מוטער די חכמה.

אין ראָפּטשיץ האָט דער יונגער רודניקער רב ר' חיים האַלבערשטאַם געפונען זיין שרש נשמה. ער האָט געפונען לומדות מיט חסידות צוזאַמען, דעם גאון מיט דעם בעל שם אין איינעם און דעמזעלבען פערזאָן, און דאָס איז געווען צו וועלכען דער יונגער ר' חיים'ל האָט משתוקק געווען. חסידות מיט לומדות צוזאַמען. "אש להבה", אַזוי פלעגט דער סאַנזער באַצייכענען זיין גרויסען רבי'ן ר' נפתלי ראָפּטשיצער. "בכל רגע ורגע האָט מען ביי איהם געזעהן ממש מסירת נפש פאַר גאָט ברוך הוא." און פונקט אַזוי שטאָלץ איז דער סאַנזער געווען אויף זיין רבינ'ס לומדות. אין זיין ספר "שאלות ותשובות דברי חיים" ברענגט דער סאַנזער מעהרערע מאָל: "מיין רבי דער ראָפּטשיצער גאון וצדיק האָט גע'פסק'ענט אַזוי און אַזוי".

אין ראָפּטשיץ האָט דער סאַנזער אויך געפונען אַ גאַנצע רייהע גדולי התורה, חסידים פון ראָפּטשיצער צדיק. ער האָט דאָרט געפונען דעם באַריהמ־

טען קאַמינקער עילוי ר׳ שלום׳קע. זיי זענען שפעטער געוואָרען חברים צווישען וועמען עס האָט געהערשט אַן אמת׳ע אהבת דוד ויהונתן. ר׳ שלום־קע פונקט ווי ר׳ חיים איז נאָך דעם ראָפּטשיצער׳ס פטירה געוואָרען איינער פון די גרעסטע גוטע אידען אין דור. אין ראָפּשיץ האָט דער סאַנזער צום ערשטען מאָל באַגעגענט דעם באַריהמטען גאון וקדוש ר׳ אברהם אולינאָווער, דער מחבר פון תולדות אברהם אויף ש״ס, און אַנדערע גדולי ישראל צו וועל־כע ער איז צוגעקלעפּט געוואָרען בלב ונפש.

וועגען דעם דאָזיגען גאון ר׳ אברהם אולינאווער, דערצעהלען חסידים אַ מערקווירדיג געשיכטעלע:

עס איז געווען שמחת תורה דער ראָפּטשיצער איז געשטאַנען ביים פענסטער, צוקוקענדיג ווי זיינע חסידים טאַנצען און זינגען שישו ושמחו בשמחת תורה. דער צדיק אַליין איז געווען אין אַ זעהר געהויבענע שטימונג. דאָס האָט די חסידים געגעבען נאָך מעהר פייער, נאָך מעהר התלהבות. פּלוצ־לינג האָט דער צדיק אַ מאַך געגעבען מיט דער האַנד, אַ צייכען אַז די חסידים זאָלען אויפהערען זינגען און טאַנצען. די הייליגע צורה פון צדיק איז נשתנה געוואָרען. ער איז געוואָרען וויים ווי קאַלך. דער עולם האָט זיך שטאַרק דערשראָקען. נאָך אַ קורצע ווילע איז דער צדיק צו זיך געקומען, אויס־שרייענדיג מיט התלהבות:

״און ווען איינער פון די גענערעלע פאַלט שוין אויף דעם שלאַכט־פעלד, דאַרף מען דען וועגען דעם די מלחמה אויפגעבען? ווייטער ווייטער אידען, זינגט און טאַנצט לכבוד די הייליגע תורה.״

נאָך שמחת תורה האָט מען אויסגעפונען, אַז באותו רגע, ווען דיעזע סצענע האָט זיך אָפּגעשפּיעלט אין ראָפּטשיץ, איז געווען יציאת נשמה פון דעם גאון בעל ״תולדות אברהם״ אין אולינאָוו. — אַ רוח הקודש.

קאפיטעל 5

דעם ראפטשיצער צדיק׳ס גלייכווערטלאך. — א הלצה׳לע מיט א מופת. — דער ראפטשיצער טרעפט זיך צוזאמען מיט א מתנגד און גיט איהם א לעקציע אין חסידות. — דער ראפטשיצער האט פיינט א חסיד שוטה. — דער סוד פון נעגעל־שניידען נאך דער מקוה.

און מערקווירדיג, דער דאָזיגער צדיק, ר׳ נפתלי ראָפּטשיצער, וואָס האָט ממש מרעיש עולמות געווען מיט זיין לומדות און קדושה וטהרה, איז געווען לויטער גלייכווערטלאַך, לויטער הלצה׳לאַך. ביי יעדע געלעגענהייט האָט ער ליעב געהאַט צו זאָגען גלייכווערטלאַך, אויף וועלכע די גרעסטע גוטע אידען פֿון דור האָבען עדות געזאָגט, אַז אין זיינע גלייכווערטלאַך זענען פֿאַרבאָרגען הימלישע סודות.

איך וויל דאָ איבערגעבען עטליכע פֿון זיינע טרעפֿליכע גלייכווערטלאַך, וואָס איך האָב געהערט פֿון אַלטע חסידים, אָדער געלעזען אין חסידישע ספרים.

„קיינמאָל האָט מיר קיינער נישט אַזוי גוט באַצאָהלט פֿאַר אַן הלצה״ — האָט דער ראָפּטשיצער אַמאָל דערצעהלט פֿאַר זיינע חסידים — „ווי אַ פשוט׳ער קרעטשמאַר.״

„אַמאָל בין איך געווען אין א קליין שטעדטעלע. זיצענדיג אין קרעטשמע און אויספֿרעגענדיג דעם קרעטשמאַר אויף דעם מצב פֿון די אידען פֿון שטעדטעל, האָב איך אויסגעפֿונען, אַז דאָס שטעדטעל פֿאַרמאָגט פונקט צעהן אידען (אַ מנין) מיט אַן אייגענע שוהל און אַן אייגען בית הקברות.״

„צו וואָס דאַרפֿט איהר דאָ אַ שוהל מיט אַ בית הקברות, אויב איהר פֿאַרמאָגט נישט מעהר ווי פונקט צעהן אידען?״ — האָב איך דעם קרעטשמאַר געפֿרעגט. — „ממה נפשך, גלויבט איהר, אַז איינער פֿון אייך וועט אַמאָל שטאַרבען, דאַרפֿט איהר דאך נישט קיין שוהל, ווייל איהר וועט דאָך נישט

האָבען קיין מנין סאַי ווי סאַי. אלא, גלויבט איהר ווידער, אַז קיינער פון אייך וועט נישט שטאַרבען, טו, צו וואָס דאַרפט איהר אַ בית הקברות?"

"פאַרשטעהט איהר רב איד — האָט מיר דער קרעטשמאַר געענטפערט — דעם בית הקברות האַלטען מיר פאַר פרעמדע."

"אַ קלוגער איד" — האָט דער ראָפּטשיצער געענדיגט זיין שיחה'לע און איז אַריינגעפאַלען אין אַ טיעפע דבקות.

דער ראָפּטשיצער פלעגט זאָגען, אַז אין זיין יוגענד האָט ער באַשלאָסען ניט צו ווערען קיין רב. רבנים מוזען אָפט חנפה'נען זייערע בעלי בתים, אמאָל צושמעלצען מיט אַביסעל שקר; האָט ער באַשלאָסען בעסער ווערען א בעדער, אַ שניידער, אַ שוסטער, און צו בלייבען אַן איש אמת. ווען ער האָט אָבער אויסגעפונען, אַז די בעדער און שניידער און שוסטער חנפה'נען מעהר ווי די רבנים, זאָגען מעהר שקר ווי די רבנים, בין איך בעסער געוואָרען א רב.

אַמאָל איז דער ראָפּטשיצער געפאָהרען נאָך "פדיון שבוים" (אויסצולייזען אָרעמע געפאַנגענע). צופאָהרענדיג צו אַ קרעטשמע, האָט דער רייכער קרעטשמאַר פאַרשטאַנען, אַז דאָ קומט מען נאָך געלד, איז ער שנעל אַרויפגעלאָפען אויף דעם בוידעם, אָנזאָגענדיג זיינע בני בית, זיי זאָלען זאָגען דעם רבי'ן, אַז ער, דער קרעטשמאַר, איז אָקאָרשט אַוועקגעפאָהרען אין שטאָדט אַריין.

דער ראָפּטשיצער האָט פאַרשטאַנען פון דעם ענטפער, אַז דער קרעטשמאַר האָט זיך ערגעץ באַהאַלטען, און האָט באַפוילען זיינע גבאים, דעם חברה-מאַן אויפצוזוכען. עס האָט נישט גענומען לאַנג און די גבאים האָבען דעם קרעטשמאַר אַרונטערגעבראַכט פון בוידעם, דערצעהלענדיג דעם רבי'ן, אַז ער האָט זיך פאַרשטעקט אין דעם שטרוי וואָס ליגט אויף דעם בוידעם.

"אַזוי, אַזוי, אויף דעם בוידעם האָט ער זיך באַהאַלטען, אין דעם שטרוי האָט ער זיך פאַרשטעקט."

"איצט פאַרשטעה איך ערשט רעכט די גמרא" — האָט דער ראָפּטשיצער געשמייכעלט. — "אין די גמרא שטעהט, "גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני שכינה". (גרעסער איז די מצוה פון אויפנעהמען אורחים ווי אויפנעהמען די שכינה), איז דאָך די קשיא, ווי קען דאָס מעגליך זיין? איצט אָבער איז מיר אלעס קלאָהר. ביי קבלת פני שכינה, פאַרשטעהט איהר, שטעהט "ויסתר

משה פניו״, משה האָט באַהאַלטען נאָר דאָס פּנים אַליין, דער איד אָבער, וועלענדיג מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים, האָט באַהאַלטען דעם גאַנ־צען גוף״.

דער ראָפּטשיצער צדיק איז געווען אַ תלמיד פון די דריי גרעסטע גוטע אידען פון דור: דער רבי ר׳ מלך פון ליזענסק, דער רבי ר׳ מענדעלי פון רימאנאָוו און דער רבי ר׳ איציקל פון לובלין (דער ״חוזה״). אַלע דריי האָבען אויף איהם עדות געזאָגט אַז ער איז אַ קלאָהרער בעל רוח הקודש, אַז מיט זיינעם אַ דיבור אָדער אפילו אַ שיחה׳לע איז ער מיחד יחודים. ער פלעגט אויך אַמאָל אָנקיבעצען זיינע דריי גרויסע רבי׳ס.

איינמאָל האָט צו איהם דער ״חוזה״ געזאָגט: ״ראָפּטשיצער רב, נעהמט אויף אייך נישט צו זאָגען קיין הלצה׳לאך אַ יאָהר צייט און איך וועל אייך איבערגעבען מיינע מדרגות״.

״גוט״ — האָט דער ראָפּטשיצער רב געענטפערט — ״איך נעהם אויף מיר נישט צו זאָגען אַ גאַנצען יאָהר קיין הלצה׳לאך״.

דעמזעלבען טאָג ביי מנחה, ווען דער ״חוזה״ האָט זיך אויסגערוקט פון דער שמונה עשרה, האָט ער געזעהן ווי דער גאַנצער עולם האַלט זיך ביי די זייטען פון געלעכטער. דער ״חוזה״ האָט פאַרשטאַנען אַז דער ראָפּטשיצער האָט שוין דאָ ווידער אָפּגעשפּילט איינע פון זיינע הלצה׳לאך.

נאָכ׳ן דאַווענען האָט דער ״חוזה״ צוגערופען דעם ראָפּטשיצער און איהם געפרעגט: ״ר׳ נפתלי, איהר האָט דאָך מיר פאַרשפּראָכן נישט צו זאָגען קיין הלצה׳לאך אַ גאַנץ יאָהר צייט?״

״עס איז שוין נאָכ׳ן יאָהר״ — האָט דער ראָפּטשיצער געענטפערט — ״ווייל דער רבי איז געשטאַנען שמונה עשרה אַ יאָהר מיט אַ מיטוואָך״. (עס איז אַ אידיש ווערטעל, ווען ביי איינעם נעהמט אַ זאַך צו לאַנג, זאָגט מען: עס נעהמט ביי איהם אַ יאָהר מיט אַ מיטוואָך).

איינמאָל, זייענדיג ביים רבי׳ן ר׳ מלך אין שטוב, האָט דער ראָפּטשיצער דערזעהן דורכ׳ן פענסטער, ווי אַ דאָרפס־איד געהט גלייך צום רבי׳נ׳ס הויז. דער רבי ר׳ מלך איז דאַן געווען שטאַרק פאַרטיעפט אין די עולמות עליונים און מורא האָבענדיג אַז דער דאָרפס־איד וועט דעם רבי׳ן מבלבל זיין אין זיין עבודה, איז דער ראָפּטשיצער שנעל אַרויס אויפ׳ן גאַס. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם דאָרפס־איד און איהם געפרעגט וואָס ער דאַרף.

מיינענדיג אַז דאָס איז דער רבי ר׳ מלך, האָט דער דאָרפֿס־איד אָנגעהויבען וויינען, בכן דער פּריץ זיינער וויל איהם אַרויסוואַרפֿען פֿון דער אַרענדע, און טאָמער איז דאָס נאָך ווייניג, האָט דער פּריץ איהם געלאָזט זאָגען, אַז באם ער וועט נישט ברענגען דאָס אַרענדע־געלד וואָס ער איז שולדיג ביז דאַמאָלס און דאַמאָלס, וועט ער קריגען אַזויפֿיעל און אַזויפֿיעל שמיץ און אַריינגעוואָרפֿען ווערען אין דער תפיסה. ״הייליגער רבי״ — האָט דער דאָרפֿס־איד געוויינט — ״מען האָט מיר געזאָגט אַז איהר העלפֿט אַלעמען, העלפֿט מיר אויך. האָט רחמנות אויף מיין ווייב און קינדער.״

דער ראָפּטשיצער האָט זיך אָנגעלעהנט אויפֿ׳ן שטעקען, פּונקט ווי זיין רבי, דער רבי ר׳ מלך פֿלעגט טהאָן, ער האָט זיך אַביסעל פֿאַרטראַכט און געזאָגט צו דעם דאָרפֿס־איד: ״געהט אַהיים, און איך בין אייך מבטיח, אַז דער פּריץ וועט איינגעהמען אַ מיתה משונה.״

וכאשר אמר כן היה. צומאָרגענס ווען דער דאָרפֿס־איד האָט נאָך געשלאָפֿען, זענען געקומען די פּאַראָבקעס פֿון הויף און דערצעהלט דעם קרעטשמאַר אַז דער פּריץ איז נעכטען ביי נאַכט געשטאָרבען.

דער דאָרפֿס־איד איז שנעל אַוועקגעלאָפֿען קיין ליזענסק דערצעהלען דעם רבי׳ן אַז זיין הבטחה איז מקוים געוואָרען.

אַריינקומענדיג צום רבי׳ן ר׳ מלך און דערזעהענדיג זיין טעות, אַז דער נעכטיגער ״רבי״ איז גאָר נישט געווען דער רבי ר׳ מלך, האָט דער אַרענדאַר אָנגעהויבען צו ציטערן, ער איז שיער געפֿאַלען אין חלשות. דער רבי ר׳ מלך האָט פֿאַרשטאַנען אַז עפּעס איז דאָ געשעהן, און האָט באַפֿוילען דעם אַרענדאַר אַלצדינג צו דערצעהלען.

דער אַרענדאַר האָט ציטערנדיג אין אַלע גליעדער דעם רבי׳ן אַלעס דערצעהלט.

״ר׳ נפתלי״ — האָט שפּעטער דער רבי ר׳ מלך געזאָגט צום ראָפּטשיצער — ״דו קענסט שוין גוט די קונסט, דו ביזט אָבער נאָך צו יונג — היט זיך״.

איינמאָל — דערצעהלט אַ חסידישע אגדה — האָט זיך אַ מתנגד צוזאַמענגעטראָפֿען אויף אַ רייזע, אין אַ קרעטשמע, מיט דעם ראָפּטשיצער צדיק. הערענדיג אַז דאָס איז דער ראָפּטשיצער, מיט וועמען די וועלט האָט געקלונגען, איז דער מתנגד צו איהם צוגעגאַנגען און איהם געגעבען אַ ברייטען שלום עליכם, באַמערקענדיג: ״גוט רבי, וואָס איך האָב אייך דאָ געטראָפֿען״.

דער ראָפּטשיצער איז געוואָרען נייגעריג, ער האָט באלד דערקענט, אַז ער האט דא צו טהאָן מיט א מתנגד.

„וואָס איז דאָס אַזוי גוט, וואָס איהר האָט מיך דאָ געטראָפּען?" — האָט דער ראָפּטשיצער געפּרעגט מיט אַ שמייכעל.

„רבי" — האָט דער מתנגד געענטפערט — „איך האָב אַליין געזעהן ווי אייערער אַ חסיד איז נכשל געוואָרען, רחמנא לצלן, אין אַ גרויסע עבירה׳ און איך מיין, אַז אַלע אייערע חסידים זענען נישט בעסער."

דער ראָפּטשיצער איז נישט געוואָרען אין כעס. „זעצט זיך, מיין ליעבער איד" — האָט דער ראָפּטשיצער געזאָגט צום מתנגד — „און איך וועל אייך עפּעס דערצעהלען."

„פאַרשטעהט .איהר רב איד" — האָט דער ראָפּטשיצער אָנגעהויבען — „די מעשה איז אַזוי: דער רבי מיט זיינע חסידים זענען אַ „קומה שלמה", אַ גאַנצער קערפּער. דער רבי איז דער מח, דער שכל, און די חסידים זענען די אברים, וועלכע זענען יונק (זייגען) דאָס חיות פון מח, יעדער אבר נאָך זיין מדרגה, נאָך זיין יכולת. און פונקט ווי דער גוף האָט פאַרשיעדענע אברים, ריינע, שעהנע אויפגעדעקטע, ווי למשל, די אויגען, דאָס פנים, די הענד, און האָט אויך פאַרבאָרגענע אברים׳ פאַרדעקטע, מיאוסע, דאָסזעלבע געפינט זיך אויך צווישען חסידים, ריינע, שעהנע אויפגעדעקטע, און אַמאָל אויך מיאוסע, פאַרדעקטע. מיר חסידים קוקען אימער אויף די ריינע, איהר אָבער מתנגדים, פאַלט אימער אַריין צו זעהן נאָר די מיאוסע."

אַ חסיד שוטה האָט דער ראָפּטשיצער זעהר נישט ליעב געהאַט. ער פלעגט זאָגען: „ווען איך וועל זיין אויף דעם עולם עליון און זעהן ווי מען פיהרט אַ נאַר און איהם געהט נאָך דרייצעהן שעמבראַנער בריקען מיט עולם הבא, וועל איך נאָכלויפען און שרייען: נאַר בלייבט נאַר. און איך בין דעם נאַר גאָר נישט מקנא." איינמאָל, אַרויסגעהענדיג פון זיין בית המדרש, האָט ער דערזעהן אין אַ ווינקעלע אַ חסיד שטעהענדיג שמונה עשרה און האַקענ־דיג זיך מיטביידע פויסטען אין קאָפּ. ביי יעדען טראַך אין קאָפּ האָט מען געסענט מיינען, אַז אָט, אָט, און דער קאָפּ צופליהט אין שטיקער. דער ראָפּ־טשיצער האָט געשמייכעלט. „גוט גוט — האָט ער געזאָגט — „ממה נפשך, מיינט ער טאַקע לשם שמים, איז דאָך אַוודאי גוט. אלא מיינט ער נישט לשם שמים, זאָל איהם דער קאָפּ טאקע וועה טהאָן".

אַ יונגער חסיד, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבען קוואַקען אויף רבי׳סטווע, האָט אַמאָל געזעהן פֿריטאָג, ווי דער ראָפּטשיצער שנײדט זיך די נעגעל נאָך דער מקוה. דער יונגער חסיד האָט זיך אָנגענומען מיט כח, איז צוגעגאַנגען צום אַלטען צדיק און געפֿרעגט: ״רבי, עס שטעהט דאָך אין די חסידישע ספרים, אַז די נעגעל זאָל מען זיך אָפּשנײדען אײדער מען געהט אין מקוה?״ דער ראָפּטשיצער האָט דערזעהן אַז ער האָט דאָ צו טהאָן מיט אַ שוטה, האָט ער געענטפֿערט מיט אַ שמײכעל: ״מײן קינד, אין דעם איז פֿאַראַן אַ גרויסער סוד.״

״אַ סוד!״ — האָט דער יונגער חסיד געמורמעלט, ציטערענדיג מיט אַלע אברים.

״יאָ מײן קינד, אַ סוד.״ — האָט דער ראָפּטשיצער געזאָגט — ״און אויב דו וועסט מיר פֿאַרשפּרעכען אַז דו וועסט פֿאַסטען הפסקה (דרײ טעג דורכאַנאַנד), וועסט תשובה טהאָן און אַלע טאָג געהן עטליכע מאָל אין מקוה, וועל איך דיר דעם סוד מגלה זײן.״

דער חסיד האָט פֿאַרשפּראָכען אַלעס צו פֿאָלגען, אַבי אויסצוגעפֿינען דעם גרויסען סוד.

נאָך די דרײ טעג איז ער געקומען צום רבי׳ן אויסצוגעפֿינען דעם סוד.

״האָסט געפֿאַסט?״ — האָט דער ראָפּטשיצער געפֿרעגט.

״יאָ רבי״ — האָט דער חסיד געענטפֿערט.

״געפֿאַסט בשלימות, תשובה געטהאָן?״

״אוראי, אוראי, רבי!״

״אויב אַזוי הערזשע מיך צו: דער סוד פֿון שנײדען נעגעל נאָך דער מקוה איז, ווײל נאָך דער מקוה זענען די נעגעל ווײך און שנײדען זיך בעסער.״

דער ראָפּטשיצער פֿלעגט זאָגען, אַז אַ פּשוטע אידענע האָט איהם געלערענט אַ פּרק אין אמונה. די מעשה איז געווען אַזאַ:

אַן אשה, וועלכע האָט איהם געגעבען אַ קוויטעל ער זאָל פֿאַר איהר מתפלל זײן, האָט איהם מפציר געווען ער זאָל איהר פֿ ע ר ז י כ ע ר ע ן די ישועה. ״האָב אמונה, האָט צו איהר דער ראָפּטשיצער געזאָגט, דאַן וועט שוין די ישועה ממילא קומען.״

״רבי, — האָט די אידענע צו איהם געזאָגט — אין דער תורה שטעהט נישט אַזוי. אַז די אידען זענען געווען בײם ים, שטעהט פֿריהער ״ויושע״,

ערשט דערנאָך "ויאמינו בה' ובמשה"; פריהער האָט זיי גאָט געהאָלפען, שפעטער, נאָך דער ישועה, האָבען זיי ערשט באקומען אמונה אָן דעם צדיק, אָן משה. גיט מיר רבי קודם די ישועה וועל איך דאַן אויך האָבען אמונה."

"די ביזט שוין געהאָלפען" — האָט איהר דער רבי געענטפערט. פון דאַמאָלס אָן האָט אַזוי גוט דער ראָפּטשיצער ווי אויך זיינע קינדער ניט גע־הייסען קיינעם האָבען אמונה אין זייערע הבטחות.

אַן עהנליך מעשהלע דערצעהלען חסידים פון אַפּטער זכרונו לברכה (רבי אברהם יהושע העשל, דער מחבר פון "אוהב ישראל").

דער אַפּטער, כידוע, פלעגט תמיד שמועסען מיט שטאַרקע ברייטקייט. ער פלעגט זאָגען, אַז אין ערשטען גלגול איז ער געווען אַ כהן גדול. (דער אַפּטער איז געווען אַ כהן.) חסידים דערצעהלען, אַז יום כפור אין דער עבודה פלעגט דער אַפּטער זאָגען ניט "וכך היה אומר" — אַזוי פלעגט דער כהן גדול זאָגען, נאָר: "וכך הייתי אומר" — אַזוי פלעג איך זאָגען.

אַמאָל, ווען ער האָט נאָך געוואוינט אין קאָלבאסעוו, איז אַריין צו איהם אַ שניידערס אַ פרוי מיט אַ קוויטעל, בעטענדיג פון דעם צדיק אַ בקשה. דער צדיק האָט איהר אָנגעווינשען, ווי געוועגליך, אַז השם יתברך זאָל איהר העלפען. די פרוי איז אָבער מיט דער ווינשעוואַניע ניט געווען צופרידען. זי האָט געוואָלט אַן הבטחה. (אַ פאַרזיכערונג.) זי איז געווען שטאַרק צודרינג־ליך. זי גערט נישט אַוועק ביז דער צדיק וועט איהר מבטיח זיין אַ זיכערע ישועה. דער צדיק איז ענדליך געוואָרען אין כעס, אויסשרייענדיג: "אַרויס דו שניידערקע פון מיין שטוב!". די שניידערקע האָט געענטפערט תוך כדי דיבור: "רבי, מיט צעהן שניידער מעג מען מאַכען אַ מנין און זאָגען קדושה וברכו, אָבער מיט ניין אַפּטער טאָר מען ניט." דער אַפּטער האָט אַ שמייכעל געגעבען. "איך בין אייך מבטיח, אַז איהר וועט געהאָלפען ווערען" — האָט דער אַפּטער גוטמוטיג געזאָגט.

קאַפּיטעל 6

דער ראָפּטשיצער צדיק ראַטעוועט די דאָרפסלייט פון א שווערע גזירה. — פארוואס חסידים זענען עובר קריאת שמע. — די נגינה פון ראָפּטשיצער צדיק.

זיין גרויסען רבי'ן, דעם רבי'ן ר' מענדעלי פון רימאַנאָוו, האָט דער ראָפּטשיצער צדיק, דער רבי ר' נפתלי, אַמאָל פאַרזעצט אַ שפּיצעל, מיט וועלכען די גאַנצע חסידישע וועלט האָט געקלונגען. די געשיכטע דערפון איז געווען אזוי:

דער רבי ר' מענדעלי האָט אַמאָל אַרויסגעגעבען אַ גזירה, אַז אַלע ישובניקעס (דאָרפסלייט) זאָלען אַרויסטרייבען (אַרויסציעהען זיך) פון די דערפער און אַריינציעהען אין די שטעדט. די זאַך איז געווען גאָר פּשוט: דער צדיק האָט געזעהן, אַז די דאָרפס־אידען געהען אַרונטער פון דרך הישר, האָ־בען נישט קיין מנין, האָבען נישט קיין מקוה, היטען נישט שבת ווי עס געהערט צו זיין, זייערע קינדער וואַקסען אָהן תורה, פּשוטע פויערים, און ער האָט באַשלאָסען צו ראַטעווען אידישע נשמות.

דער רבי ר' מענדעלי דאַרף מען וויסען, איז געווען נאָך דעם רבי'ן ר' מלך'ס פּטירה דער גרעסטער גוטער איד אין גאַליציע. פאַר זיינעם אַ דיבור האָבען געציטערט אפילו די רבי'ס פון דור. זיין גזירה אַלזאָ, אַז אַלע דאָרפס־לייט מוזען אַריינציעהען אין די שטעדט, האָט אַרויסגערופען אַ מהומה וויט און ברייט. אַ קלייניגקייט עפּעס! געוואוינט אין די דערפער פאַר דורי דורות, דאָרטען געהאַט זייערע פּרנסות, זייערע הייזקעס, זייערע שטיקלעך פעלדער, און פּלוצלינג, לאָז איבער האַק און פּאַק און טוף אין שטאָדט אַריין. אָבער אַז דער רבי הייסט איז דאָך נישט שייך. דער רבי ר' מענדעלי איז איבער־הויפּט געווען אַ זעהר שטרענגער, האָט ער עפּעס געזאָגט, איז געווען פאַרפאַלען.

וויסענדיג אז דער ראָפּטשיצער צדיק איז אַ ליעבלינג פון רבי'ן ר'

מענדעלי, אַן אמת׳ער שני למלך, האָבען זיך די דאָרפסלייט אין זייער אומ-גליק געווענדט צום ראָפּטשיצער נאָך אַן עצה.

דער ראָפּטשיצער האָט זיך שטאַרק מצער געווען, הערענדיג וועגען דער דאָזיגער שטרענגער גזירה פון זיין רבי׳ן. ער האָט געוואוסט אַז דער רבי ר׳ מענדעלי מיינט בלויז לשם שמים. אָבער ווי קען מען דאָס אַרויפ-לייגען אויף אידען אַ גזירה "שאין רוב הצבור יכולין לעמוד בה", אַ גזירה וואָס מיינט פאַר דעם גרעסטען טהייל דאָרפסלייט אַן איינפאַכער חורבן, ממש סכנת נפשות. דער ראפּטשיצער האָט זיך אַביסעל פאַרטראַכט. פלוצלינג האָט ער אַ געשריי געטהאָן צום גבאי: "ברענג באַלד אַ פערד און וועגעלע, מיר פאָהרען תיכף ומיד קיין רימאַנאָוו." אין דעם קלוגען קאָפּ פון דעם צדיק, האָט זיך שנעל אַרויסגעאַרבייט אַן המצאה׳לע ווי אַזוי די אידען צו ראַטעווען.

דאָס איז געווען אין ווינטער-צייט. די קעלט איז געווען גרויס, פשוט צום אומקומען. דער ראָפּטשיצער האָט שווער געליטען, אָבער אַז מען פאָהרט, דערפאָהרט מען.

אָנקומענדיג קיין רימאַנאָוו, איז דער ראָפּטשיצער פאַרפאָהרען גלייך צום רבי׳ן ר׳ מענדעלי׳ס הויז און נישט פרעגענדיג קיינעם קיין שאלות, האָט ער זיך אַ וואָרף אַריינגעגעבען אין רבי׳ן ר׳ מענדעלי׳ס בעט.

דעם רבי׳ן ר׳ מענדעלי׳ס גבאים, דערזעהענדיג ווי דער ראָפּטשיצער וואַרפט זיך אַריין אין רבינ׳ס בעט און הערענדיג זיינע שווערע קרעכצען, האָבען באַלד געמעלדעט צום רבי׳ן ר׳ מענדעלי די גאַנצע געשיכטע.

דער רבי ר׳ מענדעלי האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און איז תיכף גע-גאַנגען זעהן וואָס עס איז אַזוינס געשעהן.

קרעכצענדיג און ציטערנדיג מיט אַלע אברים האָט דער ראָפּטשיצער דערצעהלט זיין אַלטען רבי׳ן, אַז די קעלט האָט איהם דורכגענומען דורך און דורך, ממש עד כלות הנפש.

"פריהערדיגע צייטען" — האָט דער ראָפּטשיצער געקרעכצט — "אַז מיר פלעגען פאָהרען צום רבי׳ן אויף דער דאָזיגער נסיעה, ווינטער, פלעגען מיר אָנטרעטען אין די קרעטשמעס ביי די אידען, כאַפּען אַביסעלע משקה, אַביסעל וואַרעמע טהעע, זיך דערוואַרעמען און פאָהרען ווייטער. איצט אָבער, ווען די דאָרפס-אידען אַנטלויפען פון די קרעטשמעס און עס איז נישטאָ צו וועמען אַריינצוגעהן, ביי וועמען זיך אָפּצורוהען, זיך דערוואַרעמען, איז ממש

סכנות נפשות. איהר זעהט דאָך רבי: ווען איך, וואָס האָב ברוך השם וואַרימע קליידער, האָב אַזוי שווער געליטען, וואָס קען נאָך ווערען פֿון די אָרימע רייזענדע: זיי וועלען דאָך איינפֿאַך אומקומען פֿאַר קעלט."

"אַזוי, אַזוי" — האָט דער רבי ר' מענדעלי מיט שרעק געמורמעלט — "סכנות נפשות! אידען קענען נאָך אומקומען חלילה! און אַלץ צוליעב מיין גזירה!"

דער רבי ר' מענדעלי האָט זיך פֿאַרטראַכט. פּלוצלינג האָט ער אַ געשריי געגעבן: "היה לא תהיה! עס טאָר נישט אַזוי בלייבען! די גזירה מוז צוריקגעצויגען ווערען. טאַקע באַלד, תיכף ומיד."

"רבי" — האָט דער ראָפּטשיצער אויסגעשריען — "איך בין שוין געזונט".

* *

*

ווי שוין דערצעהלט, איז דער ראָפּטשיצער צדיק געווען פֿון יענע גוטע אידען, וואָס איז אויך געווען אַ גאון אין נגלה. ער איז געווען אַ תלמיד פֿון ר' משולם טיסמיניצער (שפּעטער פּרעסבורגער רב), איינער פֿון די גרעסטע גאונים, וואָס די וועלט האָט אַמאָל געהאַט. ער איז געווען אַ חבר מובהק פֿון די צוויי גאונים, דער בעל "חות דעת" און ר' מרדכי בענעט פֿון ניקעלסבורג, און האָט זיין לומדות אָנגעהאַלטען אפילו בעת ער איז שוין געווען אַ רבי פֿון צעהנדליגע טויזענדער חסידים.

אַ חסידישע אגדה דערצעהלט, אַז זייענדיג אַמאָל אין לעמבערג, איז דער ראָפּטשיצער געגאַנגען באַזוכען דעם לעמבערגער רב, ר' יעקב אָרענשטיין, אַ וועלטס-גאון און אַן אויסגערופֿענער מתנגד. נאָך דעם וויביידע האָבען גערעדט עטליכע מינוטען צייט, האָט פּלוצלינג דער לעמבערגער רב אַ פֿרעג געטהאָן: "ראָפּטשיצער רבי, איהר זייט דאָך אַ למדן, טו ווי אַזוי קענט איהר האַלטען מיט אייערע חסידישע רבי'ס, וואָס זענען עובר טאָג פֿאַר טאָג זמן קריאת שמע?"

"אמת" — האָט דער ראָפּטשיצער געענטפֿערט מיניה וביה — "אונזערע רבי'ס זענען טאַקע עובר זמן קריאת שמע, דערפֿאַר אָבער היטען זיי דאָס, וואָס שטעהט אין קריאת שמע: "ואהבת את ד' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך" (און דו זאָלסט ליעבען דיין גאָט מיט דיין גאַנצען האַרץ און מיט דיין גאַנצען נפש), אייערע מתנגדים דאַגעגען, האַלטען שטאַרק פֿון "זמן

קריאת שמע״, זיי הינקען אָבער אַביסעל אונטער אין דעם וואָס שטעהט אין קריאת שמע״.

״ראָפּטשיצער רבי״ — האָט זיך דער גאון צולאַכט — ״איהר זייט אַן אמת׳ער חכם.״

און אָט דער דאָזיגער צדיק פון הלצה׳לאך און גלייכווערטלאך איז געווען ממש אַ שרף. אַזעלכע גוטע אידען ווי ר׳ הירשלע זידיטשובער, דער גרעסטער מקובל פון דור, און דער קאַלעווער קדוש האָבען אויף דעם ראָפּ-טשיצער עדות געזאָגט, אַז ער איז אַ ״מלאך ד׳ צבאות״ (אַ מלאך פון גאָט ברוך הוא), אַז יעדער דיבור זיינער, יעדע שיחה׳לע איז ״בוקע רקיעים״ (עס שפּאַלט הימלען).

אַ גרויסער טהייל פון ראָפּטשיצערס עבודה איז געווען נגינה. כמעט דאָס גאַנצע דאַווענען פלעגט ער זינגען. און אויף יעדער תפלה האָט ער גע-האַט אַ באַזונדערען ניגון. זיינע נגונים ווערען געזונגען פון ראָפּטשיצער און סאַנזער חסידים ביז דעם היינטיגען טאָג.

ער פלעגט דעם ענין ערקלעהרען אויף פאָלגענדען אופן:

״מיט נגינה״ — פלעגט דער ראָפּטשיצער זאָגען — ״קען מען עפענען אַלע הימלישע טויערן. מיט עצבות, קען מען זיי אַלע שליעסען. אַלע נגונים קומען אַרויס פון דער קדושה, פון אַ זעהר הויכען אָרט, פון ״היכל הנגינה״. די טומאה קען נישט זינגען, ווייל זי איז דער מקור העצבות. דורך דעם חטא פון אדם הראשון, זענען צוזאַמען מיט אַלע ניצוצות הקדושות, אויך די ניצוצות הנגינה אַריינגעפאַלען אין דעם רשות פון דער ״קליפה״. דאַרף די עבודה פון צדיק זיין, צוריקצוברענגען די ניצוצות, וואָס זענען ״נע ונד״ (פאַרוואָגעלט) צו זייער שורש קדושה.״

קאַפּיטעל 7

דער סאַנזוער לערנט פון זיין רבי'ן, דעם ראָפּטשיצער, דעם סוד פון נגינה. — דעם סאַנזוער'ס סוויטע פון מנגנים. — א מערקווירדיגער חסידישער קאָמפּאָזיטאָר. — פאַרוואָס מען זאָגט אז א חזן איז א נאַר. — ר' שלמה'לע ראַדאָמסקער, גרויסער רבי און מנגן, ווערט אויף דער עלטער א סאַנזער חסיד.

ווי עס איז שוין דערצעהלט געוואָרען אין דעם פריהערדיגען קאַפּיטעל, איז נגינה געווען ביי דעם ראָפּטשיצער צדיק איינע פון זיינע הויפּט עבודות. ווי הייליג די עבודה פון נגינה איז ביי איהם געווען, באַווייזט פאָלגענדער עפּיזאָד:

עס איז געווען תשעה באב צו איכה. דער גאַנצער עולם איז געזעסען אויף דער ערד, הערענדיג דעם צדיק זאָגען איכה. אַ מוראדיג געוויין האָט אויסגעבראָכען ווען דער צדיק האָט הערצרייסענד אויסגעשריען: „חומת בת ציון הורידי כנחל דמעה", אה, ציון, זאָלען ווי אַ קוואַל רינען דיינע טרעהרען. דער צדיק איז געבליבען שטיל, און קוואַלען טרעהרען האָבען גערונען פון זיינע אויגען. פלוצלינג האָט ער זיך אַ שטעל געגעבען אויף די פיס און אָנ־געפאַנגען זינגען מיט אַ האַרציגען ניגון: „והשב כהנים לעבודתם, ולוים לשירם ולזמרם, והשב ישראל לנויהם", און צוריקקעהרען זאָלען די כהנים צו זייער עבודה (אין בית המקדש) און די לוים צו זייער געזאַנג, און די אידען צו זייערע וואוינונגען. פאַרטיג ווערענדיג מיט זיין זינגען, האָט ער אָנגעפאַנגען דעם נעקסטען פסוק, „קומי רוני בלילה", און האָט דעם פסוק געטייטשט אַזוי: „קומי רוני", שטעה אויף און זינג (רוני מלשון רנה—געזאַנג) „בלילה", זאָגאַר ווען דער גלות איז פינסטער ווי די נאַכט, ווייל „לראש אשמורות שפכי כמים לבך", ווען דאָס האַרץ צוגעהט ווי וואַסער, איז אָבער די נחמה גרויס דערפאַר וואָס „נוכח פני ד'" — גאָט איז מיט אונז.

דער סאַנזער צדיק, וועלכער האָט געלערענט פון זיין רבין, דער ראָפּ־

טשיצער, די שיטה פֿון חסידות פֿון תורה, עבודה און גמילות חסדים, האָט אויך געלערענט פֿון זיין רבין דעם ענין פֿון נגינה.

דער סאַנזער האָט אַרום זיך געהאַט אַ סוויטע פֿון מנגנים, וועלכע פֿלעגן פֿאַר איהם זינגען זמירות און תפילות ביי יעדע געלעגענהייט. זיי פֿלעגן אויך זיין די מתפללים (אויסער ימים נוראים, ווען דער סאַנזער האָט מוספים אַליין געדאַווענט). דער גרעסטער פֿון סאַנזערס מנגנים איז געווען איינער ר׳ אבוש מאיר. (ער איז געשטאָרבען ערשט מיט עטליכע יאָהר צוריק אין קראקא).

ר׳ אבוש מאיר איז געווען אַן אמת׳ע וואונדערליכע ערשיינונג. ער האָט נישט געקענט אפילו די „אלף־בית״ פֿון נאָטען. ער האָט נישט אָנגעהויבען צו וויסען וואָס מוזיק (אין דעם מאָדערנעם זין) מיינט. ער האָט דאָס קיינמאָל נישט געלערענט. ער איז געווען אַ איד אַ תלמיד חכם און אַ פֿייערדיגער חסיד, און דאָך איז ער געווען אַ וואונדערבאַרער קאָמפּאָזיטאָר. זיינע נגונים זענען געזונגען געוואָרען כמעט אין גאַנץ גאַליציע און אונגאַרן. זאָגאַר מאָדערנע חזנים פֿלעגען איהם קומען הערען און נעהמען פֿון איהם קאָמפּאָזיציעס. נאַטירליך פֿלעגן זיי די נגונים צופּיקסען לויט די מאָדערנע מוזיק־כללים.

פֿון דעם ר׳ אבוש מאיר׳ן האָט דער סאַנזער צדיק געהאַלטען עולם ומלאו. פֿלעגט אבוש מאיר זינגען אַ נייעם ניגון, פֿלעגט דער סאַנזער אַריינפֿאַלען אין אַ מוראדיגע התלהבות. דער סאַנזער פֿלעגט זאָגען תורה ביי אַלע טישען, הויפּטזעכליך ביי שלש סעודות. דאַמאָלס פֿלעגט ער זאָגען רזין דרזין, הימלישע סודות. אָפֿטמאָל שטונדען לאַנג. אָבער בעפֿאָר די תורה זאָגען, פֿלעגט אבוש מאיר זינגען עטליכע זמירות. ביי שלש סעודות פֿלעגט ער זינגען די זמירות „דרור יקרא״ און „שבת היום״ און ערשט דאַן פֿלעגט דער סאַנזער אָנהויבען זאָגען תורה.

נישט אַלע נגונים האָבען דעם סאַנזער געפֿעלען. ער פֿלעגט נישט זאָגען קיין מבינות וועלכער ניגון עס איז גוט אָדער שלעכט. אבוש מאיר האָט אָבער פֿאַרשטאַנען, נאָך דעם צדיק׳ס עבודה נאָך, צי דער ניגון איז אַ גוטער אָדער נישט. ווען דער סאַנזער איז אַריינגעפֿאַלען אין התלהבות, האָט אבוש מאיר געוואוסט אַז דער ניגון איז אַ גוטער. איז אָבער דער צדיק גע־

בליבען גלייכגילטיג צו אַ ניגון, האָט אבוש מאיר דעם דאָזיגען ניגון מעהר קיינמאָל נישט געזונגען.

עס פלעגען אויך קומען צום סאַנזער אַנדערע גרויסע מנגנים, מיט וועמענס נגינה דער צדיק פלעגט זיך משתעשע זיין. צווישען די גאָר גרויסע מנגנים, וועלכע פלעגען אַרויסרופען ביים סאַנזער אַ באַזונדערע התלהבות, איז געווען ר׳ לייזערקע, לאָדזער חזן. אַן אַלט פאַרצייטיגער באַריהמטער חזן און דערצו אַ גרויסער תלמיד חכם, אַ מחבר פון ספרים. ווען ר׳ לייזערקע פלעגט קומען קיין סאַנז מיט זיין „קאַפעליע״ (משוררים), איז געווען אין שטאָדט יום טוב.

נאַטירליך פלעגען אויך קומען צום סאַנזער חזנים וואָס מען האָט זיי שוין באַצייכענט אַלס מאָדערנע, און האָבען שוין געזונגען פון נאָטען. זיי פלעגט דער סאַנזער נישט וועלען הערען. „זייער זינגען״ — פלעגט ער זאָגען — „קומט נישט פון היכל הנגינה, נאָר פון די נאָטען.״

דער סאַנזער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דאַריבער זאָגט מען אַז אַ חזן איז אַ נאַר, ווייל אין הימעל איז דער „היכל הנגינה״ נאָהענט צום „היכל התשובה״, און דער חזן, וואָס וואָלט געקענט לייכט אַריינגעהן פון היכל הנגינה אין היכל התשובה און טהוט דאָס נישט, איז אַ נאַר.

איינער פון די גרעסטע מנגנים, וועמעס קומען קיין סאַנז האָט אויפגעשטורעמט די גאַנצע חסידישע וועלט, איז געווען ר׳ שלמהלע ראַדאָמסקער.

ר׳ שלמהלע ראַדאָמסקער (ר׳ שלמה הכהן ראַבינאָוויץ, רב פון ראַדאָמסק), איז געווען איינער פון די גרעסטע גוטע אידען אין פוילען. ער איז געווען אַ רבי פון טויזענדער חסידים. ער איז אויך געווען אַ גדול בתורה און איז געווען איינער פון די וואונדערבאַרסטערע מנגנים אין דער חסידישער וועלט. אַלטע חסידים, וואָס האָבען איהם געהערט דאַווענען פאַרן עמוד, פלעגען זאָגען אַז ווער עס האָט געהערט ר׳ שלמהלע ראַדאָמסקער דאַווענען, האָט געהערט ממש די שירה פון מלאכים אין הימעל. זיין מתיקות׳דיגע דאַווענען און זיין יראת הרוממות, פלעגען זיי זאָגען, האָבען איינפאַך גערייניגט נשמות. אַ איד וואָס האָט געהערט ר׳ שלמה׳לען זינגען, האָט געמוזט תשובה טהאָן.

ר׳ שלמהלע איז געווען אַן אונאָבהענגיגער רבי. דאָס הייסט, ער איז נישט געפאָהרען צו אַנדערע רבי״ס. אדרבה, אַ סך פוילישע רבי׳ס פלעגען

פֿאָהרען צו איהם. פלוצלינג, שוין אויף די עלטערע יאָהרען, האָט ר׳ שלמהלע אָנגעפֿאַנגען צו פֿאָהרען צום סאַנזער צדיק.

די געשיכטע, אַז ר׳ שלמהלע ראַדאָמסקער איז געפֿאָהען צום סאַנזער, האָט אויפֿגעשטורעמט די גאַנצע חסידישע וועלט. אַ קלייניגקייט, ר׳ שלמה־לע ראַדאָמסקער, אַן אַלטער רבי פֿון צעהנדליגע טויזענדער חסידים, זאָל פלוצלינג ווערען אַ סאַנזער חסיד! דאָס איז געווען פֿאַר דער חסידישער וועלט, אַ חוץ לדרך הטבע.

אָבער נאָך מעהר אויפֿגעשטורעמט האָט די חסידישע וועלט, הערענדיג איינמאָל בעפֿאָר שבועות, אַז ר׳ שלמהלע האָט באַשלאָסען צו פֿאָהרען קיין סאַנז טאַקע אויף שבועות.

צום סאַנזער פֿלעגען פֿאָהרען צעהנדליגע גוטע אידען. כמעט אַלע גוטע אידען פֿון גאַליציע און אונגאַרן פֿלעגען קומען צום סאַנזער, אויך אַ סך גוטע אידען פֿון פוילען, ווי למשל, דער רבי ר׳ יאָסעלע פֿון ניישטאָדט, ר׳ נתן דוד שידלאָווצער, ר׳ מלך גראָדזשיסקער און דער בענדינער צדיק. פֿון די גאָר גרויסע גוטע אידען פֿון גאַליציע און אונגאַרן וואָס זענען גע־פֿאָהרען צום סאַנזער, זענען געווען דער רבי ר׳ דודל פֿון דינאָב (אַ זוהן פֿון דעם גרויסען רבי ר׳ הירש מלך), דער רבי ר׳ מאירל פֿון דזיקוב, דער ראָזוועד־דאָווער צדיק, ר׳ הירשעלע ליסקער, און אפילו אַזאַ באַריהמטער רבי ווי דער בעלזער צדיק ר׳ יהושעלע (דעם איצטיגען בעלזערס אַ זיידע) פֿלעגט קומען צום סאַנזער. אָבער דאָס איז נאָר געווען אויף פשוטע שבתים. שבועות זע־נען אַלט גוטע אידען, קלענערע און גרעסערע, געזעסען אין זייערע היימען. שבועות איז דער ענין, ווען חסידים פֿאָהרען צו קבלת התורה צו זייערע רביים. אַן אמת׳ער חסיד וועט ניט פֿעהלען צו זיין ביי זיין רבי׳ן שבועות, אפילו פֿאַר כל הון דעלמא (פֿאַר אַלעם געלד אין דער וועלט).

און דאָ פלוצלינג מאַכט באַקאַנט איינער פֿון די גרעסטע גוטע אידען פֿון פוילען, ר׳ שלמהלע ראַדאָמסקער, אַז ער לאָזט איבער זיין מלוכה, מיט זיינע טויזענדער חסידים, און פֿאָהרט אויף שבועות צום סאַנזער צדיק.

„טאַטע״ — האָט דאַמאָלס צו איהם געזאָגט זיין עלטסטער זוהן ר׳ אברהם׳לע, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען דעם פֿאָטערס ממלא מקומו — „ווי קענסטו איבערלאָזען דיינע חסידים אין אַזאַ הייליגען יום טוב ווי שבועות ווי קענסטו מצער זיין אַזויפֿיעל טויזענדער אידען יראים ושלמים?״

"מיין קינד" — האָט ר' שלמהלע געענט־ערט, נעהמענדיג זיין ווייסע באָרד אין האַנד — "מען ווערט אַלט, און איך וואָלט נאָך געוואָלט פיהלען דעם טעם פון קבלת התורה, וואָס אידען האָבען געפיהלט במעמד הר סיני, און דאָס קען מען נאָר פיהלען זייענדיג ביים הייליגען סאַנזער."

ר' אברהמלע האָט מעהר נישט געפרעגט קיין קשיות.

טויזענדער חסידים זענען יענעם שבועות געווען אין ראַדאָמסק, זיי האָבען געדאַוועגט אין בית המדרש פון ראַדאָמסקער צדיק, אָבער דער צדיק אַליין איז געווען אין סאַנז.

אָנקומענדיג אין סאַנז, איז דער סאַנזער צדיק איהם זאָפאָרט געגאַנגען באַזוכען, דאָס איז געווען אין סאַנז אַ זעלטענהייט. די צוויי אַלטע צדיקים האָבען פאַרבראַכט צוזאַמען אַ געוויסע צייט.

"פלאי פלאים" — האָט דער סאַנזער דאַן געזאָגט, צוריקקומענדיג פון ר' שלמהלעס אכסניא. — "דער הייליגער ראַדאָמסקער איז שוין גרייט צו קבלת התורה, און איך הויב נאָך נישט אָהן צו פיהלען פון דער קדושת התורה וואָס ר' שלמהלע פיהלט."

ווען דער סאַנזער האָט שפעטער מכבד געווען ר' שלמהלען מיט דאַווענען פאַר'ן עמוד שבועות, האָט ר' שלמהלע זיך אין אָנפאַנג געווייגערט. "איהר ווייסט דאָך סאַנזער רבי" — האָט ר' שלמהלע געזאָגט — "אַז איך זאָג נישט קיין פיוטים, און איהר, רבי, זייט דאָך מדקדק נישט צו פאַרפעהלען אַ שטיקעל פיוט."

"דאָ וואו ר' שלמהלע ראַדאָמסקער דאַווענט פאַרן עמוד" — האָט דער סאַנזער געענטפערט — "דאַרף מען נישט זאָגען קיין פיוטים."

"יענעם שבועות" — פלעגען אַלטע חסידים זאָגען — "האָט מען אין סאַנזערם בית המדרש טאַקע נישט געזאָגט קיין פיוטים, עס איז אָבער געווען אַ שבועות, ממש כעין קבלת התורה במעמד הר סיני. ויחרד כל העם אשר במחנה, עס איז געווען פחד שבפחדים."

קאַפּיטעל 8

דער צדיק ר׳ אייזיק׳ל קאלעווער. — דער סאנזער צדיק הייסט זיך זינגען דעם קאלעווערס ליעדלאך. — דאס „וואלד ליעדעל“ — די שיטה פון סאנזער חסידות, רבנות מיט חסידות. — א תורה׳לע פון בעל שם, איינע פון די סיבות וואס האט ארויסגערופען די מחלוקה פון מתנגדים געגען חסידים.

עס וועט זיין, מיין איך, אינטרעסאנט דא פאַרצושטעלען איינעם פון די מערקווירדיגסטע אונגארישע צדיקים, וואס האט געלעבט א דור נאך דעם בעל שם טוב — ר׳ אייזיקל קאַלעווער זצ״ל.

ר׳ אייזיקל קאלעווער איזווירקליך געווען איינער פון די מערקווירדיגסטע גוטע אידען אין אונגאַרן. דאָס איז געווען אַ קדוש וטהור וואָס האט נישט נהנה געווען פון דער וועלט אפילו באצבע קטנה, מיט דעם קליינעם פינגער׳ל. ער איז געווען אַ גרויסער מנגן און פלעגט זינגען פאַרשיעדענע ליעדלאַך און דוקא אין מאַדיאַרישען לשון. איינע פון זיינע ליעדלאַך וואָס אונגאַרישע אידען זינגען ביז דעם היינטיגען טאָג, איז דאָס ליעדעל „סאלא קאקאש מאר“ דער האָהן האָט שוין געקרעהט און דער מאָרגענשטערן איז שוין אויפ־געגאַנגען. דאָס דאָזיגע ליעדעל ווערט געזונגען אין אונגאַרן ביי יעדער שמחה, סיי פון חסידים, סיי פון מתנגדים, און אפילו פון די אויפגעקלעהרטע. הויבט מען אָן זינגען „סאלא קאקאש מאר“, ווערט דער אונגאַרישער איד גאָר אן אנדערער מענש. ער פאלט אריין אין באגייסטערונג. דאס ליעדעל „סאלא קאקאש מאר“ דריקט מיט זיך אויס א בענקעניש נאָך דער שכינה הקדושה, נאָך ציון, און נאך דעם בית המקדש.

אַ צווייטע ליעדעל פון דעם הייליגען קאלעווער איז דאָס „וואַלד ליעדעל“.

דער קאלעווער פלעגט פון צייט צו צייט ארויספאָהרען אין וואלד אריין זיך צוהערען די נגונים וואָס די פאסטוכער פלעגען זינגען און זיך

צוגעשפּילט מיט זײַערע פּײפלעך. דיעזע נגונים פלעגט ער אויפכאפּען און זײַ ארײנברענגען אין דער קדושה.

אײַנמאָל איז דער צדיק געזעסען אין וואלד צוהערענדיג זיך ווי א פּאַסטוך זינגט מיט אַ האַרצרײסענדע מעלאָדיע אָט דיעזעס ליעדעל אין אונגאריש, (מיר גיבען דאָ די אידישע איבערזעצונג):

וואַלד, וואַלד, ווי גרויס ביסטו!
ראָזאַ, ראָזאַ, ווי ווײט ביסטו!
וואָלט דער וואַלד ניט גרויס געווען,
וואָלט דאָך מײן ראָזאַ נעהנטער געווען,
וואָלט מען מיך פון וואַלד ארויסגענומען,
וואָלטען מיר זיך בײדע צוזאַמענגעקומען.

דער פּאַסטוך האָט געזונגען אַ ליעבעס־ליעד פון זײן געליעבטע ראָזאַ, דער הײַליגער קאַליווער האָט דאָס ליעד באַלד אויפגעכאַפּט, ער איז אָפּגע־גאַנגען אין אַ זײט און זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטײַן און מיט דערזעלבער האַרצרײסענדער מעלאָדיע האָט ער אָנגעפאַנגען זינגען:

גלות, גלות, ווי גרויס ביסטו!
שכינה, שכינה, ווי ווײט ביסטו!
וואָלט דער גלות ניט גרויס געווען,
וואָלט דאָך די שכינה נעהנטער געווען,
וואָלט מען מיך פון גלות אַרויסגענומען,
וואָלטען מיר זיך בײדע צוזאַמענגעקומען.

קײן סאַנז פלעגט אויף יעדען שבועות קומען אַן אונגאַרישער חסיד ר׳ מענדעל חוסטער, אַ איד אַ מנגן, און אָט דער ר׳ מענדעל פלעגט פאַרן סאַנזער זינגען דאָס דאָזיגע ליעדעל, צוערשט אין דער אונגאַרישער שפּראַך און דאַן אין דער אידישער איבערזעצונג. (אַנשטאַט ראָזאַ, ראָזא, פלעגט ר׳ מענדעל זינגען: רויז, רויז, נישט צו דערמאָהנען דעם נאָמען פון אַ נקבה בײם סאַנזער׳ס טיש). ווען ר׳ מענדעל איז פאַרטיג געוואָרען, פלעגט דער סאַנזער אַלײַן זינגען דאָס ליעדעל מיט אַזאַ התלהבות און מיט אַזויפיעל בענקעניש, אַזוי אַז דער גאַנצער עולם פלעגט אַרײנפאַלען אין א הימלישע באַגײסטערונג. אין אַ יראת הרוממות.

אַ גאָר, גאָר געהויבענע ראָלע האָט אין סאַנז פונקט ווי אין ראָפּשיץ

געשפּיעלט דער זמר „לאל אשר שבת מכל המעשים“, וועלכען מען פלעגט זינגען פרייטאָג צו־נאַכטס ביים טיש, און נאָך אַלע זמירות. דעם דאָזיגען „זמר“ פלעגען חסידים רופען „די מלאכים מעלאָדיע“. חסידים דערצעהלען וועגען דער דאָזיגער „מלאכים מעלאָדיע“ אָט די געשיכטע:

דער „חוזה“ (דער רבי ר׳ איציקל ז״ל) איז אַמאָל פרייטאָג צו־נאַכטס ביים טיש אַריינגעפאַלען אין אַ מורא׳דיגע דבקות. ממש שלא כדרך הטבע. מען האָט געזעהען בחוש „השראת השכינה“. די הערצער פון די חסידים האָבען געפלאַטערט פאַר יראת הרוממות. זיי האָבען געזעהען אַז היינט איז עפּעס נייעס. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטען דעם גאַנצען טיש פרייטאָג צו־נאַכטס, ביז צום בענשען. פאַר׳ן בענשען האָט ער אַרויפגעלעגט די האַנד אויפ׳ן טיש, און דעם קאָפּ אַ וואָרף געטהאָן אויף דער האַנד און אַזוי איז ער געבליעבען ליעגען, ווי אַ שלאָפעדיגער, מיט׳ן פנים אויפ׳ן טיש.

אַ שרעקליך פחד האָט דורכגעדרונגען די ביינער פון אַלע חסידים. זיי האָבען דאָסמאָל זוכה געווען צו זעהן בחוש ווי דער הייליגער צדיק האָט „עלית־נשמה“, זיי האָבען זיך אָבער געשראָקען, אַז דאָס שטאַרקע „התדבקות“ זאָל ניט חלילה ברענגען אַן אונגליק. וואָרים וויסען מוז מען, אַז צופיעל התדבקות, צופיעל מחותנות׳שאַפט מיט דער שכינה, איז צום גוף זעהר אַ גרויסע סכנה. עס קען קומען צו דער בחינה פון „לא יראני האדם וחי“. פרובט, למשל, און נעהמט אַ קליין ברענענדיג ליכט אין דער האַנד און האַלט דעם פלאַם פון׳ם קליינעם ליכט שטאַרק נאָהענט פון אַ גרעסערען פלאַם, וועט איהר באַלד זעהען, ווי דאָס קליינע ליכט וועט באַלד אויסגעלאָשען ווערען; דאָס קליינע פלאַם׳כעל איז זיך מדבק אינ׳ם שורש, דעם גרויסען פלאַם, „והיו לאחדים“ און עס ווערט פון זיי איינס. דאָס זעלבע קען אויך געשעהען מיט די נשמה פונ׳ם צדיק, ווען זי וואַגט אַ ביסל מעהר ווי מען דאַרף זיך מתקרב צו זיין צום שורש. דעריבער האָבען די חסידים זיך זעהר געשראָקען, עס זאָל ניט חלילה געשעהען אַן אונגליק.

דער לובלינער ז״ל איז אין דעם „מעמד“ אַזוי געלעגען אַן ערך פון מעהרערע שטונדען. קיינער האָט ניט געוואַגט איהם אַ ריהר צו געבען, וואָרים עס וואָלט געווען „בנפשו“. מיט די הסכמה פון די „ראשי החסידים“ האָט אַלעס אָנגעהויבען הויך צו זינגען, כדי איהם מבלבל צו זיין און מיט געוואַלד

אוועקרייסען פונ׳ם שורש; די אַלע פעולות האָבען אָבער גאָר ניט געהאָלפען און מען האָט געזעהען, אַז עס איז ממש „כלות־הנפש“.

פלוצלינג, פונקט צוועלף אַ זייגער, האָט זיך דער רבי אויפגעכאַפּט מיט אַ מין שמחה, אַז עס איז געווען ממש אין לשער, און האָט אָנגעהויבען צו זינגען דעם מזמור „לאל אשר שבת“ מיט אַן אומבאַקאַנטען ניגון, אָבער מיט אַ מין התלהבות און פייער, אַז עס איז געווען ממש ביי אַלע חסידים „פרחה נשמתם“. באַלד האָבען אַלע מיטגעזונגען, די לופט האָט געזונגען, די ווענט האָבען געזונגען, מען האָט פשוט געפיהלט טעם גן־עדן. עס איז געווען אַ שמחה אין אַלע עולמות. נאָכ׳ן זינגען האָט ערשט דער רבי ז״ל דערצעהלט, אַז ער איז באמת געווען אין אַ סכנה, ער האָט זיך ניט געקענט אָפּרייסען פונ׳ם שורש. פּלוצים האָט ער דערהערט ווי די מלאכים הויבען אָן צו זינגען שירה פאַר גאָט ברוך הוא, דעם זמר „לאל אשר שבת“ מיט דיעזער מעלאָדיע. דאָס מתיקות פונ׳ם זינגען איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז עס איז געווען „כלות הנפש“. פלוצים איז צו איהם געקומען אַן אלטער מאַן—וואָהר־שיינליך אליהו הנביא — און האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנד מיט דיעזע דבורים: איציק׳ל, דו ביזט דאָ אַזוי פאַרטראַכט, האָסט דאָך גאַנץ פאַרגעסען אַז דו האָסט נאָך ניט געבענשט!— און תוך כדי דבור האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און געזונגען דעמזעלבען זמר מיט דערזעלבער מעלאָדיע. ביים טיש איז דעמאָלס אויך געווען דער ראָפּטשיצער, וועלכער האָט דאַן איינגעפיהרט ביי זיין טיש, פרייטאָג צו־נאַכטס צו זינגען פאַר׳ן בענשען דיעזען זמר מיט דער „מלאכים־מעלאָדיע“, און אויך ביים סאַנזערם טיש פלעגט מען פרייטאָג צו־נאַכטס זינגען דעם זמר „לאל אשר שבת“ מיט באַזונדערע התעוררות.

דער סאַנזער צדיק, ווי עס איז שוין דערצעהלט געוואָרען, איז געווען דער ערשטער חסידישער רבי נאָך דעם בעל שם, וואָס האָט געשטרעבט צו־זאַמענצושליסען רבנות מיט חסידות, די שיטה פון ווילנער גאון מיט דער שיטה פון בעל שם. די שטרענגע הלכה מיט דער פייערדיגער חסידישער נשמה. זיין רבי, ר׳ נפתלי ראָפּטשיצער, איז צוואַר געווען דער אָנהויבער. דער סאַנזער איז אבער געווען מעהר גאון פון זיין רבין און אויך אַ גרעסערער קעמפפער, און ער האָט דעם קאַמפף, צוזאַמענצושליסען דאָס חסידות מיט לומדות, אָנגעפיהרט מיט אַזאַ אייפער, אַז דאָס האָט איהם אויף זיינע עלטערע

יאָהרען אַריינגעפיהרט אין דער מוראדיגער מחלוקה סאַנז און סאַדאגורע, ווי עס וועט דערצעהלט ווערען אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלעך.

מען דאַרף וויסען, אַז ביז צום ווילנער גאון איז געווען די הערשענדע מאַכט אין דעם יודענטום דאָס לומדות. די הלכה, די דינים, די גזירות און מנהגים דאָס האָט באַשאַפען אין יודענטום אַ מין אַריסטאָקראַטיע. די רבנים, די לומדים, די לערנער, זיי זענען געווען די אַריסטאָקראַטען פון פאָלק, ווערענד דאָס פשוטע פאָלק, די מאַסען, זענען געווען זייערע "פוסבענקלאַך", וואָס לעבען נישט אין זייער אייגענעם זכות, נאָר אין דעם זכות פון די לומדים. איז געקומען דאָס חסידות און האָט געבראַכט אַ נשמה אויך צום פשוט'ן פאָלק. דאָס חסידות האָט געבראַכט צום פאָלק די בשורה טובה, אַז יעדער איד, דער פשוט'ער פונקט ווי דער למדן, דער בעל מלאכה פונקט ווי דער רב, איז אַ "חלק אלקי ממעל" (אַ טהייל פון דער געטליכקייט אַליין), אַז יעדער איד איז אַז אבר (אַ גליעד) פון דער שכינה הקדושה. אַז אַ איד וואָס איז נישט קיין למדן, קען אַמאָל זיין ביים רבונו של עולם אַ גרעסערער חשוב ווי אַ לערנער, אויב זיין האַרץ איז נאָר גוט. "רחמנא לבא בעי". אַז השם יתברך זוכט נישט דעם גוטען קאָפּ, נאָר דאָס גוטע האַרץ. אַז אַ קאַפּיטעל תהלים בכונה איז אַמאָל חשוב'ער ביים רבונו של עולם ווי צעהן בלאַט גמרא שלא בכונה.

דאָס חסידות האָט איבערהויפּט פאַרהייליגט די מחשבה, דעם געדאַנק. "המחשבה דבר נש היא נשמתו" לערנט דער בעל שם. די מחשבה פון מענש, דאָס איז זיין נשמה. דער בעל שם געפינט אָט די דאָזיגע לעהרע טאַקע אין דער גמרא גופא.

אין דער גמרא שטעהט: "בכל יום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת, שובו בנים שובבים" (יעדען טאָג געהט אַרויס אַ געטליכע שטימע פון באַרג חורב און רופט אויס: טהוט תשובה, איהר ווילדע קינדער). פרעגט דעם בעל שם: ממה נפשך, איז עס דער רצון פון בורא, אַז מען זאָל די שטימע הערען, טו פאַרוואָס הערט מען זי נישט. איז אָבער דער רצון פון בורא אַז מען זאָל דאָס בת קול נישט הערען, וואָסזשע איז די פעולה פון דעם בת קול, אַז מען הערט איהר סאַי ווי סאַי נישט? נאָר, ענטפערט דער בעל שם, דער ענין איז אַזוי: אין עולם העליון איז נישטאָ קיין דיבור און עס נישטאָ קיין קול. דאָרט איז דער סאַמע עולם המחשבה. און בעת עס קומט אַריין אין איד אַ מחשבה פון תשובה, איז דאָס טאַקע דער בת קול פון הר חורב. די מחשבה

דלמטה באַהעפֿט זיך צו דער מחשבה דלמעלה. דאַריבער זאָגט דער בעל שם׳ דאַרף מען וויסען, אַז די מחשבה איז דער עיקר, און יעדער איד דאַרף קודם כל מקדש ומטהר זיין די מחשבה. אַז די מחשבה איז ריין, איז אַלעס ריין.

די דאָזיגע לעהרע איז געווען איינע פֿון די סיבות וואָס האָט אַרויס־גערופֿען די מחלוקה פֿון די מתנגדים געגען דעם חסידות. די פֿרומע מתנגדים האָבען זיך פֿאַר אַזאַ לעהרע דערשראָקען. אויב די "מחשבה" איז דער עיקר, מיינט דאָך דאָס אַז די "מעשה" איז אַ טפל. אַזאַ לעהרע קען דאָך אָפּשאַפֿען אַלע מצות המעשיות חס ושלום, און ברענגען אין יודענטום די גרעסטע אפיקורסות.

מען מוז דאָ מודה זיין, אַז דער שרעק פֿון די מתנגדים האָט געהאַט אַ שטיקעל באַרעכטיגונג. די ערשטע חסידים, ווי דער בעל שם מיט זיינע תלמידים, האָבען טאַקע געהאַלטען אַז דער עיקר איז די מחשבה. זיי האָבען אָבער נישט אַרונטערגענומען פֿון די מצות המעשיות אפילו אַ האָר. די דינים און חוקים און מנהגים און גזירות זענען ביי די חסידים אַזוי פֿאַרהייליגט געווען פונקט ווי ביי די מתנגדים. שפעטער האָט זיך אָבער דער ענין פֿאַר־צויגען צו שטאַרק. עס איז געוואָרען מעהר מחשבה ווי מעשה. מעהר דיבור ווי לימוד. אַ חסידישע מעשהלע האָט מען מעהר פֿאַרהייליגט ווי אַ בלאַט גמרא, אַ שיחהלע פֿון רבין האָט געקראָגען אַ גרעסערע באַדייטונג ווי די גרעסטע מצוה, אמונה אין רבין האָט מכפר געווען אויף אַלצדינג.

צוויי חסידים זענען זיך מפלפל ווער עס איז גרעסער, דער רבי אָדער כביכול גאָט ברוך הוא. "אודאי איז דער רבי גרעסער" — זאָגט דער ערש־טער — "והראיה עס שטעהט דאָך בפירוש, הצדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים (דער צדיק באַפֿעהלט און גאָט ברוך הוא פֿאָלגט), איז דאָך אַ סימן אַז דער רבי איז גרעסער ווי כביכול, דער באַשעפֿער גופא."

"אי, אי, — זאָגט דער צווייטער חסיד — "צו זאָגען אַז דער רבי איז גרעסער ווי כביכול גאָט אַליין, דאָס קען מען דאָך נישט. מען קען נאָר זאָגען אַז מורא האָבען פֿאַר איהם (פֿאַר גאָט) האָט ער נישט." (ביידע, הייסט עס, זענען גלייך).

דיעזע הלצה׳לע וואָס געהט אַרום צווישען חסידים, כאַראַקטעריזירט ווי ווייט דאָס חסידות האָט זיך פֿאַרלוירען, האָט אָנגענומען אַ נייע באַדייטונג. דער רבי, די מעשה׳לעך, די שיחה׳לעך, האָבען אָנגעהויבען צו שפּיעלען אַ

וויכטיגערע ראָלע ווי די גמרא, ווי די מצות, ווי דער שלחן ערוך, ווי דאָס תהלים'ל, ווי די שכינה כביכול אַליין.

די געשיכטע איז געוואָרען נאָך געפֿערליכער, דערמיט וואָס מען האָט צוגעשריבען די גרינגשעצונג פֿון תלמוד, פֿון שלחן ערוך און פֿון די דינים, צום בעל שם גופא, אַז ער, דער בעל שם, איז געווען אַ מתנגד פֿון די רבנים און לומדים. מען האָט פֿאַרגרינגערט דעם שלחן ערוך און געזוכט שוץ אונ־טער דעם "יוצר החסידות" (דער שעפֿער פֿון חסידות), אונטער דעם גרויסען בוים, דעם בעל שם אַליין.

דער אמת איז געווען, אַז דער בעל שם האָט פֿאַרהייליגט דעם תלמוד, דעם שלחן ערוך און די פוסקים ראשונים ואחרונים.

"אַלע חבורים וואָס זענען פֿאַרפֿאַסט געוואָרען ביז צום מהרש"א, דער מהרש"א אַריינגערעכענט" — זאָגט דער בעל שם — "זענען פֿאַרפֿאַסט גע־וואָרען ברוח הקודש, און ווייל זיי זענען פֿאַרפֿאַסט געוואָרען ברוח הקודש זענען זיי אַזוי הייליג ווי די תורה גופא."

"דער טו"ז און דער ש"ך — זאָגט דער בעל שם — זענען די לעצטע פוסקים (פוסקים אחרונים) און דאַריבער דאַרף מען זייערע ווערטער נישט גרינגשעצען, נאָר אדרבה, נאָך מעהר פֿאַרהייליגען." (זעה רבי ישראל בעל שם טוב, חייו, פעולותיו ותורתו, פֿון הרב מ. י. גוטמאַן).

לומדי תורה און תלמידי חכמים האָט דער בעל שם פשוט פֿאַרהייליגט. זאָגאַר די וואָס זענען געווען זיינע ביטערסטע מתנגדים. ער האָט זיי איינפֿאַך מחבב ומנשק געווען (געהאַלזט און געקושט).

אויף ר' חיים סונצר (נישט ר' חיים סאַנזער פֿון וועלכען מיר שרייבען, נאָר אַ באַריהמטער גאון פֿון בראָד אין בעל שם'ס צייטען), זיין ביטערען מתנגד, האָט דער בעל שם אַמאָל געזאָגט: ער איז אַ גרויסער "שקרן": ער זאָגט "אשמנו", "בגדנו", און איך זאָג אייך אַז דער איד האָט קיינמאָל נישט געזינדיגט. ער איז כלו קודש (הייליג אין גאַנצען).

קאַפּיטעל 9

נאך אן עפיזאדע פון בעל שם הקדוש. — א תשובה צו ר' דוד דייטש. — א שיחה'לע פון א קראקאווער תלמיד חכם. — א מעשה'לע מיט א בת תלמיד חכם. — דער אונגווארער גאון, ר' מאיר א"ש זצ"ל. — א רוח הקודש פון חתם סופר.

ווי ווייט דער בעל שם האָט מחבב געווען תלמידי חכמים, באַווייזט פאָלגענדער עפּיזאָד:

זייענדיג אין בראָד איז דער בעל שם, באַגלייט פון זיינע תלמידים דורכגעגאַנגען אין דער גאַס פון מתנגדישען בית המדרש. אַ באַקאַנטער תלמיד חכם, אָבער אַ פאַרביסענער געגנער פון בעל שם איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון בית המדרש. דערזעהענדיג דעם בעל שם, איז ער אַזוי אויפגערעגט געוואָרען, אַז ער האָט געכאַפּט אַ שטיין און נאָכגעוואָרפען. דעם בעל שם'ס באַגלייטער זענען געלאָפען דעם מתנגד שלאָגען.

"חס ושלום!" — האָט דער בעל שם אויסגעשריען — "דער איד איז אַ תלמיד חכם און וועה דעם, וואָס וועט אַרויפלייגען אַ האַנד אויף אַ תלמיד חכם!"

אַן אַנדערע אגדה דערצעהלט, אַז דער בעל שם איז אַמאָל געפאָהרען צו ר' יצחקל דראָהביטשער כדי איהם משמש צו זיין. אַמאָל האָט דער בעל שם אַריינגעטראָגען אַ קריגעלע קאַווע פאַר דעם גאון. נאָך דעם טרינקען האָט דער בעל שם צוריקגעטראָגען דאָס ליידיגע קריגעלע אין דער קיך אַריין.

"ר' ישראל" — האָט דער דראָהביטשער גאון געפרעגט דעם בעל שם — "מילא, אַריינטראָגען די קאַווע האָט איהר געוואָלט, זאָגט איהר, מקיים זיין די מצוה פון שמוש תלמידי חכמים, אָבער צוריקטראָגען דאָס קריגעלע אין דער קיך אַריין, איז דאָך שוין נישט קיין שמוש תלמידי חכמים."

"החזרת הכף (צוריקטראָגען דעם לעפעל אין דער עבודה פון יום כפור)

איז פאַרעכענט אַלס איינע פון די עבודות אין בית המקדש" — האָט דער בעל שם געענטפערט.

דאָס באַווייזט, אַז די באַהויפטונג, אַז דער בעל שם האָט זיך באַנומען מיט גרינגשעצונג צו תלמידי חכמים, איז געווען אַ פאַלשע.

שפעטער האָט זיך אָבער דאָס חסידות טאַקע שטאַרק פאַרלוירען. דאָס לערנען איז געוואָרען אַ טפל און דאָס חסידות אַן עיקר. אַ שיחה'לע פון רבין איז געוואָרען מעהר ווי לערנען אַ בלאַט גמרא מיט תוספות, און אַן "אייניקעל" נאָך אין די ווינדעלאַך, האָט געקראָגען מעהר באַדייטונג ווי דער גרעסטער גאון. טרינקען תיקון, דערצעהלען מעשה'לאַך, שמועסען פון גוטע אידען, האָבען אָנגעהויבען שפּיעלען די וויכטיגסטע ראָלען אין חסידישען לעבען.

ר' חיים סאַנזער האָט די געשיכטע געוואָלט צוריקכאַפּען. ער האָט געשטרעבט צוריקצוברענגען דאָס חסידות צו איהר שורש. חסידות איז טאַקע אַ גרויסער ענין, אָבער לערנען איז אַ סך גרעסער. ער האָט איבערהויפּט גע־שטרעבט אַריינצופלעכטען דאָס חסידות טאַקע אין לערנען.

אַ יונגער חסיד האָט אַמאָל געפרעגט דעם סאַנזער, וועלכע ספרים זע־נען די בעסטע צו לערנען חסידות.

"גמרא מיט תוספות" — האָט דער סאַנזער געענטפערט.

דער אונגאַרישער מתנגדישער גאון ר' דוד דייטש, באלאַש יארמוטער רב, האָט אַמאָל געפרעגט דעם סאַנזער, ווי אַזוי אַזאַ גאון ווי ער (דער סאַנ־זער) ערלויבט זיינע חסידים מבטל צו זיין פון פשטי תורה, גמרא און פוסקים.

"חס ושלום" — שרייבט דער סאַנזער אין זיין ספר שו"ת דברי חיים, ח"ב, חיו"ד סימן מ"ז — "מיר חסידים זענען נישט מבטל פון פשטי התורה, חסידות לערנען מיר נאָר ווען אַנדערע שלאָפען. אונזער הויפּט לערנען איז ש"ס און פוסקים". (אנו עוסקים בחכמת הקבלה רק בשעה שבני אדם שוכבים על מטתם, ואנחנו מנדדים שינה, אבל עיקר עסקנו בש"ס ופוסקים".)

און ווי גרויס עס איז געווען דעם סאַנזערס ליעבע צום לערנען, אַזוי גרויס איז אויך געווען זיין ליעבע צו תלמידי חכמים. סאַי מתנגדים, סאַי חסידים. עס האָבען פאַר איהם געמעגט שטעהן די גרעסטע גבירים, קוים האָט ער דערזעהן אַ תלמיד חכם, האָט ער אַלעמען געלאָזט שטעהן און זיך משתעשע געווען מיט דעם תלמיד חכם.

איך וויל דאָ איבערדערצעהלען עטליכע עפּיזאָדען וואָס ווערען דערצעהלט פון סאַנזער חסידים וועגען זיין גרויסע ליעבע צו תלמידי חכמים.

אַמאָל איז צו איהם געקומען אַ איד אַ תלמיד חכם פון קראָקא. דער סאַנזער האָט זיך מיט איהם משתעשע געווען ווי זיין שטייגער. געזעגענענדיג זיך, האָט דער איד דערזעהן ווי דער אַלטער צדיק באַגלייט איהם.

„רבי" — האָט דער איד געזאָגט — „איך בין נישט ווערט דעם כבוד."

דער איד האָט דערמאָהנט דעם סאַנזער, אַז עס שטעהט אין „מגן אברהם": „אויב מען גיט צופיעל כבוד אַ מענש, דערפאַר וואָס מען מיינט אַז ער האָט געלערענט אַ סך מסכתות, דאַרף ער זאָגען, אַז ער האָט געלערענט ניט מעהר ווי איין מסכת."

„אמת, אמת" — האָט דער סאַנזער געענטפערט — „ווייסט איהר אָבער וויעפעל כבוד עס קומט אַ איד וואָס האָט אויסגעלערענט אַ גאנצע מסכת?"

איינמאָל, געהענדיג באַגלייטען אַ תלמיד חכם, איז צו איהם צוגעגאַנגען אַ באַקאַנטער עושר מיט אַ קוויטעל. „גאַלגאַן!" (דאָס איז געווען דאָס איינציגע זידעל־וואָרט וואָס דער סאַנזער האָט באַנוצט) — האָט דער צדיק אויסגעשריען — „זעהסטו דען נישט אַז איך געה באַגלייטען אַ איד אַ תלמיד חכם, און דו וואַגסט מיך מבטל זיין פון אַזאַ הייליגע מצוה?"

„משה יהושע" — האָט דער צדיק איינמאָל געזאָגט צו זיין לייב־גבאי — „אפרים'ל מלמד'ס טאָכטער איז דאָ היינט געווען און געבעטען אויף אַ פּאָר שיך. איך האָב נישט געהאַט קיין געלד און איך האָב איהר פאַרשפּראָכען, אַז וויבאַלד איך וועל נאָר האָבען עפּעס געלד, וועל איך איהר שיקען. איך האָב איצט געלד, טראָגזשע איהר אָפּ 5 רייניש אויף אַ פּאָר שיך. אָבער טאַקע תיכף ומיד."

דעם צדיק'ס יונגע טאָכטער, אַ מיידעל, וואָס איז גראָד געווען אין שטוב, האָט זיך שטאַרק צעוויינט. אויף דער פראַגע פון צדיק, פאַרוואָס זי וויינט, האָט די טאָכטער געענטפערט:

„טאַטע, שוין עטליכע וואָכען צייט, ווי איך בעט אויף אַ פּאָר שיך און דו ביסט מדחה פון טאָג צו טאָג. אָבער ר' אפרים'ל'ס טאָכטער האָסטו באַלד געגעבען, טאַקע אין זעלבען טאָג."

„שטיל!" — האָט דער צדיק אַ געשריי געגעבען — „ר' אפרים'ל'ס טאָכטער איז אַ בת תלמיד חכם! דו פאַרשטעהסט, אַ בת תלמיד חכם!"

משה יהושע האָט זיך נישט געקענט מעהר באַהערשען. „רבי״ — האָט משה יהושע געזאָגט — „מען זאָגט אַז אויך זי״ — וויזענדיג אויף דעם צדיק׳ס יונגע טאָכטער — „איז אַ בת תלמיד חכם.״

„אַזוי, אַזוי״ — האָט דער צדיק געמורמעלט — „טו גיבזשע אויך איהר פינף ריינישׁ אויף אַ פּאָר שיך.״

דאָס איז געווען פאַר אַ פשוט׳ן תלמיד חכם. פאַר אַ גדול איז דער סאַנזער איינפאַך בטל געוואָרען.

אין אונגאַרן דערצעהלען חסידים פאָלגענדע געשיכטע:

אַמאָל איז דער סאַנזער גאון דורכגעפאָהרען די שטאָדט אונגוואַר. צו יענער צייט איז געווען אונגוואַרער רב ר׳ מאיר א״ש, דעם חתם סופר׳ס אַ תלמיד און חבר. (נאָך דעם חתם סופר׳ס פטירה איז ר׳ מאיר א״ש באַ־צייכענט געוואָרען אַלס דער גרעסטער גאון אין אונגאַרן.) דער סאַנזער האָט אָפּגעשטעלט אין אונגוואַר, כדי זיך צו זעהן מיט דעם גרויסען אונג־וואַרער גאון.

די שמחה פון ר׳ מאיר א״ש איז געווען אין לשער. ער האָט לכבוד דעם גאַסט פאַראַנשטאַלט אַ סעודה און איינגעלאַדען אַלע תלמידי חכמים פון שטאָדט. נאָכן עסען האָט ר׳ מאיר א״ש געבעטען דעם סאַנזער, ער זאָל זאָגען עפּעס חדושי תורה. דער סאַנזער האָט געזאָגט אַ טיעפען פלפול.

ר׳ מאיר א״ש האָט פּרובירט דעם סאַנזער אָפּצוּוואַרפען. ער האָט גע־פרעגט קשיות נאָך קשיות, דער סאַנזער אָבער האָט גאָר נישט געענטפערט.

פאַרטיג ווערענדיג, האָט ר׳ מאיר א״ש געזאָגט אַ פלפול פאַר דעם סאַנזער. דער סאַנזער האָט זיך צוגעהערט מיט טיעפער אויפמערקזאַמקייט, אָבער גאָר נישט געפרעגט. די לומדים ביים טיש האָבען זיך שטאַרק גע־וואונדערט פאַרוואָס דער סאַנזער האָט גאָרנישט מפלפל געווען מיט דעם אונגוואַרער גאון, גאָר נישט געפרעגט און גאָר נישט געענטפערט. זיי האָבען גערעכענט אַז דער סאַנזער האָט נישט געהאַט וואָס צו פרעגען און וואָס צו ענטפערן.

אַוועקפאָהרענדיג, האָט ר׳ מאיר א״ש געשיקט זיין באַריהמטען זוהן, ר׳ מנחם א״ש, אַליין אַ גאון עולם, דעם סאַנזער צו באַגלייטען. אויפ׳ן וועג האָט ר׳ מנחם א״ש געפרעגט דעם סאַנזער, צי האָט ער נאָך עטוואָס צו זאָ־גען זיין פאָטער.

„זאָגט אייער גרויסען פֿאָטער" — האָט דער סאַנזער געענטפֿערט — „אַז ער זאָל נאָכזעהן די און די גמרות, די און די תוספות און יענע און יענע תשובות." ר' מנחם א"ש האָט אַלעם אויפֿגעצייכענט.

ווען ר' מנחם האָט איבערגעגעבען זיין פֿאָטער דעם סאַנזער'ס ווערטער, איז דער גאון נבהל ומשתומם געוואָרען. ער האָט דערזעהן, אַז דער סאַנזער האָט געהאַט פֿאָלקאָמען רעכט.

ר' מאיר א"ש האָט זאָפֿאָרט געשיקט דעם שמש ער זאָל צוזאַמענרופֿען אַלע לומדים וואָס האָבען זיך געפֿונען ביי דער סעודה לכבוד דעם סאַנזער גאון.

ווען די לומדים זענען זיך צוזאַמענגעקומען, האָט זיך דער אונגוואַרער גאון צו זיי געווענדעט מיט די ווערטער:

„רבותי! איהר האָט היינט געהערט דעם פלפול פֿון דעם סאַנזער גאון, איהר האָט אויך געהערט אַז איך האָב געפֿרעגט עטליכע קשיות און ער האָט נישט געענטפֿערט. איהר האָט אודאי געמיינט אַז איך האָב איהם, דעם סאַנזער גאון, גובר געווען, זייטשע וויסען, אַז נישט איך האָב געהאַט רעכט, נאָר רעכט האָט געהאַט דער סאַנזער. דער גרויסער צדיק האָט אָבער געשוויגען כדי מיך צו פֿאַרשוינען, אַזוי אַז איהר, מיינע שטאָדט לומדים, זאָלט מיינען איך, אייער רב, בין מעהר גאון פֿון איהם."

„על כן רבותי, בין איך מתודה און בין מפיים דעם הייליגען גאון בפני כל עם ועדה, פֿאַר אייך אַלע אידען אין די אויגען, הוא אמת ותורתו אמת. ער איז אמת און זיין תורה איז אמת."

„אגב וויל איך אייך דערצעהלען אַ געשיכטע וועגען סאַנזער" — האָט דער אונגוואַרער גאון פֿאָרטגעזעצט.

בעת איך האָב געלערענט ביים חתם סופר אין פרעסבורג, איז אַמאָל אין מיטען לערנען אָנגעקומען אַ בריעף פֿון סאַנז. מיר האָבען געהאַט אַ באַפֿעהל פֿון דעם רבין, איהם נישט צו איבערגעבען קיין בריעף אין מיטען לערנען. דער רבי האָט אָבער דערזעהן אַז דער בריעף איז פֿון סאַנז און שטעהענדיג דאַן מיט דעם סאַנזער אין אַ פלפול וועגען אַ געוויסע שאלה, האָט דער חתם סופר זיך געהייסען דערלאַנגען דעם בריעף, וויסענדיג זיכער אַז דער בריעף איז פֿון סאַנזער גאון.

דער רבי האָט דעם בריעף דורכגעלעזען און ווענדענדיג זיך צו מיר האָט דער חתם סופר געזאָגט: „מיין קינד, דער פּאָלאַק שטרייט גוט. דער פּאָלאַק שטרייט גוט!" (אין אונגאַרן רופט מען אַ גאַליציאַנער איד „פּאָלאַק").

„דער הייליגער חתם סופר" — האָט דער גאון ר' מאיר א"ש געענ־דיגט — „האָט געזעהן ברוח הקודש, אַז דער פּאָלאַק וועט אַמאָל שטרייטען אויך מיט מיר און וועט מיך גובר זיין."

קאַפּיטעל 10

ווי אזוי האט דער סאנזער געשריעבען זיינע שאלות ותשובות. — אין גמילות חסדים האט דער סאנזער איבערטראָפען אלע גוטע אידען. — דרייערליי סאָרטען צדקה. — דער צדיק ר' הערצקא אנאשיער. — א תורה'לע פון סאנזער צדיק.

עס וועט אפשר זיין אינטערעסאַנט סאַי פאַר חסידים, סאַי פאַר מתנגדים, צו וויסען ווי אַזוי דיעזער מערקווירדיגער גאון ר' חיים סאַנזער, וועלכער פלעגט זיין אַרומגערינגעלט טאָג און נאַכט פון הונדערטער חסידים, פלעגט שרייבען זיינע טויזענדער תשובות אין אַלע אָבטהיילונגען פון שלחן ערוך, צו די באַריהמטעסטע גדולים פון דור.

„קינד" — האָט אַמאָל צו מיר געזאָגט מיין פאָטער, לאַנג נאָך דעם סאַנזערס פּטירה — „איז דען געווען אַ ילוד אשה וואָס האָט געקענט באַ-גרייפען דעם הייליגען רב?"

ווי איך האָב שוין דערצעהלט אין אָנפאַנג פון דיעזע סעריע אַרטיק-לען, איז מיין פאָטער, ר' פישל גאָרליצער האָט מען איהם גערופען, געווען מיושבי ראשונה במלכות, איינער פון די גאָר נאָהענטע מקורבים פון סאַנזער צדיק.

דער סאַנזער פלעגט פיהרען אַ ישיבה אויף דעם מתנגדישען שטייגער. פון זיינע תלמידים האָט ער געפאָדערט זיך נישט אַריינצולאָזען אין חסידות. דער מקור פון חסידות, פלעגט ער זאָגען, איז גמרא, תוספות און פוסקים. דאָס איז דער עיקר. חסידות האָט איהר צייט צו לערנען ווען איהר וועט אַלט ווערען פערציג יאָהר.

שפּעטער, ווען הונדערטער חסידים האָבען איהם באַלאַגערט טאָג איין טאָג אויס, און ער האָט חוץ דעם גענומען אָנטהייל אין אַלצדינג וואָס איז פאָרגעקומען אין אידישען לעבען אין גאַליציע און אין אַנדערע לענדער, האָט דער סאַנזער אָנגעשטעלט אַ ראש ישיבה, וואָס זאָל איהם פאַרטרעטען,

דעם ראש ישיבה האָט ער באַצאָהלט פֿון זיין אייגענער קעשענע. דער ערשטער ראש ישיבה וואָס האָט פֿאַרטראָטן דעם סאַנזערס שטעלע, איז געווען איינער ר׳ משה שמואל. איך האָב געהאַט די זכיה איהם צו קענען. אַ הויכער שעהנער איד מיט אַ וואונדערבאַרען הדרת פנים, וועלכער האָט גע־צויגען רעספעקט פֿון אַלעמען. ער איז אויך געווען אַן אמת׳ער גדול בתורה. ווען ר׳ משה שמואל איז נפטר געוואָרען, איז די שטעלע אַלס ראש ישיבה איבערגעגעבען געוואָרען צו מיין פֿאָטער, ר׳ פֿישל גאָרליצער.

דער פֿאָטער האָט אָבער געהאַט אויך אַנדערע שטעלען. ער איז גע־ווען אַ דיין אין צדיק׳ס הויז, (דער סאַנזער האָט פֿאַר זיין הויז אַליין נישט געפּסקענט קיין שאלות), און האָט אויך אָפּט פֿונגירט אַלס דעם צדיק׳ס סעק־רעטער (שרייבער.) — נאַטירליך ווען זיינע רעגעלע שרייבער (צום ערשט איינער אַ ר׳ זאַנוויל בלאזענשטיין, אַ תלמיד חכם און אַ ספרא רבה און שפּעטער ר׳ אבוש מאיר, דער באַקאַנטער מנגן פֿון וועמען איך האָב שוין אויבען דערצעהלט) — זענען נישט געווען צו קריגען.

זיינע שאלות ותשובות פֿלעגט דער סאַנזער שרייבען נאָך האַלבע נאַכט. איידער ער האָט זיך גענומען שרייבען, בעסער נאָך — פֿאָרזאָגען, וויל שרייבען אַליין איז איהם שווער אָנגעקומען, הויפּטזעכליך אויף דער עלטער, פֿלעגט ער געהן אין מקוה. צוריקקומענדיג פֿון מקוה פֿלעגט ער זאָגען אַ תפלה, בעטענדיג ביי דעם באַשעפֿער אַז ער זאָל איהם וויזען דעם ריכטיגען וועג, כדי נישט חלילה נכשל צו ווערען אין דער דבר הלכה. און ווען אַזאַ איינ־צידענט האָט דאָס אַמאָל מיין פֿאָטער געזאָגט צו מיר: „קינד, איז דען געווען אַ ילוד אשה וואָס האָט געקענט באַגרייפֿען דעם הייליגען רבּ?"

„דאָס איז געווען" — האָט דער פֿאָטער דערצעהלט — „אַ שאלה וועגען אַן עגונה. די שאלה האָט דאַן אויפֿגעשטורעמט די גאַנצע לומדישע וועלט. דער סאַנזער האָט מתיר געווען אַן עגונה, ווערהענד די גרעסטע צוויי גאונים פֿון גאַליציע, ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָהן, לעמבערגער רב, און ר׳ שלמה קלוגער, בראָדער מגיד, האָבען איהם ביטער באַקעמפּפֿט. זיי האָבען די עגונה גע׳אַסרט חתונה צו האָבען. אַנדערע גדולים האָבען נישט געוואַגט אַריינצו־שטעקען זייערע קעפּ צווישען אַזעלכע בערג. דער סאַנזער אַלזאָ, איז גע־שטאַנען איינער אַליין אויף דעם שלאַכטפֿעלד. איינער געגען צוויי גייסטיגע ריעזען.

"עס איז שוין געווען שפעט ביי נאכט" — האָט דער פּאָטער דער־צעהלט — "ווען משה יהושע (דעם סאַנזערס לייב־גבאי) איז געקומען צו לויפען, אַז דער רב רופט מיך. (סאַנזער חסידים פלעגן רופען זייער רבין סתם "דער רב" אָדער "דער הייליגער רב".) איך האָב נאַטירליך נישט געצעגערט אַ מינוט און בין תיכף געגאַנגען.

"אַריינקומענדיג אין דער ספרים-שטוב, איז דער רב פונקט געקומען פון מקוה, און נאָכדעם ווי ער האָט מיר אין קורצען געזאָגט אַז מען דאַרף שריי־בען אַ תשובה צום לעמבערגער רב, ר' יוסף שאול נאטאנזאָהן, האָט ער זיך געשטעלט אין אַ ווינקעלע מתפלל זיין.

"מיין קינד" — האָט דער פּאָטער אויסגעשריען מיט התלהבות — "ווער עס האָט נישט געהערט דאַן פון דעם הייליגען רב די תפילה: "והאר עינינו בתורתך, ודבק לבנו במצותיך" (און דו זאָלסט דערלייכטען אונזערע אויגען מיט דיין תורה און באַהעפּטען אונזער האַרץ מיט דיינע מצות), ווער עס האָט נישט געהערט זיינע בכיות און זיין השתפכות הנפש, דער קען נישט באַ־גרייפען וואָס עס מיינט קדושה וטהרה. משה יהושע און איך זענען געשטאַנען מיט איינגעהאַלטענע אָטהעמס און טרערען האָבען זיך געגאָסען פון אונ־זערע אויגען.

"פאַרטיג ווערענדיג מיט דער תפלה, איז דער רב צוגעקומען צום שרייב־טיש, וואו איך האָב שוין געהאַט צוגעגרייט אַלע שרייב־מכשירים, און אויף זיין ברום — נו! האָב איך צוזאַמענגענומען אַלע מיינע געדאַנקען און אָנגע־הויבען שרייבען.

"רבונו של עולם!" — האָט דער פּאָטער מיט פייער פאָרטגעזעצט — "איך קען נישט פאַרשטעהן מיט וואָס עס האָבען געקענט זיין גרעסער פון איהם די תנאים ואמוראים (די פאַרפאַסער פון תלמוד). דאָס איז געווען אַ "מעין המתגבר", (אַ פליסענדער קוואַל), פונקט ווי גאַנץ ש"ס, ראשונים ואחרונים וואָלטען געווען אויסגעשפּרייט פאַר זיינע אויגען. ער האָט געזאָגט, און געזאָגט, און איך האָב קוים, קוים, געקענט נאָכפאָלגען מיט דער פעדער. — זיינע ראיות צו דעם היתר פון דער עגונה האָבען פשוט צושרויפט מיין מח.

"פאַרטיג ווערענדיג מיט דער תשובה, איז ער אַריינגעפאַלען אין מוראדיגע דבקות. פון צייט צו צייט האָט ער אויסגעשריען: "לית מחשבה תפיסה בך כלל, לית אתר פנוי מניה", ווי זיין שטייגער פלעגט זיין. פלוצ־לינג האָט ער זיך אַ שטעל־אויף געגעבען אויסשרייענדיג: "מותר! מותר! במתיבתא דרקיע (אין דער הימלישער ישיבה) פסק'ענט מען אַז די עגונה מעג חתונה האָבען."

"יענע נאַכט" — האָט דער פאָטער פאַרענדיגט — "האָב איך געזעהן וואָס עס מיינט תורה לשמה."

* *
*

אַלטע חסידים פלעגען זאָגען, אַז אין תורה ועבודה, האָט דער סאַנזער איבערטראָפען אַלע זיינע רבי'ס. דאָס איז פאַר זיי אורצוטהיילען, נישט פאַר מיר. אָבער אַז דער סאַנזער האָט איבערטראָפען אַלע גוטע אידען, פאַר איהם און נאָך איהם, אין גמילות חסדים, האָבען מודה געווען אַלע חסידים פון אַלע גוטע אידען, אפילו זיינע געגנער.

זיין יעהרליכע הכנסה איז געווען הונדערטער טויזענדער עסטרייכישע גולדען. (אויף דער פאָסט אַליין, ווי דער סאַנזער פאָסט־מייסטער האָט באַ־קאַנט געמאַכט נאָך זיין פטירה, פלעגט אָנקומען יעהרליך איבער הונדערט טויזענד גולדען.) און נישט נאָר האָט ער אַלצדינג צוטהיילט פאַר אָרימע לייט, נאָר ער פלעגט פאַרזעצען, דאַרויף און דאַרונטער, צו שפייזען און צו קליידען די צעהנדליגע טויזענדער אָרימע לייט, אלמנות און יתומים, צו וועל־מען ער איז געווען ווי אַ גוטער טאַטע.

אַליין האָט דער סאַנזער געלעבט זעהר אָרעם. די מעבעל אין זיין צימער, וואו ער פלעגט אויפנעהמען זיינע חסידים, זענען באַשטאַנען פון אַן איינפאַכען טיש, עטליכע פשוטע בענקלאַך, און אַ שטוהל אויף וועלכען ער איז געזעסען. די שטוהל פלעגט ער אָבער נישט קויפען אַליין. דאָס האָבען פאַר איהם געקויפט די רייכע חסידים. אַזוי זענען אויך געווען אַלע זיינע צימערן, אָרעם ביז גאָר. אפילו זיינע קליידער האָט ער זיך נישט געקויפט אַליין. אַלע זיינע קליידער האָבען איהם געקויפט זיינע חסידים, פשוט ווייל ער האָט זיך נישט פאַרגונען. קוים איז אַריינגעקומען געלד, האָט ער עס באַלד צוטהיילט.

מקבלים זענען געווען גענוג. די ווערטהפֿולע חפצים וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, זענען באַשטאַנען פֿון אַ „חנוכה־מנורה", אַ „כוס פֿאַר קידוש", און עטליכע זילבערנע שבת־לייכטער. איז די מנורה געלעגען פֿאַרזעצט פֿון חנוכה צו חנוכה, און דער כוס פֿאַר קידוש פֿון שבת לשבת און אפילו די זילבערנע לייכטער, אויב זיין רביצין האָט זיי נישט באַהאַלטען, האָט ער פֿאַרזעצט אין משכנות צו באָרגען געלד פֿאַר צדקה.

דעם סאַנזערס צדקה איז געווען איינגעטהיילט אין דרייערליי קלאַסען. די ערשטע קלאַס איז באַשטאַנען פֿון פשוט'ע ארימע לייט, וואָס פֿלעגען שטעהן אַרום זיין הויז אין די הונדערטער. זיי פֿלעגט ער געבען נישט קיין באַשטימטע סומען, נאָר וויפֿיעל ער האָט געקענט. אַמאָל מעהר און אַמאָל ווענינער. ווענינער האָט זיך אָבער זעלטען געטראָפֿען. פשוט, ווייל אַז מען האָט זיי געגעבען ווענינער, זענען זיי געבליבען אַרום הויז און געמאַכט קולות וואָס האָבען פֿאַרהילכט די לופֿט. אָפֿט פֿלעגט דער צדיק אַליין אַרויסגעהן צו זיי, זיך בעטען ביי זיי, אַז ער האָט נישט מעהר, אַז מאָרגען וועט ער זיי פֿאַר־גיטיגען. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפֿען. נישט קענענדיג זיך העלפֿען פֿלעגט ער אַרויסשיקען זיין גבאי באָרגען געלד.

ביי אַזאַ סצענע איז אַמאָל געשטאַנען ר' הערצקא אנאשיער, אַן אונ־גאַרישער רב און אַ גרויסער אביון. (דער דאָזיגער ר' הערצקא איז שפּעטער געוואָרען ראַטספֿערדער רב און אַ רבי פֿון הונדערטער חסידים.) ר' הערצקא פֿלעגט אַרונטערנעהמען פֿון זיין אָרעם געהאַלט עטליכע מטבעות יעדע וואָך, פֿלעגט די מטבעות צוזאַמענלייגען אין אַ באַזונדער טאָרבעלע, כדי צו קענען פֿאָהרען צום סאַנזער פֿון יאָהר צו יאָהר. איך האָב דעם ר' הערצקא'ן גוט גע־קענט. ער איז געווען אַ גדול בתורה און אַ צדיק תמים בכל דרכיו.

ר' הערצקא איז די גאַנצע צייט געשטאַנען צוקוקענדיג מיט יראת הרוממות צו דער דאָזיגער סצענע, וועלכע ער האָט גערעכנט פֿאַר אַ הייליגע עבודה אין „נתינת צדקה" (אין געבען צדקה). ווען דער גבאי איז צוריק־געקומען מיט דער בשורה אַז קיינער וויל נישט מעהר באָרגען, ווייל דער רבי איז שוין אַלעמען שולדיג גענוג, האָט ר' הערצקא אַרויסגענומען זיין טאָר־בעלע מיט די מטבעות וואָס ער האָט אָנגעזאַמעלט אַ גאַנץ יאָהר, כדי צו קענען זיצען ביים סאַנזער עטליכע וואָכען צייט — און אַרויפֿגעלעגט, אָהן

צו זאָגען אַ וואָרט, אויף דעם סאַנזערס טיש. דער גבאי האָט אָפּגעצעהלט די מטבעות און מודיע געווען דעם סאַנזער: זעקס און דרייסיג זיל־בערנע גולדען.

דעם סאַנזערס צורה האָט אויפגעלויכטען פאַר שמחה. ער האָט אַרומגעכאַפּט ר׳ הערצקא׳ן און איהם געדאַנקט מיט ליעבע, אויסשרייענדיג: „אל תבטחו בנדיבים“, פאַרלאָזט זיך נישט אויף די נדיבים (די רייכע), וואו דען, „בבן אדם שאין לו“, פון דעם וואָס האָט ממש גאָר נישט — „תשועה“, פון איהם קומט די הילף.“

קאַפּיטעל 11

די דרייערליי סאָרטען אָרימע לייט. — אַז אַן אָרימאַן דאַרף אינדיקעס, מוז מען איהם געבען אויף אינדיקעס. — צו געבען אָרימע לייט איז מעהר תיקון ווי קידוש צו מאַכען. — א דרוש פאר גבירים. — דער סאַנזער פאַרקויפט עפּעל אויפ'ן מאַרק.

ווי שוין דערצעהלט, האָט דער סאַנזער צדיק געשפּייזט דרייערליי סאָרטען אָרימע לייט. דער ערשטע סאָרט זענען געווען פּשוטע אָרימע לייט, וואָס האָבען זיך געצעהלט פּאַקטיש אין די הונדערטער. זיי האָט ער געגעבען טאָג טעגליך, ווי פיעל ער האָט געקענט, בעסער נאָך וויפיעל ער האָט געהאַט.

אַ צווייטער סאָרט אָרימע לייט זענען געווען בעלי בתים וואָס זענען פאַראָרימט געוואָרען. פאַר זיי האָט ער געהאַט אַ צעטעל וואָס האָט באַטראָפען עטליכע הונדערט גולדען טעגליך. פון זיי האָט קיינער נישט געוואוסט אויסער דער צדיק אַליין און זיין גבאי. זיי האָט מען אַהיים געשיקט זייער געהאַלט. יעדען לויט די גרויס פון זיין פאַמיליע און זיין באַדערפניס.

אַ דריטער סאָרט אָרימע לייט זענען געווען "יורדים", געפאַלענע גבירים. זיי זענען אויסגעהאַלטען געוואָרען פון דעם סאַנזער ממש מלכות'דיג. זיי האָבען געוואוינט אין דיזעלבע הייזער ווי בעת זיי זענען נאָך געווען גבירים. האָבען געטראָגען דיזעלבע גבירישע קליידער און געלעבט אויף דעמזעלבען גבירישען שטייגער ווי אַמאָל, אַזוי אַז קיינער האָט כמעט נישט געוואוסט אַז זיי זענען "יורדים".

צווישען סאַנזער חסידים געהט אַרום א מעשה'לע וואָס איז פאַרבונדען מיט אַן הלצה, און דאָך אַן אמת'ע.

דעם סאַנזער צדיק'ס ווייב, איז אַמאָל געשטאַנען אויף דעם מאַרק און געהאַנדעלט ביי אַ דאָרפס-גוי'ע א אינדיק אויף שבת. די דאָרפס-גוי'ע, ווי

דער שטייגער, האָט געוואָלט מעהר, און די רביצין, ווי דער שטייגער, האָט פאַרשפּראָכען ווייניגער. די רביצין האָט איבערגעלאָזט די גוי׳ע, האָפענדיג אַז די גוי׳ע וועט זיך דערשרעקען און נעהמען דעם פאַרשפּראָכענעם פּרייז. קוים איז די רביצין אוועק עטליכע שריט, איז צוגעקומען אַן אַנדערע אידישע פרוי און באַצאָהלט דעם פּרייז וואָס די גוי׳ע האָט פאַרלאַנגט.

דערזעהענדיג ווער די פרוי איז, איז די רביצין געוואָרען אַן אויפגעקאָכטע. זי האָט דערקענט די פרוי אלס איינע וועמעס מאַן נעהמט א וועכענטליכען געהאַלט פון סאַנזער צדיק, איהר מאַן, און זי האָט באַשלאָסען צו דערצעהלען דעם צדיק די געשיכטע.

אויסהערענדיג פון דער רביצין די גאַנצע געשיכטע, האָט דער סאַנזער מיט טיעפען ערנסט אויסגערופען: „אַזוי, אַזוי, די דאָזיגע פאַמיליע דאַרף אינדיקעס, און איך האָב גאָר נישט געוואוסט !"

„משה יהושע — האָט דער סאַנזער געפרעגט זיין גבאי — וויפיעל געהאַלט נעהמט די דאָזיגע פאַמיליע ?"

„פופצעהן גולדען אַ וואָך" — האָט משה יהושע געענטפערט.

„שטעל צו צום צעטעל נאָך דריי גולדען" — האָט דער צדיק באַפוילען. — „אַז אַן אָרימאַן דאַרף האָבען ווייַן — האָט דער סאַנזער געשריען מיט התלהבות — „מוז מען איהם געבען וויין. און אז ער דאַרף אַ רייט־פערד, מוז מען איהם געבען אַ רייט־פערד. און אַז ער דאַרף אינדיקעס, מוז מען איהם געבען אינדיקעס."

דאָס איז נישט קיין הלצה׳לע, נאָר אַ פּאַסירענדע געשיכטע, און דאָס כאַראַקטעריזירט די ברייטהערציגע צדקה פון סאַנזער.

אַ חוץ די דרייערליי סאָרטען פון אָרימע לייט, וועלכע האָבען זיך געצעהלט אין די טויזענדער, פלעגען קומען אָרימע לייט פון אַלע טהיילען פון גאַליציע, און אויך פון אַנדערע לענדער נאָך הילף. דאס זענען שוין געווען אַזעלכע וואָס האָבען געדאַרפט גרעסערע סומען, ווי אויף הכנסת כלה, א צדקה וועלכע דער סאַנזער האָט געהאַלטען טהייערער ווי אַלע צדקות, אָדער אַזוי געפאַלענע סוחרים, וועמען מען האָט געדאַרפט צוריקשטעלען אויף די פיס. דער סאַנזער פלעגט אויך שיקען קיין ארץ ישראל גרויסע סומען געלד. און אַזוי ווי זיינע גרויסע הכנסות האָבען אויף דעם אַלעם נישט געסטאַיעט, פלעגט ער,

ווי שוין דערצעהלט, פאַרזעצען אַלעס וואָס איז נאָר געווען ווערטפול, אום צו קענען אַלעמען געבען.

דער צדיק ר׳ אברהם׳לע ראַדאָמסקער, מחבר פון ספר ״חסד לאברהם״, אַ זוהן פון דעם צדיק ר׳ שלמה׳לע ראַדאָמסקער (פון וועמען איך האָב שוין דערצעהלט) — פלעגט קומען צום סאַנזער יעדעס יאָהר, צווישען פסח און שבועות, ער פלעגט זיצען אין סאַנז צוויי וואָכען צייט.

איינמאָל, דערצעהלט דער צדיק ר׳ אברהם׳לע, קומענדיג פרייטאג צו נאַכט צום סאַנזער׳ס טיש, האָט ער געזעהן ווי דער גבאי דערלאַנגט דעם סאַנזער צדיק אַ כוס פאַר קידוש פון ריינעם גאָלד און נאָך דערצו אויף אַ גאָלדענער טאַץ. ר׳ אברהם׳לע איז גאַנץ איבערראַשט געוואָרען, דאָס האָט ער קיינמאָל נישט געזעהן זייט ער פאָהרט צום סאַנזער. דער אַלטער צדיק האָט געכאַפּט די מחשבה און האָט דערצעהלט ר׳ אברהם׳לען אז אַ רייכער חסיד זיינער, וואָס איז געשטאָרבען קינדערלאָז, האָט דאָס איבערגעלאָזט פאַר איהם (פאַר דעם סאַנזער) כדי צו האָבען אַ תיקון פאַר דער נשמה.

מיט אַ יאָהר שפּעטער, ווען ר׳ אברהם׳לע ראַדאָמסקער איז ווידער געקומען אין סאַנז, האָט ער שוין דעם גאָלדענעם כוס נישט געזעהן, ער האָט זיך געוואונדערט וואו דער כוס איז אַהינגעקומען, ער האָט אָבער נישט גע־פרעגט קיינעם. דער סאַנזער האָט ווידער געכאַפּט ר׳ אברהם׳לעס מחשבה, און זיך געווענדעט צו זיין באַריהמטען חסיד:

״פאַרשטעהסט איהר ר׳ אברהם׳לע״ — האָט דער סאַנזער געזאָגט — ״פאַר מיר איז געווען אַ פראַגע צי וועט דער מת האָבען מעהר תיקון מיט דעם וואָס איך וועל קידוש מאַכען אין דעם כוס, אָדער מיט דעם וואָס איך וועל צוטהיילען פאַר אָרימע לייט דעם ווערטה פון כוס. בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז אָרימע לייט זענען בילכער און האָב דעם כוס פאַרזעצט.״

דער סאַנזער פלעגט באַנוצען פאַרשיעדענע ״תחבולות״ ווי אַזוי אַרויס־צוקריגען געלד פון זיינע רייכע חסידים פאַר צדקה.

איינינע ״תחבולה׳לאך״ ווערען דערצעהלט פון סאַנזער חסידים מיט הייטערקייט.

אָט זענען עטליכע:

דער סאַנזער פלעגט האָבען אַ מנהג, צו זאָגען שבועות בעפאָר מוסף, פאַר זיינע טויזענדער חסידים א דבר הלכה, א דרוש אין נגלה, טאַקע פשוט

ווי מתנגדישע גדולים. ערשט ביים טיש שבועות פֿלעגט ער זאָגן סתרי תורה.

איינמאָל שבועות, ווען דאָס גרויסע סאַנזער בית המדרש איז געווען געפּאַקט מיט רבנים, לומדי תורה און סתם בעלי בתים, וועלכע האָבן געוואַרט צו הערען פֿון דעם גאון זיין געוועהנליכען דרוש, איז דער סאַנזער פּלוצלינג אַרוים פֿון בית המדרש און אריין אין שטוב, וואָס איז געווען צוזאמענגעשלאָסען מיט דעם בית המדרש. דער עולם האָט זיך געוואונדערט וואָס דאָ איז געשעהן. באַלד איז אַריינגעקומען אין בית המדרש משה יהושע, דער גבאי, און אויסגערופֿען די נעמען פֿון עטליכע גבירים וועמען דער צדיק וויל תיכף זעהען. יענעם שבועות זענען טאַקע געווען אין סאנז גרויסע עשירים, ווי ר׳ קלמן כהנא פֿון סיגעט, ר׳ אבוש׳ל מאנער פֿון סאָניק און אַנדערע גבירים, און זיי זענען באַלד אַריין צום סאַנזער אין שטוב.

„רבותי״, — האָט זיך דער צדיק געווענדעט צו די גבירים — „מיין מנהג איז צו זאָגן יעדען שבועות א דרוש פֿאַר לומדים. היינטיגען שבועות וועל איך זאָגען מיין דרוש פֿאַר אייך, נגידים.״

„זייט וויסען אַז איך דאַרף האָבען צוויי טויזענד רייניש (גולדען) פֿאַר הכנסת כלה און אַנדערע וויכטיגע ענינים. איהר הערט, האָט דער צדיק געשריען מיט באַגייסטערונג, פֿאַר הכנסת כלה! חתונה צו מאַכען אַ אידישע טאָכטער. און פֿאַר אַנדערע וויכטיגע ענינים. און איך מוז האָבען דאָס געלד טאַקע מוצאי יום טוב. איך וועל נישט זאָגען מיין דרוש, און מען וועט נישט דאַווענען ווייטער, ביז איהר וועט מיר נישט פֿאַרשפּרעכען צו ברענגען די גאַנצע סומע באַלד מוצאי יום טוב.״

„ר׳ קלמן״ — האָט זיך דער צדיק געווענדעט צו דעם סיגעטער גביר, וועלכער איז געווען ביים סאַנזער אַ גרויסער חשוב — „געהט אַריין מיט די איבריגע בעלי בתים אין צווייטען צימער, צוטהיילט די סומע צווישען זיך ווי אַזוי איהר ווילט. אָבער די סומע מוז זיין, ווען נישט, דאַווענט מען נישט ווייטער.״

ווען ר׳ קלמן איז צוריקגעקומען מיט דער בשורה אַז די סומע איז פֿאַרשפּראָכען געוואָרען, און אַז ער אַליין (ר׳ קלמן) וועט דאָס געלד אַריינטראָגען צום רבין באַלד מוצאי יום טוב, האָט דער אַלטער צדיק מיט שמחה אויסגעשריען: „דעם היינטיגען שבועות האָב איך געזאָגט דעם בעסטען דרוש!״

און אָט איז אַן אַנדער „תחבולה׳לע״ וואָס איז נאָך מעהר כאַראַקטער־ריסטיש.

אַמאָל איז אַריינגעקומען צום סאַנזער טאַטע אַ סאַנזער פרוי, אַן אלמנה, און זיך שטאַרק צעוויינט אַז זי האָט נישט קיין פרנסה, און אַז איהרע קינדער, די יתומים, הונגערן.

אויסגעפינענדיג ווער די פרוי איז, האָט דער סאַנזער זי געפרעגט: „איך האָב דאָך געמיינט אַז איהר האַנדעלט מיט אויבס (פרוכט) און איהר האָט פרנסה?״

„הייליגער רבי״ — האָט די פרוי געוויינט — „איך האָב טאַקע געהאַט פרנסה. איך האָב אָבער געהאַט אַן אומגליקליכע סיבה. איך האָב אָפּגעקויפט אַ וואָגען מיט עפּעל, און עס איז אַרוים אַ שם אַז מיינע עפּעל זענען זויער און פאַרדאָרבען, קויפט קיינער נישט.״

„ווער זאָגט דאָס אַז אייערע עפּעל זענען זויער און פאַרדאָרבען?״ — האָט דער צדיק געשריען — „אייער עפּעל זענען די בעסטע. איהר הערט, די בעסטע עפּעל אין שטאָדט. נעהמט אַרוים תיכף ומיד אַלע עפּעל וואָס איהר האָט אויפ׳ן מאַרק, און לאָזט מיר באַלד וויסען.״

ברענגענדיג די „בשורה״ אַז די עפּעל זענען שוין אויף דעם מאַרק, האָט דער סאַנזער אַ געשריי געגעבען צו זיין גבאי, „קום! מיר וועלען די עפּעל פאַרקויפען.״

דערזעהענדיג דעם אלטען צדיק שטעהן ביי אַ וואָגען מיט עפּעל, זענען זיך צוזאַמענגעלאָפען הונדערטער מענשען.

„קויפט די בעסטע עפּעל״ — האָט דער סאַנזער געשריען. — „די עפּעל זענען די בעסטע אויפ׳ן מאַרק.״

פאַרשטעהט זיך, אַז די עפּעל זענען באַלד צוכאַפּט געוואָרען מיט אַ גוטען פרייז, און פאַר דער אלמנה איז שוין געווען פרנסה בשפע.

קאַפּיטעל 12

א מעשה מיט ר׳ יחזקאלי שינאווער, דעם סאנזער׳ס זוהן. — ר׳ יחזקאלי ווערט א גרויסער רבי ביים פאטער׳ס לעבען. — א מחלוקה צווישען פאטער און זוהן וועגען א שבת שטר מכירה. — ר׳ יחזקאלי שפרינגט ארויס דורכ׳ן פענסטער. — א מופת וואס האט פאסירט דעם שרייבער גופא.

ווי עס איז שוין דערצעהלט געוואָרען אין פאַריגען קאַפּיטעל, האָט דער סאַנזער צדיק באַנוצט פאַרשיעדענע תחבולה׳לאַך ווי אַזוי אַרויסצוגעהמען צדקה פון אַנדערע אום צו העלפען אָרימע לייט. אַזאַ תחבולה׳לע דערצעה־לען חסידים, האָט דער סאַנזער אויסגענוצט מיט זיין אייגענעם זוהן, ר׳ יחזקאלי שינאווער, וועלכער איז אַליין געווען א רבי פון טויזענדער חסידים נאָך בחיי אביו (ביים פאָטערס לעבען).

זיצענדיג אַמאָל ביי זיין פאָטער דער סאַנזער צדיק, האָט ר׳ יחזקאלי געהערט ווי אַ היימישער מלמד בעט פון זיין פאָטער אויף א טלית און שטריימעל פאַר זיין טאָכטער׳ס חתן. (אין גאַליציע איז אַ מנהג אַז דער אבי הכלה (דער כלה׳ס פאָטער) דאַרף קויפען פאַר דעם חתן אַ טלית מיט אַ שטריימעל). ר׳ יחזקאלי וועלכער איז געווען אַן אמת׳ער איש אמת, האָט אַ פרעג געטהאָן דעם מלמד: „וואָס הייסט דאָס? איך האָב דאָך אַליין געזעהן ווי איהר האָט נעכטען געקויפט אַ טלית מיט אַ שטריימעל?" דער מלמד האָט זיך פאַרשעהמט, און מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ איז ער אַרויס פון סאַנזער׳ס חדר.

קוים איז דער מלמד אַרויס פון חדר, האָט דער אַלטער צדיק אָנגע־פאַנגען שרייען: „וועה איז מיר, ר׳ יחזקאלי, דו האָסט דאָך מבייש געווען אַ איד! וועה, וועה, „המלבין פני חברו ברבים"! עס קאָן דאָך זיין אַז דער איד האָט נאָר געהאַנדעלט דעם טלית און שטריימעל, און ער האָט נישט געהאַט צו באַצאָהלען, דו מוזט דעם איד מפייס זיין, ר׳ יחזקאלי. טאַקע תיכף ומיד׳

ר׳ יחזקאלי האָט זיך דערשראָקען. ער האָט באמת מתחרט געווען פאַרוואָס ער האָט דעם איד מבייש געווען, און ער איז אַרויסגעלאָפען דעם מלמד זוכען.

טרעפענדיג דעם מלמד אין גאַס, האָט ר׳ יחזקאלי פרובירט איהם מפייס צו זיין. דער מלמד האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט מוחל זיין. „שינאַווער רבי״ — האָט דער מלמד געזאָגט — „איך רוף אייך צו אַ דין תורה, טאַקע צום הייליגען טאַטען אייערען, ווי אייער פאָטער וועט פסק׳נען, אַזוי וועל איך טהאָן.״

ביידע, ר׳ יחזקאלי און דער מלמד, זענען אַריין צום סאַנזער אין שטוב, אָבער איידער זיי האָבען נאָך אָנגעהויבען צו טענה׳ן, האָט דער אַלטער צדיק זיך געווענדעט צום מלמד:

„איהר זאָלט ר׳ יחזקאלי׳ן נישט מוחל זיין ביז ער וועט נישט קויפען פאַר אייער חתן אַ טלית און אַ שטריימעל, און נאָך דערצו באַצאָהלען אַלע הצטרכות פון חתונה הוצאות, איהר הערט? האָט דער סאַנזער געשריען, נישט מוחל זיין ביז ר׳ יחזקאלי וועט מקיים פסק זיין.״

ר׳ יחזקאלי האָט מיט שמחה גענומען אויף זיך דעם פסק דין פון זיין פאָטער. ער איז געגאַנגען מיט דעם מלמד זאָפאָרט, און געקויפט אַ טלית מיט אַ שטריימעל. ער האָט טאַקע אויך געגעבען אַלע הוצאות החתונה און איז געווען אַ ליעבער מחותן אויף דער חתונה.

* *

*

ווען ר׳ יחזקאלי שינאַווער וואָלט מען געקענט אָנשרייבען גאַנצע ביכער. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר תקע״א (געשטאָרבען אין יאָהר תרנ״ט). ער איז אַלזאָ אין גאַנצען יונגער געווען פון זיין פאָטער ר׳ חיים סאַנזער מיט 18 יאָהר צייט. ער איז נישט געווען אַזאַ גאון ווי זיין פאָטער, ער איז אָבער געווען א מוראדיגער עובד ד׳. אַן אמת׳ער קדוש וטהור. צו זיין פרומקייט איז גאָר קיין גרעניץ נישט געווען. ער איז איבערהויפט געווען אַ שטרענגער שלחן ערוך מענש. נאָך שטרענגער ווי זיין פאָטער. ער האָט נישט נאָכגעלאָזט אפילו אַ קוצו של יוד פון אַלע דינים, מנהגים, תקנות און גזירות פון שלחן ערוך. זיינע מקורבים האָבען מיט זיכערהייט באַשטעטיגט אז ער קען דעם שלחן ערוך פון טאָוועל צו טאָוועל פאַסט בעל פה (אויסווענינג).

זיין פאָטער (אין ספר "שאלות ותשובות דברי חיים" חלק ב' סימן א') שרייבט וועגן איהם: "מעיד אני שאפילו יהבי ליה כל חללי דעלמא לא ישנה בדבורו" (איך זאָג עדות אַז אפילו מען זאָל איהם געבען אַלע רייכטהימער פון דער וועלט וועט ער זיין וואָרט נישט ענדערן).

ר' יחזקאלי איז געוואָרען אַ רבי פון חסידים, ווי שוין געזאָגט, בחיי אביו (ביים פאָטער'ס לעבען). ער איז אין פיעלע ענינים מיט זיין פאָטער נישט געווען איינפערשטאַנדען. ער איז נישט געווען אין הסכם מיט זיין פאָטער אין דער גרויסער מחלוקה געגען סאדאגורע. ער איז איבערהויפט געווען שטאַרק אויפגעבראַכט ווען זיין פאָטער האָט פאַרפאַסט "א שבת־שטר־מכירה".

די געשיכטע איז געווען אַזוי:

אין אונגאַרן האָבען דאַן געוואוינט אַ מאַסע אידישע גוטסהאַלטער. כמעט אין יעדען שטעדטעל און אין יעדען דאָרף זענען געווען אידישע גוטסהאַלטער. די דאָזיגע גוטסהאַלטער (געוועהנליכע פרומע אידען) וועלכע האָבען געמוזט האַלטען צוויי רוהע־טעג, שבת און זונטאג, האָבען שווער געליטען אין זייערע געשעפטען. אַ סך האָבען באַנקראָטירט. עס האָט אויס־געזעהן, אַז אויב עפעס וועט נישט געטהאָן ווערען פאַר די הונדערטער אידישע גוטסהאַלטער, וועלען זיי אַלע בדיל הדל ווערען.

די גוטסהאַלטער האָבען זיך געווענדעט צו אונגאַרישע גדולים, קיינער האָט אָבער נישט געוואָגט עטוואָס פאַר זיי צו טהאָן. אייניגע גדולי אונגאַרן האָבען זיך דאַן געווענדעט צום סאַנזער גאון. זיי האָבען פאַר איהם געשיל־דערט די שרעקליכע לאַגע פון די טויזענדער אידישע נפשות, וועמען עס וועט אויסקומען צו נעהמען דעם בעטעל־שטעקען אין האַנד, אויב מען וועט זיי נישט ראַטעווען. און דער סאַנזער האָט דאַמאָלס פאַרפאַסט א "שבת־שטר־מכירה" (לויט דעם מוסטער פון פסח שטר מכירה). דאָס האָט געראַטעוועט די אונגאַרישע גוטסהאַלטער פון אונטערגאַנג.

ר' יחזקאלי, זיין זוהן, וועלכער איז געווען, ווי שוין געזאָגט, אַ שטרענ־גער שלחן ערוך מענש, איז שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען אויף זיין פאָטער. ער איז געקומען קיין סאַנז, און האָט פראָבירט אַלע מעגליכקייטען, זיין פאָטער זאָל די שטר־מכירה צוריקציהען.

חסידים דערצעהלען, אז בעת ר' יחזקאלי האָט מיט זיין פאָטער מפלפל

געוועזן וועגען דעם ענין ״שבת־שטר־מכירה״, איז דער סאַנזער, וועלכער איז געוועזן ווי אַן אויפֿברויזענדער ים ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט אין רעטונג פֿאַר אידען, אַזוי אויפֿגעבראַכט געוואָרען, אַז ער האָט אַ געשריי געגעבען: ״דו זאלסט נישט וואַגען מעהר צו איבערטרעטען מיין שוועל!״ און נישט וועלענדיג עובר זיין אויף זיין פֿאָטער׳ס באַפֿעהל, איז ר׳ יחזקאלי אַרוים דורכ׳ן פֿענסטער. ער האָט זיין פֿאָטער נישט באַזוכט, ביז די ״גזירה״ איז אַרונטערגענומען געוואָרען.

האַלטענדיג ביי דעם ענין, וויל איך דאָ דערצעהלען מיין אייגענע ערפֿאַהרונג מיט דעם באַריהמטען צדיק ר׳ יחזקאלי שינאווער.

דאָס איז געוועזן אין א שבת נחמו. ר׳ יחזקאלי איז דאַן געוועזן אין דעם באקאנטען קור־פלאץ קרעניצא (א שטעדטעל אויף דער סאמער גרעניץ פֿון גאַליציע און אונגאַרן). די אידען פֿון די ארומיגע געגענד זענען געפֿאָהרען מקבל פנים זיין דעם גרויסען צדיק, ״וגם אני הקטן בתוכם״, בין איך אויך געפֿאָהרען.

איך וויל דאָ מודה ומתודה זיין, אַז הגם איך בין עטליכע מאָל געוועזן ביים שינאווער צדיק און אויך ביי אַנדערע רבי׳ס, האָב איך זיך כמעט קיינמאָל נישט געפראַוועט. (הפנים אַז מיין חסידות איז שוין דאַן געווען אַן אוים-געוועפטע). איך בין ״געפֿאָהרען״, ווייל אלע זענען געפֿאָהרען, (אויף דעם חסידישען לשון, מיינט דאָס וואָרט ״פֿאָהרען״, פֿאָהרען צו אַ גוטען איד. צוויי חסידים קומען זיך צוזאַמען, פֿרעגט איינער דעם צווייטען: ״וואו פֿאָהרסטו?״ מיינט דאָס נישט אין וועלכע שטאָדט אָדער אויף וועלכען מאַרק זיי פֿאָהרען, נאָר צו וועלכען גוטען אידען זיי פֿאָהרען.) און ווי שוין געזאָגט, האָב איך זיך כמעט קיינמאָל נישט געפראַוועט. און אַזוי ווי די גוטע אידען צו וועמען איך בין געפֿאָהרען, האָבען שטאַרק געהאַלטען פֿון מיין פֿאָטער ר׳ פֿישל גאָרליצער, האָט מען מיט מיר נישט, שטאַרק מדקדק געווען.

בין איך יענעם שבת נחמו געווען אין קרעניצא, צוזאַמען מיט אנדערע הונדערטער אידען, אָבער ביים צדיק בין איך נישט געווען נישט פֿרייטאג און נישט שבת.

זונטאג גאנץ פֿריה, שטעהענדיג אויפֿ׳ן גאס וואָס פֿיהרט צו די מינעראלען וואו די געסט נעהמען זייער קור, דערזעה איך פלוצלינג ווי דער צדיק

ר׳ יחזקאלי, באַגלייט פֿון זיינע גבאים, קומט מיר אנטקעגען. אָבער טאקע איז פנים אריין. באַהאַלטען זיך איז שוין געווען אונמעגליך, האב איך מיך אָפּ־גערוקט אין א זייט, כדי נישט צו שטעהן דעם צדיק אין וועג. אגב איז מיר דורכגעפֿלויגען אין מח אַ שטיקעל האָפֿנונג, טאָמער וועט מיך דער צדיק נישט באַמערקען. ער האָט מיך אָבער יאָ באַמערקט.

„ביזט דאָ געווען שבת?" — האָט מיך דער צדיק אַ פֿרעג געטהאָן.

„יאָ רבי" — האָב איך געענטפֿערט מיט הכנעה.

דער צדיק האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע שעהנע ליכטיגע אויגען. — פֿון זיין בליק האָב איך געפֿיהלט, אַז דער צדיק האָט אַ חשד אויף מיר.

„קום אַריין נאָכ׳ן דאַווענע, איך וויל דיך זעהן". — האָט ר׳ יחזקאלי געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען.

איך בין געבליבען שטעהן ווי אַ געלעהמטער. ישיה׳לע! האָט עס גע־קלונגען אין מיינע אויערען, דו ביזט אַן אָפּגעקאָכטער.

פֿאַרשטעהט זיך איך האָב דעם צדיק׳ס באַפֿעהל געהאַלטען. איך האָב אָנגעשריבען אַ קוויטעל, און באַלד נאָכ׳ן דאַווענען בין איך אַריין צום צדיק.

דורכלעזענדיג דאָס קוויטעל, האָט דער צדיק אַ פֿרעג געטהאָן: „וואָס טהוסטו, לערנסט אָדער האַנדעלסט?"

„ביידע" — האָב איך געענטפֿערט.

„מיט וואָס האַנדעלסטו?" — האָט דער צדיק געפֿרעגט.

„איך האָב אַ וואַסער־מיהל."

„אַ וואַסער מיהל!" — האָט זיך דער צדיק געוואונדערט. — „און וואָס טהוסטו שבת?"

איך בין געבליבען שטעהן ווי אַ דערשלאָגענער. אויף אַזאַ פֿראַגע האָב איך מיך נישט גערעכט.

אַ בליץ־געדאַנק איז דורכגעלאָפֿען מיין מח. איך האָב געוואוסט פֿון דער „שבת־שטר־מכירה" וואָס זיין פֿאָטער האָט פֿאַרפֿאַסט. איך האָב אויך געוואוסט אַז ר׳ יחזקאלי איז מיט זיין פֿאָטער אין דעם ענין נישט איינפֿאַר־

שטאנדען, אָבער מחמת אין ברירה, האָב איך אַ זאָג געטהאָן: — "א שבת־שטר־מכירה, רבי."

דער צדיק האָט אויף מיר געוואָרפען אַ דורכדרינגענדען בליק. ער האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט עטליכע מאָל שווער געקרעכצט. קומענדיג צו זיך, האָט דער צדיק מיר געררייכט די האַנד, זאָגענדיג: "השם יתברך זאָל העלפען זאָלסט האָבען פרנסה, אַ גאַנצע וואָך, נאָר נישט שבת."

די ברכה פון צדיק איז מקוים געוואָרען, נאָר אַ העלפט. איך האָב טאַקע נישט געהאַט קיין פרנסה שבת, איך האָב אָבער אויך נישט געהאַט קיין פרנסה די איבריגע טעג אין דער וואָך.

קאַפּיטעל 13

דעם סאנזער צדיק׳ס קינדער. — א משל מיט א בלינדען בעטלער. — ר׳ אהרן האלבערשטאם, דעם סאנזער׳ס דריטער זוהן, ווערט ממלא מקומו בחיי אביו. — דער חרם אויף יוסל זעלצער — דער צדיק ר׳ אהרלע ווערט פאראורטהיילט צו זעקס וואכען תפיסה. — דער אורטהייל ווערט דורכגעפיהרט. — דער צדיק און זיינע צוויי דיינים ווערען ארייגעווארפען אין תפיסה.

דער סאַנזער צדיק, ר׳ חיים האַלבערשטאַם, האָט איבערגעלאָזען פיר זיהן: ר׳ יחזקאלי, שינאווער רב; ר׳ דוד׳ל, קרשאַנוב׳ער רב; ר׳ אהר׳לע, סאַנזער רב (דער אַלטער צדיק האָט איהם איבערגעגעבען דאָס רבנות בחייו. איהם פלעגט מען רופען סתם, דער קרייז-רב, ווייל ער איז געווען רב איבערן גאַנצען קרייז — גובערניע). דער פירטער זוהן איז געווען ר׳ ברוך׳ל, רודניקער רב.

פון דער דריטער פרוי האָט דער סאַנזער איבערגעלאָזט נאָך צוויי זיהן, ביידע לעבען נאָך לאורך ימים. ר׳ שלום אליעזר׳ל (היינט אַ רבי פון חסידים אין ראטצפערד, אונגאַרן), און ר׳ ישעיה׳לע (וואוינט איצט אין קראקא).

צוויי זיהן זענען דעם סאַנזער געשטאָרבען בחייו: ר׳ מאיר נתן, איז געשטאָרבען יונגערהייד, איבערלאָזענדיג איינאיינציגען זוהן, וועלכער איז שפּעטער אויסגעוואַקסען דער באַריהמטער באבוב׳ער צדיק, ר׳ שלמה׳לע האַלבערשטאַם. דער צווייטער זוהן ליבוש איז געשטאָרבען אַלס אינגעל.

ר׳ יחזקאלי איז געווען נישט נאָר דער עלטסטער, נאָר אויך דער גרעסטער פון אַלע. ער איז געווען אַ גדול בתורה און אַ באַריהמטער רבי פון חסידים, מיט אַ סך יאָהרען בעפאָר זיין פאָטער׳ס פטירה.

אַ חסידישע אגדה דערצעהלט, אַז בעת דער אַלטער צדיק האָט איבער-געגעבען דאָס סאַנזער רבנות צו זיין דריטען זוהן ר׳ אהר׳לע און נישט צו זיין

בכור, ר׳ יחזקאלי, האָבען איהם די נאָהענטע מקורבים זיינע געפּרעגט די סיבה דאַפון.

דער סאַנזער האָט געענטפערט מיט אַ משל:

אַמאָל איז געווען א בלינדער בעטלער, וועלכער האָט אָנגעזאַמעלט אַ שטיק פאַרמעגען. דער בעטלער האָט געהאַט עטליכע זיהן. איינער פון זיי איז געווען פונקט ווי דער פאָטער — אַ בלינדער.

פּיהלענדיג, אַז די צייט רוקט אָן ווען ער וועט זיך דאַרפען געזעגענען מיט דער וועלט, האָט דער בלינדער בעטלער צוזאַמענגערופען אַלע זיינע זעהענדיגע זיהן און צווישען זיי צוטהיילט זיין פאַרמעגען. זיין בלינדען זוהן האָט ער נישט איבערגעלאָזט אַ פרוטה.

״פאַרוואָס האָט איהר באַגאַנגען אַזאַ עולה?״—האָט אַ פריינד געפּרעגט דעם בלינדען בעטלער — ״אדרבה, מיט׳ן שכל האָט איהר דאָך געדאַרפט איבערלאָזען אייער פאַרמעגען אייער בלינדען זוהן. לסוף האָט איהר אַוועק־געגעבען אייער גאַנץ פאַרמעגען צו אייערע זעהענדיגע זיהן, און אייער בלינדען זוהן האָט איהר אין גאַנצען מעביר מנחלה געווען?״

״אייער פראַגע איז נישט קיין קלוגע״ — האָט דער בלינדער בעטלער געענטפערט — ״פאַרשטעהט איהר, מיין בלינדער זוהן האָט דאָך דיזעלבע מלאכה וואָס איך, און וועט מן הסתם אויך מאַבען פרנסה, פונקט ווי איך. מיינע זעהענדיגע זיהן אָבער, זיי זעהט איהר, מוז איך שוין פאַרזאָרגען.״

דער נמשל, איז זעלבסטפאַרשטענדליך.

* *

*

ר׳ אהר׳לע איז אַלזאָ געבליבען סאַנזער רב, דער ממלא מקומו פון זיין גרויסען פאָטער עד יום פטירתו. (איצט איז דער רב פון סאַנז, דעם צדיק ר׳ אהר׳לעס זוהן, ר׳ ליבושל האַלבערשטאַם).

האַלטענדיג ביי דעם ענין, וויל איך דאָ דערצעהלען אַ מוראדיגע פּאַסי־רונג וואָס האָט באַטראָפען דעם צדיק ר׳ אהר׳לע, וואָס האָט געפיהרט צו דעם אומגליק, אַז ער און זיינע צוויי דיינים, האָבען אָפּגעשמאַכט אין אַ תפיסה זעקס וואָכען צייט.

דאָס איז געווען אין יאָהר תרל״ה. דער רב ר׳ אהרן האַלבערשטאַם

און צוויי סאַנזער דיינים, ר' אלי'ש דיין און ר' משה דיין, זענען פֿאַראורטהיילט געוואָרען צו 6 וואָכען תפיסה יעדער איינער.

די געשיכטע האָט אויפֿגעשטורעמט דאָס גאַליצישע יודענטום, איבער־הויפּט סאַנזער חסידים. אַ קלייניקייט, דעם סאַנזער צדיקס אַ זוהן, און טאַקע זיין ממלא מקומו נאָך בחייו, זאָל דאַרפֿען שמאַכטען זעקס וואָכען אין דער תפיסה! דאָס איז געווען פשוט חרבן בית המקדש.

די געשיכטע איז געווען אזוי:

אין סאַנז האָט געוואוינט איינער יוסל זעלצער. (זעלצער האָט מען איהם גערופֿען, ווייל ער האָט געהאַנדעלט מיט זאַלץ.) יוסל זעלצער איז גע א בעל הבית, און איז אויך געווען א שטיקעל יודע ספר, אָבער אַ מורא־דיגער עקשן. האָט ער זיך עפּעס איינגעשפּאַרט, האָט קיינער דאָס איהם נישט געוואַגט אַרויסשלאָגען פֿון קאָפּ. איינמאָל האָט דאָס סאַנזער בית דין איהם געשיקט אַ הזמנה (איינלאַדונגס־אַקט) צו קומען צו אַ דין תורה, מיט איינע קלמן פערלשטיין. וועגען ערגיץ וועלכער אורזאַך האָט יוסל זעלצער זיך ענטזאגט צו שטעהן צו אַ דין תורה. „אויב קלמן פערלשטיין האָט עטוואָס צו מיר, זאָל ער מיך פֿאַרקלאָגען אין געריכט” האָט יוסל זעלצער געזאָגט דעם בית־דין־שמש.

עס דאַרף דאָ געזאָגט ווערען, אז אין סאַנז זענען די אידען געווען שטאַרק אָפּגעהיטען, ניט צו געהן מיט זייערע משפטים בדיניהם. דאָס העכסטע וואָרט פֿון משפט, בנוגע אידען מיט אידען, איז געווען דאָס בית דין. אַ איד וואָס האָט אריינגעטראָגען אַן אנקלאגע געגען אַן אַנדערען איד אין דעם גוי־אישען געריכט, איז פֿאַרדאַמט געוואָרען פֿון אַלעמען. האָט אַ איד זיך נישט געוואָלט שטעלען לדין פֿאַר דעם בית־דין, אָדער ניט געוואָלט צייט זיין (פֿאָלגען) לדין, איז געווען אַן אויבער־געריכט. דאָס איז געווען דער סאַנזער צדיק גופא, ר' חיים האַלבערשטאַם. פֿאַר זיין וואָרט, אָדער אפילו פֿאַר זיין הקפדה, האָבען אַלע געציטערט. האָט טאַקע קיינער ניט מסרב געווען (זיך ענטזאָגט) צו געהן צום בית־דין, ווען דאָס בית־דין האָט איהם געשיקט א הזמנה.

און דאָ פלוצלינג, קומט יוסל זעלצער, אַ בעל הבית אין שטאָדט, מיט אַ זיץ אויף דער מזרח־וואַנד, און ענטזאָגט זיך צו שטעהן צו אַ דין תורה. דאָס איז געווען עטוואָס וואָס איז אין סאַנז קיינמאָל ניט דערהערט געוואָרען.

ווען דער שמש האָט געבראַכט יוסל זעלצער'ס ענטפער צום בית־דין

איז דאָס בית־דין שטאַרק אויפֿגעבראַכט געוואָרן, און צוריקגעשיקט דעם שמש מיט נאָך א שטאַרקערע הזמנה. יוסל זעלצער איז אָבער געבליבן ביי דאָס זייניגע: „אויב קלמן מאָהנט עפּעס פֿון מיר, זאָל ער מיך פֿאַרלאָגען אין געריכט. צו אַ דין תורה שטעה איך נישט."

אין אַלגעמיין פֿלעגט דאָס סאַנזער בית־דין באַשטעהן פֿון דריי דיינים: ר' בעריש פערלשטיין דער ראש בית דין, און ר' אליש און ר' משה דיין. איז אָבער ר' בעריש געווען אַ פֿעטער צו קלמן פערלשטיין, האָט ער אלס קרוב ניט געקענט, על פי דין, מזמין זיין יוסל זעלצער לדין. האָט דער רב אַליין, ר' אהר'לע, די הזמנה אונטערשריבן. דאָס האָט נאָך מעהר אויפֿגע־בראַכט דאָס בית־דין. סטייטש, דער רב אַליין איז דיך מזמין לדין און דו ענטזאָגסט דיך צו קומען! אַן אונגעהערטער עזות!

דאָס בית־דין האָט צום דריטען מאָל געשיקט דעם שמש צו יוסל זעל־צער, מיט אַן התראה (אַ וואָרנונג), אַז באם ער קומט ניט צו אַ דין תורה, וועט מען איהם אַריינלייגען אין חרם.

יוסל זעלצער האָט זיך ניט דערשראָקען, און האָט געענטפֿערט קאַלט־בלוטיג: „זאָגט דעם בית־דין, אַז אויב זיי וועלען מיך אַריינלייגען אין חרם, וועל איך זיי אַריינלייגען אין תפיסה."

מעהר האָט מען ניט געדאַרפֿט. ווי אַ ווילד פֿייער, האָט זיך דער דאָזי־גער ענטפֿער פֿאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָדט, און די אויפֿרעגונג צווישען סאַנזער אידען געגען דעם חצוף יוסל זעלצער, איז געווען אין לשער ואין לספר.

איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט אויסגעפֿונען, צי האָט דאָס בית־דין ווירקליך אַרויסגערופֿען אויף יוסל זעלצער אַן עפֿענטליכען חרם, מיט ליכט און שופרות, ווי אַ חרם ווערט אַרויסגערופֿען. מאַנכע אידען האָבען מיר דער־צעהלט, אַז דער חרם איז אויסגעשפּראָכען געוואָרען בחשאי, אין דער שטיל. אַנדערע האָבען באַהויפּטעט, אז קיין ווירקליכען חרם האָט דער בית־דין קיינ־מאָל ניט אויסגעשפּראָכען. גענוג איז, אז דעם צווייטען טאָג, נאָכדעם ווי יוסל זעלצער האָט געשיקט צום בית־דין זיין חוצפּהדיגע תשובה: („אויב איהר וועט מיך אַריינלייגען אין חרם, וועל איך אייך אריינלייגען אין דער תפיסה"), ווען אידען זענען געקומען אין די שוהלען און בתי מדרשים דאַווי־נען, האָבען זיי דערזעהן אויף די ווענט אויפֿגעשריבען מיט גרויסע שוואַרצע

אותיות: "יוסל זעלצער ומ"ש (ומח שמו) ליגט אין חרם". און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה אויף טויט און אויף לעבען.

יוסל זעלצער, ווי איך האָב שוין אויבן באַמערקט, איז געווען אַ מוראדיגער עקשן. ער איז געווען אַן עושר און ער האָט אויפגענומען אַ קאַמפף צו פאַרווירקליכען זיין פאַרשפרעכונג: "אויב איהר וועט מיך אַריינלייגען אין חרם, וועל איך אייך אַריינלייגען אין תפיסה."

יוסל זעלצער האָט איינגערייכט אַן אנקלאגע געגען דעם בית־דין. די שטאַרקסטע אנקלאגע האָט ער געמאַכט געגען ר' אהרל'ען, דער קרייז־רב, דעם סאַנזער גאון'ס דריטער זוהן.

ר' אהר'לע איז געווען זעהר באַליעבט ביי סאַנזער חסידים. ער איז געווען אַן אמת'ער עניו און צדיק תמים. ער איז געווען, פונקט ווי אהרן הכהן, אַן אוהב שלום ורודף שלום. ער איז געווען דער היפך פון זיין אינגערן ברודער, ר' ברוד'ל רודניקער. דען וועהרענד ר' ברוד'ל איז געווען אויפברויזענד ווי דער שטורעמדיגער ים, איז ר' אהרלע געווען אַ שטילער, רוהיגער גייסט, וועלכער האָט ניט באַריהרט קיין מענש. יוסל זעלצער האָט דאָס גוט געוואוסט, ער האָט אָבער געוואָלט דורכפיהרען זיין ראַכע ביז צום לעצטען טראָפען גיפט, און האָט דאַריבער אויסגעקליבען דעם צדיק ר' אהרלע אַלס דעם גרעסטען קרבן.

יוסל זעלצער איז געגאַנגען יעדען טאָג אין שוהל. די אידען נאַטירליך האָבען דאָס ניט געוואָלט לײדען. אַ חרם'ניק רחמנא ליצלן. פלעגט אויסברעכען שלעגערייען צווישען די אידען און יוסל זעלצער מיט זיינע קינדער. ענדליך פלעגט ער קומען אין באַגלייטונג פון זשאַנדאַרען. דאָס האָט אָבער דעם עולם ניט אָפגעשראָקען. הויפּטזעכליך ניט די ווייסע חברהניקעס, וואָס האָבען פון דעם עסק פשוט געשעפט פאַרגניגען. יוסל זעלצער האָט שפּעטער געבראַכט אין שוהל די גויאישע ריכטער. זאָלען זיי אַליין זעהן וואָס עס קומט פאָר. אַלע מיהע פון די עלטערע בעלי בתים, אַז מען זאָל זיך פאַרהאַלטען רוהיג אַזוי לאַנג די ריכטער זענען אָנוועזענד, האָט גאָרניט געהאָלפען. שטיינער זענען געפלויגען פון אַלע זייטען. איינער פון די ריכטער איז געטראָפען געוואָרען פון אַ שטיין, און די צרה איז געווען אַ פולשטענדיגע...

דער טאָג פון פראָצעס איז געקומען.

אין סאַנז איז געוועזן פשוט חרבן בית המקדש. אידען האָבען תהלים געזאָגט און געבעטען גאָט פאַר דער באַפרייאונג פון זייער באַליעבטען רב און זייערע דיינים. די גאַנצע אידישע געמיינדע איז געוועזן אין טרויער.

און מערקווירדיג, דער אַלטער צדיק, ר׳ חיים האַלבערשטאַם, דער פאָטער פון ר׳ אהרלען, האָט וועגען דעם גאַנצען ענין ווייניג וואָס גערעדט. אַלטע חסידים פלעגען דערצעהלען, אַז אין דעם טאָג ווען דער פראָצעס האָט זיך געעפענט, איז ר׳ אהרלעס ווייב, די קרייז-רביצין, אַריין צו איהר גרויסען שוועהר און מיט ביטערע טרעהרען געבעטען, אַז דער צדיק זאָל מתפלל זיין, אַז איהר מאַן זאָל באַפרייט ווערען. הערענדיג דאָס האַרצרייסענדע געוויין פון זיין שנור, האָט זיך דער צדיק אויפגעשטעלט אויסשרייענדיג מיט אַלע זיינע כחות: „מען טאָר ניט!" „מען טאָר ניט!" „כל מאי דעביד רחמנא לטב עביד." (וואָס גאָט טהוט איז אַלעס צום גוטען). דער צדיק איז דאַן אַריינגעפאַלען אין אַ טיעפער דבקות. ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער דערצעהלט זיינע מקורבים פאָלגענדע מעשה:

ווען דער מהר״ם מרוטענבורג ז״ל (ר׳ מאיר בן ר׳ ברוך, איינער פון די בעלי תוספות אין דייטשלאַנד אין דרייצענטען יאָהרהונדערט) איז אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין תפיסה, האָבען די גבירים פון שטאָדט געוואָלט איהם אויסלייזען, דער מהר״ם האָט אָבער אויסגעפונען, אַז זיינע פייניגער פערלאַנגען צו־פיעל געלד, האָט ער געשיקט זאָגען די גבירים, הזהר והזהר, אז זיי זאָלען איהם חס ושלום ניט אויסלייזען, ווייל אזא זאַך וועט אויפרייצען די גוים, צו פאַנגען אַנדערע אידען, וויסענדיג, אז מען קען קריגען פאַר זיי גרויסע סומען אויסלייזגעלד. „דער הייליגער מהר״ם" — האָט דער צדיק געענדיגט — „האָט פונדעסטוועגען געגרינדעט אין דער פעסטונג, ווי ער איז געוועזן איינגעזעצט, אַ קליינע ישיבה און געלערנט, און געדינט דעם בורא כל עולמים בכל לבו ונפשו."

ווען מען האָט אויסגעפונען אין שטאָדט וועגען דעם מעשהלע, איז אויף אלעמען געפאַלען אַן אימה. אין דעם מעשהלע האָבען אלע דערזעהן, אז ר׳ אהרלע איז פאַרלוירען. און אזוי איז עס טאַקע געוועזן. דער צדיק ר׳ אהרלע מיט זיינע דיינים, ר׳ אלי׳ש און ר׳ משה דיין, זענען פאַראורטהיילט געוואָרען צו זעקס וואָכען תפיסה. אַלע באַמיהונגען שפעטער, זיי צו ראַטע־ווען, האָבען ניט געהאָלפען. דער אורטהייל איז דורכגעפיהרט געוואָרען. אלע דריי זענען געזעסען, זעקס וואָכען אין תפיסה.

קאַפּיטעל 14

פארוואס רופט מען סאנז, „צאנז".— די מחלוקה צווישן ר' אורי'לע סטרעליסקער און ר' מאיר'ל פרעמישלאנער. — א מעשה נורא פון ר' מאיר'ל פרעמישלאנער.— ר' מאיר'ל האלט א דין תורה ביים סאנזער צדיק.

מיט דעם נאָמען „סאַנז" איז פאַרבונדען אַ שטיקעל געשיכטע.

סאַנזער חסידים שרייבען קיינמאָל נישט „סאַנז" מיט א סמך, נאָר „צאַנז" מיט אַ צדיק. די געשיכטע דערצעהלט זיך אַזוי:

אַמאָל איז אַ סאַנזער איד געווען ביי דעם באַריהמטען צדיק ר' מאירל פרעמישלאַנער. געבענדיג ר' מאיר'לען אַ קוויטעל, האָט דער צדיק באַמערקט אַז אויף דעם קוויטעל איז אָנגעשריבען דאָס וואָרט „סאַנז". דער אַלטער צדיק האָט זיך צושריען: „מאירל זאָגט, אַז „סאַנז" שרייבט מען נישט מיט אַ סמך, נאָר „צאַנז" מיט אַ צדיק, איהר הערט! צאַנז מיט אַ צדיק, ווייל אין צאַנז וואוינט דער צדיק הדור." זינט דאַן שרייבען אמתע חסידים דעם נאָמען סאַנז — צאַנז, מיט אַ צדיק.

אַ חסידישע אגדה דערצעהלט אַ וואונדערבאַרע געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט צווישען ר' מאירל פרעמישלאַנער און ר' חיים'ל סאַנזער.

ר' מאירל פרעמישלאַנער, דאַרף מען וויסען, איז געווען פאַררעכענט אַלס דער גרעסטער בעל מופת פון זיין דור. אַ ריינער בעל רוח הקודש. פון איהם האָבען געהאַלטען אַלע גוטע אידען פון דור, אויסער ר' אורילע סטרע־ליסקער, וועלכער האָט שטאַרק געקריגט אויף ר' מאירלען דערפאַר, וואָס ער האָט געזאָגט עתידות, (וואָס עס וועט זיין אין דער צוקונפט), איבערהויפט ווייל ער פלעגט זאָגען וואָס מיט מאַנכע פון זיינע חסידים איז פאַרגעקומען אין דער פאַרגאַנגענהייט.

די מחלוקה פון ר' אורילע סטרעליסקער געגען ר' מאירלען, דערצעהלט אַ חסידישע אגדה, איז אַרויסגעקומען וועגען אַ פשוט'ען אַרענדאַר, אַ חשוכי

בנים (אַ קינדערלאָזער), וועלכער איז געקומען צו ר׳ מאירלען אויס־בעטען קינדער.

ביי ר׳ מאיר פרעמישלאַנער איז געווען אַ מנהג אַליין צו לייענען, און אַליין אויפצורופען צו דער תורה. אויפרופענדיג איינעם צו דער תורה, פלעגט זיך ר׳ מאיר אָפּשטעלען און יענעם אויסזאָגען די סודות פון זיין לעבען, פאַרשטעהט זיך, אַז דערמיט האָט ר׳ מאיר פון זיך פאַרטריבען אַ סך חסידים, חסידים האָבען איינפאַך מורא געהאַט, אַז דער צדיק זאָל זיי ניט אויסזאָגען אונאַנגענעהמע סודות.

דער אַרענדאַר, וואָס איז געקומען צו ר׳ מאירלען נאָך קינדער, איז געווען אַ כהן, און ר׳ מאיר האָט אים געגעבען די ערשטע עליה, ווי דער דין איז.

דאָס איז געווען שבת פרשת לך לך. און קוים האָט דער אַרענדאַר געוואָלט מאַכען די ברכה, האָט ר׳ מאיר איהם באַפוילען צו וואַרטען. ר׳ מאיר האָט אויפגעמישט דאָס חומשל, און געהייסען דעם אַרענדאַר לעזען די רש״י אויף דעם פסוק לך לך, וועלכע זאָגט: ״כאן אי אתה זוכה לבנים״. דער אַרענדאַר, וואָס איז נישט געווען קיין עם הארץ, האָט געלעזען, און פאַרטייטשט די ווערטער: ״כאן״, היער, ״אי אתה זוכה לבנים״, וועסטו נישט זוכה זיין צו קינדער.

דער צדיק האָט זיך צושריען: ״מאיר טייטשט נישט אַזוי. מאיר טייטשט, ״כאן אי״ — היער נישט, זיי נישט אויסגעלאָזען, ״אתה זוכה לבנים״, וועסטו זוכה זיין צו האָבען קינדער.״

דער אַרענדאַר האָט זיך שטאַרק פאַרשעהמט און זיך צעוויינט אויפן קול.

הערענדיג פון דער דאָזיגער געשיכטע, איז ר׳ אורילע סטרעליסקער שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען. ״איך וויל מיט ר׳ מאיר׳לען — האָט דער סטרעליסקער צדיק געשריען — נישט מעהר האָבען קיין שום מגע ומשא, ווייל ער איז אַ ״הולך רכיל ומגלה סוד״. ער זאָגט אויס, וואָס ער ווייס, און דאס איז נישט די מדה פון אַ צדיק.״

איינמאָל האָט ר׳ מאיר געזאָגט צו זיין גבאי: ״געה שנעל אין אַלע אכסניות (האָטעלען), און ווער געוואויר, ווער עס איז געקומען אין שטאָדט

אַריין, ווייל איך פּיהל, אַז אַ גרויסע קדושה האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָדט."

דער גבאי איז געלאָפען אין אַלע אכסניות. ער האָט אָבער נישט געטראָפען קיינעם, אין וועלכען ער זאָל זיך אָנשטויסען, אַז דער רבי מיינט איהם.

ווען דער גבאי איז צוריקגעקומען און דערצעהלט, אַז קיינער איז נישט אָנגעקומען אין שטאָדט אַריין, האָט זיך ר' מאירל צעשריען: "מאירל נאַרט זיך קיינמאָל נישט אָפּ. אַז מאירל זאָגט, אַז אַ גרויסער צדיק איז אָנגעקומען אין שטאָדט, איז עס אמת." "לויף איבעראַל, און געפין מיר אוים ווער עס איז געקומען" — האָט דער צדיק ווידער אַמאָל באַפוילען.

דאָס מאָל האָט דער גבאי מצליח געווען. ער האָט דערזעהן אָנקומען אַביידעל מיט עטלעכע אידען. צוקומענדיג צום ביידעל האָט זיך דער גבאי באַלד ערקונדיגט, אַז דער סאַנזער צדיק, ר' חיים'ל האַלבערשטאַם איז אָקאָרשט אָנגעקומען.

צוריקקומענדיג צום אַלטען צדיק מיט דער בשורה, אַז דער סאַנזער צדיק איז נאָר וואָס אָנגעקומען, האָט ר' מאירל באַפוילען דעם גבאי באַלד צוריקגעהן און בעטען דעם סאַנזער, ער זאָל קומען תיכף ומיד צו איהם. "זאָג איהם" — האָט דער פּרעמישלאַנער באַפוילען — "אַז מאירל דאַרף איהם זעהן טאַקע באַלד."

הערענדיג, אַז ר' מאירל איז משתוקק איהם צו זעהן באַלד, האָט דער סאַנזער נישט געצעגערט און איז באַלד אַהין צום אַלטען צדיק.

"צאַנזער רבי" — האָט ר' מאירל געזאָגט צום סאַנזער — "איהר זייט דאָך דער בית דין הגדול פון דור, וויל מאירל פאַר אייך האַלטעי אַ דין תורה."

דער סאַנזער איז געוואָרען נייגעריג און ר' מאירל האָט פאָרטגעזעצט:

"איז עס רעכט" — האָט ר' מאירל געזאָגט מיט אַ זעהר טיעפען ערנסט — "אַז מאירל זאָל ווייטער וואוינען אין אזא אָרימע דירה, ווי איהר זעהט דאָ? איז עס שוין נישט צייט, אז מאירל זאָל זיך איבערציהען אין אַ שעהנערע און בעסערע דירה?"

"פסקענט סאַנזער רבי" — האָט ר' מאירל געבעטען — "מיט אייער פסק הלכה איז מען מסכים אין הימעל."

דער סאַנזער האָט לכתחילה נישט געכאַפּט ר׳ מאירלס כונה און האָט באַלד געענטפערט:

„אודאי דאַרף דער פּרעמישלאַנער צדיק וואוינען אין אַ שעהנערע דירה, אודאי און אודאי."

„דער בית דין הגדול פון דור האָט געפּסקנט" — האָט ר׳ מאירל געזאָגט — „און אַזוי בלייבט די הלכה."

דער סאַנזער האָט איצט געכאַפּט די טיעפערע כונה פון פּרעמישלאַ-נער צדיק.

„ניין, ניין" — האָט דער סאַנזער געענטפערט — „מיין כונה איז אויף דער וועלט. איך האָב געפּסקענט, אַז אויף דער וועלט דאַרף דער פּרע-מישלאַנער צדיק האָבען אַ שעהנערע און בעסערע דירה."

„כבר הורה זקן" — האָט ר׳ מאירל אויסגעשריען — „דער גאון הדור האָט אַזוי געפּסקענט און אַזוי בלייבט עס."

מיט אַ קורצע צייט שפּעטער איז ר׳ מאירל נסתלק געוואָרען.

קאַפּיטעל 15

סאנזער חסידים גלויבען נישט אין מופתים. — עטליכע מופתים דערצעהלען זיי אבער דאך.— א וואונדערבארע געשיכטע מיט א מופת דערצו — אן ארענדאר א גדול בישראל.— ר' שמעון יואב פון לאנצק, און א פלפול מיט דעם לעמבערגער גאון. — פארקויפט "וואדקא" צו די פויערים און שטעהט אין פארבינדונג מיט די גרעסטע גאונים פון דור.

סאַנזער חסידים דערצעהלען זעלטען מופתים פֿון זייער רבי'ן. צווישען סאַנזער חסידים געהט אום אַ ווערטעל: "אותות ומופתים באדמת בני חם", מופתים גלויבען נאָר כאַמעס. דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגען פֿון סאַנזער חסידים, בעת זיי רעדען וועגען זייער רבי'ן, איז, צו שטאָלצירען מיט זיין גאונות אין לערנען. אין אַ מסיבה פֿון סאַנזער חסידים, קען מען אָפֿט הערען פֿאָלגענדע באַמערקונגען: "דער הייליגער רב איז געוועזן אַ גאון הגאונים." "דער "חתם סופר" האָט אויף איהם עדות געזאָגט אַז אין חריפות דאַרף ער זיך נישט צ שעהמען פֿאַר דעם תומים" (דער באַריהמטער גאון ר' יהונתן אייבשיץ פֿון פראַג). "דער לייפניקער גאון, האָט עדות געזאָגט אויף דעם הייליגען רב, אז אין לומדות איז ער אַזוי גרויס ווי דער נודע ביהודה" (ר' יחזקאלי פראַגער), און נאָך אַזעלכע באַמערקונגען. זיי היטען זיך אָבער צו דערצעהלען מופתים פֿון זייער רבי'ן, דאָס איז פֿאַר זיי אַ פחיתת הכבוד.

פֿון דעסטוועגען געהען אום עטליכע מופתים פֿון סאַנזער, וועלכע חסידים דערצעהלען מיט באַוואונדערונג.

איך וויל דאָ איבערגעבען עטליכע פֿון די דאָזיגע מעשה'לאך, וואָס איך האָב געהערט פֿון אַלטע סאַנזער חסידים:

איינמאָל — דערצעהלען סאַנזער חסידים — איז צום סאַנזער גע-קומען אַן אלמנה פֿון אַ דאָרף נעבען לאָדזש (פוילען) מיט אַ בקשה: היות זי האַלט שוין די אַרענדע אין דעם דאָרף כמה וכמה יאָהרען, און האָט ברוך

השם אימער געהאַט פרנסה. איז אָבער פלוצלינג אַריין אין פריץ אַ שד, אַז ער וויל מעהר נישט האַלטען אין זיין אַרענדע קיין איד. וויפיעל זי האָט שוין נישט געבעטען און געוויינט, העלפט נישט. דער פריץ האָט איהר גע־קינדיגט (געגעבען אַ מוף־צעטעל). אַז זי זאָל אַרויס פון דער אַרענדע. בעט זי דעם הייליגען צדיק, אַז ער זאָל מתפלל זיין אַז דער פריץ זאָל בעסער ווערען.

דער סאַנזער האָט איהר אָנגעוואונשען, ווי זיין שטייגער, אַז השם יתברך זאָל איהר העלפען.

די אלמנה האָט אָבער נישט געוואָלט אָפטרעטען. זי האָט געקלאָגט און געוויינט, בעטענדיג אַז דער צדיק זאָל איהר מבטיח זיין (פאַרזיכערן), אַז דער פריץ וועט זי פון דער אַרענדע נישט ארויסוואַרפען. דען אויב דער פריץ וועט איהר די אַרענדע מעהר נישט פאַרדינגען, קומט איהר אויס אַריינצו־שפרינגען, מיט איהרע קינדער די יתומים, פון בריק אין וואַסער.

דער צדיק האָט געפיהלט צו דער אלמנה אַ שטאַרקען רחמנות. ער איז אַריינגעפאַלען אין אַ מוראדיגע דביקות. ער איז געווען שטאַרק פאַר־טיעפט אין זיין דביקות. פלוצלינג האָט ער זיך אויפגעכאַפט ווי פון שלאָף און אַ זאָג געטהאָן צו דער אלמנה:

„פאָהרט צו ר' שמעון יואב'ן קיין לאַנצק."

די אלמנה, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהערט פון ר' שמעון יואב'ן פון לאַנצק, איז געבליעבען ווי פאַרגליווערט. און זאָגאַר דער עולם וואָס האָט זיך געפונען בשעת מעשה אין סאַנזער'ס חדר, און אפילו די גבאים, זענען איבערראַשט געוואָרען פון דעם צדיק'ס ענטפער.

לאַנצק איז אַ קליין שטעדטעלע, דריי מייל אַוועק פון סאַנז. דער ר' שמעון יואב, צו וועמען דער סאַנזער האָט געהייסען דער אלמנה פאָהרען, האָט דאָרט געהאַלטען די אַרענדע. ער איז זיכער געווען איינער פון די מערקווירדיגסטע אַרענדאַטאָרס. וו דאָס יודענטהום האָט ווען עס איז געהאַט.

ר' שמעון יואב איז געווען אַן אמת'ער גדול בתורה. ער איז דערצו געווען אַן אויסערגעוועהנליכער חריף. ער איז געווען אַ תלמיד מובהק פון דעם באַריהמטען ניקלסבורגער גאון, ר' מרדכי בענעט, און האָט אויך גע־לערענט אַ געוויסע צייט ביי דעם חתם סופר. און אָבוואָהל ער האָט געקענט

קריגען די בעסטע רבנות־שטעלע, האָט ער אויסערוועהלט צו ווערען אַן אַרענדאַר.

ר׳ שמעון יואב איז אין זיין יוגענד געווען אַ מתנגד, פּונקט ווי זיינע גרויסע רביים. קוים אָבער האָט ער זיך באַקענט מיט דעם סאַנזער צדיק, איז ער געוואָרען איינער פון זיינע פייערדיגסטע חסידים. דער שרייבער פון דיעזע שורות האָט אַמאָל באַזוכט ר׳ שמעון יואב׳ן אין זיין היים אין לאַנצוט. דאָס איז באמת געווען אַ וואונדערבאַרער אַרענדאַר. אויסער וואָס ער איז געווען אַ בקי בש״ס ופוסקים כאחד מהגדולים, איז ער געווען די העפליכקייט אַליין. איך האָב נישט געקענט אָפּרייסען מיינע אויגען פון דער פּאַטריאַרכאַלישער צורה, פון דעם מערקווירדיגען ״קרעטשמאַר״, וואָס האָט פּאַרקויפט ״וואָדקאַ״ צו די פויערים, און איז אין דערזעלבער צייט געשטאַנען אין פאַרבינדונג אין תורה און אין חכמה מיט די גרעסטע גאונים פון אונגאַרן און פון אַנדערע לענדער.

סאַנזער חסידים דערצעהלען וועגען דעם דאָזיגען ר׳ שמעון יואב אַזאַ געשיכטע:

אַמאָל איז ר׳ שמעון יואב געווען, געשעפטסהאַלבער, אין לעמבערג. פאַרטיג ווערענדיג מיט זיינע געשעפטען, איז ער געגאַנגען באַזוכען דעם לעמבערגער גאון, ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָהן, איינער פון די גרעסטע גאונים אין יודענטהום. ר׳ יוסף שאול איז גראָד געזעסען מיט איינעם פון זיינע דיינים און מפלפל געווען אין אַ וויכטיגען ענין. ר׳ שמעון יואב האָט, כמעט נישט ווילענדיג, זיך אַריינגעמישט אין דעם ענין. עס האָט זיך דאַן אַנטוויקעלט צווישען איהם און דעם לעמבערגער גאון אַ שטאַרקער פלפול. פאַרטיג ווע־רענדיג, האָט דער גאון געפרעגט ר׳ שמעון יואב׳ן, אין וועלכע שטאָדט ער איז רב.

״איך בין נישט קיין רב״ — האָט ר׳ שמעון יואב געענטפערט — ״איך בין אַ פשוט׳ער אַרענדאַר.״

ר׳ יוסף שאול איז שטאַרק איבערראַשט געוואָרען. אַזאַ אַרענדאַר האָט ער נאָך קיינמאָל נישט באַגעגענט.

אויסגעפינענדיג אַז ר׳ שמעון יואב איז אַן אַרענדאַר אין דער סאַנזער געגענד, האָט ר׳ יוסף שאול אויסגערופען: ״אַצינד איז מיר שוין אַלץ קלאָהר, אַז מען איז אַ סאַנזער גאון, האָט מען אַזעלכע אַרענדאַטאָרס ווי איהר זייט.״

אַלענפֿאַלס איז ר׳ שמעון יואב נישט געווען נישט קיין רבי פֿון חסידים און נישט קיין ״בעל מופת״. און הערענדיק אַז דער סאַנזער צדיק שיקט די אלמנה, וועמען דער פּריץ האָט באַשלאָסן אַרויסצוּוואַרפֿן פֿון דער קרעטשמע, צוּ ר׳ שמעון יואב׳ן, זענען אַלע וואָס האָבן זיך געפֿוּנען אין צימער נבהל ומשתומם געוואָרן.

די אלמנה האָט נישט געפֿרעגט קיין קשיות. זי איז באַלד געפֿאָהרען קיין לאַנצט. אַז דער צדיק הייסט, דאַרף מען פֿאָלגען.

קוּמענדיק קיין לאַנצק און דערצעהלענדיק ר׳ שמעון יואב׳ן, אַז דער סאַנזער צדיק האָט איהר געשיקט צוּ איהם נאָך אַ ישועה, איז ר׳ שמעון יואב גאַנץ איבערראַשט געוואָרן. ער האָט בשום אופן נישט געקענט באַגרייפֿען, מיט וואָס ער קען דער אלמנה העלפֿען. ער האָט זיך געלאָזט דערצעהלען פֿון דער פֿרוי איהר בקשה נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. ער האָט זי געפֿרעגט דעם נאָמען פֿון דאָרף און דעם נאָמען פֿון פּריץ. אפשר וועט ער דערזעהן עפּעס אַ וואוּנק, ווי אַזוי דער אלמנה צוּ העלפֿען. ער האָט אָבער גאָר נישט געזעהן און גאָר נישט געפֿוּנען.

אָבער אַז דער הייליגער רב האָט געשיקט — האָט ר׳ שמעון יואב געטראַכט — מן הסתם איז דאַרין דאָ אַ הויכע כונה.

ר׳ שמעון יואב האָט געבעטען דער פֿרוי, אַז זי זאָל דערווייל בלייבען ביי איהם אין הויז, ביז גאָט וועט איהם צושיקען אַ פּלאַן, ווי אַזוי איהר צוּ העלפֿען.

די פֿרוי איז געזעסען ביי ר׳ שמעון יואב׳ן אין הויז עטליכע טעג צייט. עס האָט אָבער גאָר נישט פּאַסירט.

איינמאָל, שפּעט ביי נאַכט, אין דרויסען האָט געגאָסען אַ מוראדיגער רעגען, פּשוט אַ מבול, ר׳ שמעון יואב איז געזעסען ווי זיין שטייגער איבער די ספרים פֿאַרטיעפֿט אין לערנען, האָט ער פּלוּצלינג דערהערט ווי אימיצער קלאַפּט אין דער טיהר. דאָס קלאַפּען איז געוואָרען שטאַרקער און שטאַרקער. און ר׳ שמעון יואב איז געגאַנגען זעהן ווער דאָס קלאַפּט אַזוי.

פֿרעגענדיג ווער דאָס איז, האָט ער דערהערט אַ שטימע פֿון אַ מאַן, בעטענדיג רחמים מען זאָל איהם אַריינלאָזען, ווייל ער קוּמט פּשוט אוּם. ר׳ שמעון יואב האָט נישט לאַנג געטראַכט. סכנת נפשות! און ער האָט די טיהר געעפֿענט.

ר' שמעון יואב האָט כמעט נישט דערקענט אַז דער גאַסט וואָס איז אַריינגעקומען איז אַ לעבעדיגער מענש. איינגעטונקט פון קאָפ ביז די פיס אין שמוץ און בלאָטע, און עמערס וואַסער האָבן זיך פון איהם געגאסען.

ר' שמעון יואב האָט שנעל אַרונטערגעצויגען פון זיין גאַסט די נאַסע און שמוציגע קליידער. ער האָט אויפגעוועקט זיין פרוי, זי זאָל עפעס אָפּ־קאָכען, דעם גאַסט צו דערוואַרעמען, און נישט פרעגענדיג ווער און וואָס, האָט ער דעם גאַסט איבערגעגעבען זיין בעט, זיך אויסצורוהען פון דער שטורעמ־דיגער רייזע.

אין דער פריה האָט דער גאַסט האַרציג געדאַנקט ר' שמעון יואב'ן פאַר דער פריינדליכער אויפנאַהמע. ר' שמעון יואב האָט איצט דערקענט אַז זיין גאַסט באַלאַנגט צום פוילישען אַדעל. דער גאַסט האָט געוואָלט באַצאָהלען פאַר אַלץ וואָס עס קומט. ר' שמעון יואב האָט אָבער קיין געלד נישט גע־וואָלט נעהמען, אַזאַ מצוה, האָט ר' שמעון יואב געזאָגט, פאַרקויפט מען נישט פאַר געלד.

צוליעב העפליכקייט האָט ר' שמעון יואב געפרעגט זיין גאַסט פון וואַ־נען ער קומט און וואוהין ער פאָהרט.

דער גאַסט האָט איהם דערצעהלט, אַז ער קומט פון נעבען לאָדזש (רוסיש-פוילען) און אַז ער פאָהרט קיין שטשאַווניץ (אַ באַריהמט קור-פלאַץ דריי מייל אַוועק פון לאָנצק) זיך צו ערהאָלען.

ר' שמעון יואב האָט אַ לייכטען ציטער געגעבען. דאָס וואָרט "נעבען לאָדזש" האָט איהם געגעבען אַ קלאַפּ אין מח. ער האָט זיך דערמאהנט, אַז די אלמנה, וואָס דער סאַנזער צדיק האָט צו איהם געשיקט, קומט אויך פון נעבען לאדזש.

"קענט איהר מיר נישט זאָגען פון וועלכער שטאָדט אָדער דאָרף איהר קומט?" — האָט ר' שמעון יואב געפרעגט זיין גאַסט, מיט אינערליכער אויפרעגונג.

דער גאַסט האָט איהם געזאגט דעם נאָמען פון דעם דאָרף.

ר' שמעון יואב איז געוואָרען ווייס ווי קאַלך. ער האָט אַ ציטער גע־געבען מיט דעם גאַנצען קערפער.

דאָס איז געווען דאָס זעלביגע דאָרף פון וואַנען די אלמנה קומט.

דער גאַסט האָט באַמערקט ר׳ שמעון יואב׳ס אויפרעגונג, און האָט איהם געפרעגט די אורזאַך.

באַרוהיגענדיג זיך אַביסעל, האָט ר׳ שמעון יואב דערצעהלט זיין גאַסט, אַז ער האָט אין יענעם דאָרף אַ קרובה אַן אלמנה. און אַז נישט לאַנג צוריק האָט ער פון זיין קרובה געקראָגען אַ בריעף, אַז דער פריץ איהרער האָט באַשלאָסען, זי אַרויסצוואַרפען פון דער אַרענדע, און אַז זי איז זעהר פאַרצווייפעלט. „און הערענדיג פון אייך" — האָט ר׳ שמעון יואב פאָרטגעזעצט — „דעם נאָמען פון דעם דאָרף, האָב איך זיך דערמאָהנט וועגען מיין אונגליקליכע קרובה, און בין אַביסעל אויפגערעגט געוואָרען."

„איז דאָס מעגליך? — האָט דער גאַסט אויסגערופען — איז יענע פרוי ווירקליך אייער קרובה? דאָס איז עטוואָס זאָנדערבאַרעס!"

דער גאַסט האָט ר׳ שמעון יואב׳ן דערצעהלט, אַז ער איז דאָס טאַסע אַליין דער פריץ וואָס האָט באַשלאָסען די אלמנה אַרויסצוואַרפען פון דער אַרענדע, „אָבער צוליעב אייער פריינדשאַפט צו מיר" — האָט דער גאַסט געזאָגט מיט טיעפער פריינדליכקייט — „פאַרשפרעך איך אייך אַז אייער קרובה וועט בלייבען אין דער אַרענדע."

ווען דער גאַסט איז אַוועקגעפאָהרען, האָט ר׳ שמעון יואב אַריינגערופען די אלמנה, און מיט שמחה צו איהר געזאָגט: „פאָהרט אַהיים לחיים ולשלום, איהר זייט שוין געהאָלפען."

ר׳ שמעון יואב פלעגט די דאָזיגע געשיכטע דערצעהלען ביי יעדער געלעגענהייט.

אַן עהנליכע געשיכטע דערצעהלען אונגאַרישע חסידים וועגען אַן עגונה, וואָס דער סאַנזער גאון האָט אַריינגעשיקט צום באלאש-יארמוטער רב, ר׳ דוד דייטש.

דער סאַנזער פלעגט זיין אין שאלות עגונות אַ שטאַרקער מקיל. קוים האָט ער געפינען נאָר עפעס אַ שטיקעל היתר, פלעגט ער די עגונה מתיר זיין. דאַריבער האָט ער געהאַט שאלות עגונות מעהר ווי די אַנדערע גדולים אין זיין דור. אויף דער עלטער פלעגט ער שיקען שאלות עגונות וואָס זענען איהם אָנגעקומען, צו אַנדערע גדולים, בעטענדיג זיי מצדד צו זיין להיתר.

אַמאָל איז צו איהם געקומען אַן עגונה און ביטער געוויינט, אַז דער סאַנזער זאָל איהר בעפרייען פון די קייטען. דער צדיק האָט איהר געענטפערט,

אַז ער קען פֿאַר איהר גאָר ניט טאָהן, די עגונה האָט אָבער ניט געוואָלט אָפּטרע־טען, טאָג פֿאַר טאָג איז זי געקומען מיט ביטערע געוויינען אַז ער זאָל איהר העלפֿען. איינמאָל, ווען די עגונה איז פֿאַר איהם געשטאַנען און ממש צע־גאַנגען פֿון געוויין, איז דער צדיק אַריינגעפֿאַלען אין אַ מוראדיגע דבקות. ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער אַ זאָג געגעבען צו דער פֿרוי: "פֿאָהרט קיין באלאש־יארמוט צו דעם גרויסען גאון ר׳ דוד דייטש. איך וועל אייך מיטגעבען אַ בריעף, בעטענדיג אַז דער גאון זאָל אייך העלפֿען."

ר׳ דוד דייטש איז געווען איינער פֿון די באַקאַנטעסטע גדולים פֿון אונגארן. ער איז געווען אַ מוראדיגער מתנגד. ער האָט אָבער שטאַרק גע־האַלטען פֿון סאַנזער צדיק צוליעב זיין גאונות, און זיי פֿלעגען שטעהן אין אַ שטענדיגע וועקסלונג פֿון שאלות ותשובות. אין "שאלות ותשובות דברי חיים" איז דאָ עטליכע תשובות צו ר׳ דוד דייטש. האָט דער סאַנזער געשיקט די עגונה צו דעם גאון ר׳ דוד דייטש.

אין דעם בריוועלע וואָס דער סאַנזער האָט געשריבען, איז געשטאַנען נישט מעהר ווי עטליכע ווערטער: "איך בעט אייך צו טאָהן אַ טובה דער דאָזיגער פֿרוי, אַז זי זאָל קריעגען אַ גט פֿון איהר מאַן."

איבערלעזענדיג די עטליכע ווערטער איז ר׳ דוד דייטש נבהל ומשתומם געוואָרען. "וואָס הייסט, אַ גט פֿון איהר מאַן, זי איז דאָך גאָר אַן עגונה און ווייסט ניט וואו איהר מאַן איז!" ר׳ דוד דייטש האָט געוויזען דעם בריעף צו זיינע דיינים, אויך מתנגדים, און ביי אַלע איז געבליבען, אַז זייענדיג פֿאַר־קאָכט אין די עולמות עליונים, האָט דער סאַנזער שרייבענדיג דאָס בריוועלע גאָר פֿאַרגעסען אַז די פֿרוי איז אַן עגונה. אָבער, כדי נישט מצער צו זיין די אומגליקליכע עגונה, האָט דער גאון ר׳ דוד געהייסען דער פֿרוי, זי זאָל בליי־בען אין שטאָדט עטליכע טעג אום צו זעהן וואָס ער קען פֿאַר איהר טהאָן. די פֿרוי האָט געפֿאָלגט.

איינמאָל, אַריינקומענדיג צום גאון אין שטוב, און בעטענדיג אַז ער זאָל איהר העלפֿען, איז אויך אַריינגעקומען אַ אידישער שוסטער מיט אַ פּאָר שיך, וואָס ער האָט נאָר וואָס פֿאַרפֿאַרטיגט פֿאַר דעם גאון. קוים האָט די עגונה דערזעהן דעם שוסטער, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ ביטערען געשריי און געפֿאַלען אין אומאַכט. אין שטוב האָט אויסגעבראָכען אַן אויפֿרעגונג. אַלע זענען געלאָפֿען ראַטעווען די פֿרוי. עס האָט גענומען אַ געוויסע צייט און די

פֿרוי איז ענדליך צו זיך געקומען, די פֿרוי האָט דערציילט, אַז דער שוסטער וואָס האָט געבראַכט די שיך איז דאָס טאַקע איהר מאַן, וועלכער איז פֿון איהר אַנטלאָפֿען שוין יאָהרען לאַנג. דער גאון ר׳ דוד דייטש איז געבליבען פשוט אָפּגעטמלאָז. ער האָט זיך נישט געקענט גלויבען, אַז דאָס איז אמת. דער שוסטער איז איבערהויפּט געווען באַקאַנט אין שטאָדט פֿאַר אַן אָרענט־ליכען מענש. דער פֿאַקט אָבער, וואָס דער שוסטער האָט זיך אָפּגעטראָגען פֿון שטוב בשעת דער אויפֿרעגונג, האָט ערוועקט אין דעם מוח פֿון גאון אַ חשד, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַט.

דער גאון ר׳ דוד האָט זאָפֿאָרט געשיקט נאָך דעם שוסטער און אָנ־געהויבען חוקר ודורש זיין וואָס דאָ טהוט זיך אַזוינס. דער שוסטער האָט אין אָנפֿאַנג געלייקענט שטיין און ביין, ער האָט געטענה׳ט, אַז ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבען די דאָזיגע פֿרוי נישט געזעהן. דער גאון האָט איהם אָבער גענומען אויף אַ שטאַרקען פֿאַרהער, ביז ער, דער שוסטער, האָט זיך מודה געווען.

די פֿרוי האָט געקראָגען אַ גט פּטורין.

דער גאון ר׳ דוד דייטש איז זייט דאַן געוואָרען נאָך מעהר אָנהענגער פֿון סאַנזער צדיק, ער איז ניט געוואָרען קיין חסיד, ער פֿלעגט אָבער דעם סאַנזער צדיק פֿאַרהייליגען פּונקט ווי אַ חסיד.

ווען מען האָט דעם סאַנזער דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט ער אַ זאָג געטאָהן: „נישט קיין מופת! איך האָב געשיקט די עגונה צום גאון, אַז ער זאָל מעיין זיין אין דער הלכה. אויב אָבער זי האָט דאָרט געפֿונען איהר מאַן, איז אַוודאי גוט.״ מעהר האָט דער צדיק נישט געוואָלט וועגען דעם רעדען.

קאַפּיטעל 16

נאך א מופת פון סאנזער צדיק. — דער צדיק ר׳ הירש׳לע ליסקער שיקט א גוטסהאלטער צום סאנזער צדיק נאך ״שלעג״. — דער סאנזער פלעגט אויף זיין אלטער מכבד זיין מיט זיין ציבוק. — ״אז מען קען נישט באצאהלען דעם רענט קויפט מען דאס גוט.״

און אַט איז אַנאַנדער מופת פון סאַנזער צדיק, וואָס חסידים דערצעהלען מיט ערנסט און הייטערקייט.

אַמאָל איז געקומען צו ר׳ הירש׳לע ליסקער אַ רייכער גוטסהאַלטער און איהם מגלה סוד געווען אַז ער האַלט ביים באַנקראָטירען. ער האָט דער־צעהלט ר׳ הירש׳לען, אַז באַלד קומט די צייט צו באַצאָהלען דעם פּריץ אַ ראַטע און דאָ איז נישטאָ אַ פּרוטה ביי דער נשמה. דער גוטסהאַלטער האָט זיך צוואויינט ווי אַ קליין קינד.

ר׳ הירש׳לע ליסקער איז געווען איינער פון די גרעסטע גוטע אידען אין אונגאַרן, דאָס וואָרט ״גוטער איד״ האָט אפשר קיינעם נישט אַזוי גוט געפּאַסט ווי איהם. ער איז געווען אַן אמת׳ער גוטער, האַרציגער איד, ביי וועמען אהבת ישראל איז געשטאַנען העכער ווי אַלץ אין דער וועלט.

ר׳ הירש׳לע איז געווען אַ תלמיד מובהק פון דעם באַריהמטען אונגאַ־רישען גאון וצדיק ר׳ משה טייטעלבוים פון אוהעל. נאָך זיין רבינ׳ס פּטירה, איז ר׳ הירש׳לע ליסקער געוואָרען אַ פייערדיגער סאַנזער חסיד. ווען עס פלעגט קומען קיין ליסקאַ אַ סאַנזער איד, האָט דער איד געמעגט זיין יהיה מי שיהיה, פלעגט איהם ר׳ הירש׳לע איינפאַך מחבב ומנשק זיין. ״דער וואָס קומט פון סאַנז״ — פלעגט ר׳ הירש׳לע זאָגען — ״ברענגט מיט זיך מיט אַ שטיק פון דעם סאַנזער צדיק׳ס קדושה.״ ר׳ הירש׳לע פלעגט יעדעס יאָהר פאָהרען צום סאַנזער, און דער סאַנזער פלעגט איהם עמפּפאַנגען נישט ווי זיינס אַ חסיד, נאָר ווי זיינס אַ חבר.

הערענדיג פון דעם גוטסהאַלטער, ווען ר׳ הירש׳לע האָט ביז דאַן געהאַלטען פאַר אַ רייכען מאַן, די בשורה אַז ער, דער גוטסהאַלטער, האַלט ביים אונטערגאַנג, און זעהענדיג די טרעהרען פון דעם אומגליקליכען יורד, איז דער צדיק אַריינגעפאַלען אין אַ טיעפע דביקות. ער האָט געמורמעלט אַ שטילע תפלה און טרעהרען האָבען זיך געגאָסען פון זיינע אויגען. פלוצלינג האָט דער צדיק, ווי זיך אויפגעכאַפט פון שלאָף, אַ זאָג געגעבען צו דעם גוטסהאַלטער: "פאָהרט תיכף ומיד קיין סאַנז און איהר זאָלט נישט אַוועק, ביז דער הייליגער סאַנזער וועט אייך שלאָגען."

דער גוטסהאַלטער איז געבליבען שטעהן ווי אַ געלעהמטער. וואָס הייסט עפעס ביז דער סאַנזער צדיק וועט איהם שלאָגען?

עס דאַרף דאָ באַמערקט ווערען, אַז אויף זיינע עלטערע יאָהרען פלעגט דער סאַנזער צדיק אָפט אַזוי אויפגערעגט ווערען, אַז ער פלעגט אָנכאַפען די וואָס האָבען איהם מבלבל געווען אין זיין עבודה — ביי די לאַצען, גוט אָנטרייסלען און אָפט אויך מכבד זיין מיט זיין ציבוק.

חסידים האָבען אַזעלכע סצענעס גערעכענט פאַר אַ גאָר הויכען ענין. ביי אַ סך חסידים איז געווען אָנגענומען, אַז אַריינכאַפען פון צדיק מיט דעם ציבוק איז בדוק ומנוסה פאַר אַ ישועה. האָבען טאַקע אַ סך געוואַרט ביז זיי וועלען קריגען מיט׳ן ציבוק.

די אורזאַך פון דעם שלאָגען איז וואַהרשיינליך געווען, אַז אויף זיינע עלטערע יאָהרען האָט דער צדיק זיך געוואָלט אין גאַנצען איבערגעבען צו רוחניות, צו תורה און עבודה. די טויזענדער חסידים האָבען איהם אָבער געשטערט אין זיין עבודה און ער פלעגט אויפגערעגט ווערען.

דער ליסקער צדיק ר׳ הירש׳לע איז געווען פון די וואָס האָבען געגלויבט, אַז דאָס שלאָגען פון סאַנזער איז אַ גאָר, גאָר הויכער ענין. אַז קריעגען פון סאַנזער צדיק מיט׳ן ציבוק, מיינט קריעגען אַ ישועה. האָט ער באַפוילען דעם גוטסהאַלטער, צו פאָהרען קיין סאַנז און וואַרטען ביז דער סאַנזער צדיק וועט איהם גוט אָנקלאַפען.

זעהענדיג אַז דער גוטסהאַלטער פאַרשטעהט נישט וואָס דאָ קומט פאָר, האָט איהם ר׳ הירש׳לע אַלעס דערצעהלט און איהם מבטיח געווען, אַז קריגענדיג פון סאַנזער צדיק אַביסעל אָנגעשלאָגען, וועט מיינען פאַר איהם אַ זיכערע ישועה.

דער גוטסהאַלטער האָט מעהר קיין קשיות געפֿרעגט און איז געפֿאָהרען קיין סאַנז.

קומענדיג קיין סאַנז איז דער גוטסהאַלטער באַלד געלאָפֿען צום צדיק, רעכנענדיג אַז שלעג אַריינכאַפּען וועט איהם גאָר לייכט אָנקומען.

דער גוטסהאַלטער האָט דעם צדיק דערצעהלט זיין טרויעריגע לאַגע, אַז ער איז ביז איצט געווען אַ גרויסער עושר, אַז דאָס רעדעל האָט זיך פֿאַרדרעהט און אַז זיין לאַגע איז אַזאַ, אַז ער קען פשוט נישט באַצאָהלען דעם רענט.

„אַז מען קען נישט באַצאָהלען קיין רענט, קויפֿט מען דאָס גוט" — האָט דער סאַנזער געענטפֿערט קורץ און שאַרף. מעהר האָט דער צדיק מיט דעם גוטסהאַלטער נישט געוואָלט רעדען.

דער אומגליקליכער גוטסהאַלטער איז געבליבען שטעהן אַ דערשלאָגענער! וואָס הייסט, „אַז מען האָט נישט צו באַצאָהלען דעם רענט, קויפֿט מען דאָס גוט"? אַז מען האָט נישט קיין געלד, טו מיט וואָס קען מען דאָס גוט קויפֿען?

דער אָרימער גוטסהאַלטער האָט באַשלאָסען, צו פּרובירען נאָכאַמאָל. צומאָרגענס האָט ער זיך ווידער צוגעשלאָגען צום צדיק און איהם ווידער דערצעהלט די ביטערע לאַגע זיינע.

„איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט — האָט דער צדיק געענטפֿערט גוטמוטהיג — „אַז מען קען נישט באַצאָהלען דעם רענט, קויפֿט מען דאָס גוט."

דער איבערגעשראָקענער גוטסהאַלטער האָט געוואָלט עפּעס איבערפֿרעגען, אָבער דער צדיק האָט נישט געוואָלט מעהר הערען.

קורץ, די געשיכטע איז אַזוי געגאַנגען טאָג פֿאַר טאָג. דער גוטסהאַלטער האָט געדענקט ר' הירש'לעס אָנזאָג: נישט אַוועקצופֿאָהרען פֿון סאַנז ביז ער, דער גוטסהאַלטער, וועט נישט קריגען אָנגעשלאָגען. איז ער געלאָפֿען טאָג פֿאַר טאָג צום צדיק מיט דערזעלבער בקשה, און דער צדיק האָט טאָג פֿאַר טאָג געענטפֿערט דעם זעלבען תירוץ: אַז מען קען נישט באַצאָהלען דעם רענט, קויפֿט מען דאָס גוט.

דער אומגליקליכער גוטסהאַלטער איז שיער פֿאַרריקט געוואָרען פֿאַר צער. ער איז געקומען נאָך „שלעג". לסוף רעדט דער צדיק מיט איהם אַזוי גוטמוטהיג. וויעפֿיעל ער זאָל דעם סאַנזער נישט מבלבל זיין, בלייבט אַלץ

דער צדיק מיט זיין תירוץ: „אַז מען קען נישט באַצאָהלען דעם רענט, קויפט מען דאס גוט.“

אין זיין פאַרצווייפלונג האָט זיך דער גוטסהאַלטער געווענדעט צו משה יהושע׳ן, דעם סאַנזערם לייב־גבאי. דער אָרימער גוטסהאַלטער האָט פאַר דעם גבאי אויסגעגאָסען זיין ביטער האַרץ און פון איהם געבעטען אַן עצה.

משה יהושע איז נישט איבעררעאַשט געוואָרען. ער האָט געוואוסט, אַז אַ סך צדיקים האַלטען דעם סאַנזערם בייזערן זיך, און ווער שמועסט נאָך שלאָגען, פאַר אַ זעהר הויכען ענין. ער האָט דאַרום באַשלאָסען דעם גוטס־האַלטער צו העלפען, קריגען אָנגעשלאָגען.

די הכנה פון סאַנזער צדיק בעפאָר מנחה, איז געווען חוץ לדרך הטבע. די קולות און מוראדיגע בכיות האָבען פשוט געשפאָלטען הימלען. קיינער, זאָגאַר די נאָהענטסטע מקורבים, האָבען נישט געוואַגט אריינצוקומען אין דעם צימער ווען דער אַלטער צדיק האָט זיך מכין געווען צו דאַווענען מנחה. משה יהושע האָט באַשלאָסען אַריינצושיקען דעם גוטסהאַלטער אין סאַנזערם חדר, אין יענעם מאָמענט ווען דער צדיק איז זיך מכין צו מנחה.

אַריינקומענדיג אין צימער איז דער גוטסהאַלטער שיער געשטאָרבען פאַר מורא. דער אַלטער צדיק, אָנגעטהאָן אין ווייסע קליידער, איז געשטאַנען אין אַ ווינקעלע און אַלעם אַרום איהם האָט פשוט געברענט ווי אַ פייער. דער גוטסהאַלטער האָט לכתחילה געוואָלט אַרויסלויפען פון צימער. ער האָט זיך אָבער דערמאָהנט אין דעם ליסקער צדיק׳ס באַפעהל. ער האָט זיך גע־שטאַרקט און ציטערענדיג מיט אַלע אברים איז ער צוגעגאַנגען צום סאַנ־זער צדיק.

„הייליגער רבי“ — האָט דער גוטסהאַלטער אויסגעשריען מיט אַ ביטער געוויין — „העלפט מיר!“ — מעהר האָט ער נישט געקענט רעדען.

„גאַלגאַן!“ — האָט דער צדיק אויסגעשריען, קומענדיג צו זיך — „גאַל־גאַן! דו זעהסט אַז איך בין זיך מכין מתפלל צו זיין צום בורא עולם און דו וואַגסט מיך מבטל צו זיין! אַרוים פון מיין שטוב!“ דער צדיק האָט אָנגע־כאַפּט דעם גוטסהאַלטער ביי די לאַצען, איהם גוט צעטרייסעלט און איהם געפיהרט צו דער טהיר.

„גוט! גוט!“ — האָט דער גוטסהאַלטער מיט שמחה געשריען — „איך בין שוין געהאָלפען.“

אַהיימקומענדיג האָט דער גוטסהאַלטער אויסגעפונען, אַז דער פריץ פון גוט האָט מיט עטליכע טעג צוריק נאָך איהם געשיקט. דער גוטסהאַלטער איז זאָפאָרט געלאָפען אין הויף צום פריץ.

דער פריץ האָט איהם אויפגענומען גאַנץ העפליך, און פאַר איהם פאָר-געלעגט פאָלגענדען פאָרשלאַג:

"היות ווי איך האָב באַשלאָסען געגצליך אַוועקצוציען פון דער געגענד, און אַזוי ווי איך וויל דאָס גוט נישט פאַרקויפען ביי ליציטאַציע (פער אָקשען) וועגען געוויסע אורזאַכען, איז ביי מיר געבליבען צו פאַרקויפען דאָס גוט צו אייך."

"ווי סענדיג אַז איהר האָט נישט קיין געלד" — האָט דער פריץ פאָרט-געזעצט — "האָב איך אַראַנזשירט אין דער לייה-קאַסע אַן הלואה פאַר אייך פון צעהן טויזענד גולדען. דאָס איבריגע וואָס דאָס גוט איז ווערטה, וועט איהר מיר אויסצאָהלען אין ראַטען."

דער גוטסהאַלטער, נאַטירליך, האָט זיך נישט געדונגען. ער האָט דאָס גוט געקויפט אָהן אַ סענט געלד און איז שפעטער געוואָרען איינער פון די רייכסטע אידען אין אונגאַרן.

דער סאַנזער האָט רעכט געהאַט. אַז מען קען נישט צאָהלען קיין רענט קויפט מען דאָס גוט.

די דאָזיגע געשיכטע האָב איך געהערט דערצעהלען צעהנדליגע מאָל פון ליסקער און סאַנזער חסידים.

אַן אַנדערע, העכסט אינטערעסאַנטע געשיכטע דערצעהלען חסידים וועגען א פאַסירונג אין בודאַפעסט, וועלכע האָט איפגעשטורעמט די גאַנצע חסידישע וועלט.

דער סאַנזער צדיק, ווי איך האָב שוין דערצעהלט, האָט געהאַט אַ קראַנקען פוס. פשוט געהאַט לעכער אין פוס. דאָקטוירים האָבען פאַרזיכערט, אַז זיי קענען דעם פוס היילען אויב דער "ראַבינער" וועט נאָר פאָלגען זייערע פאָרשריפטען. האָט אָבער דער "ראַבינער" נישט געפאָלגט און האָט כל ימיו געליטען יסורי איוב, ווי ער אַליין פלעגט זיך אויסדריקען.

די געשיכטע איז געווען אַזאַ:

דעם קראַנקען פוס האָט ער קוים געקענט שטעלען אויף דער ערד. פלעגען איהם זיינע גבאים פיהרען, און דער פוס האָט זיך איהם ווי נאָכגע-

שלייפֿט. דאָס איז געווען נאָר אין געוועהנליכע צייטען. ביים דאַווענען אָבער האָט ער נישט גערדאַרפֿט נישט קיין גבאים און נישט קיין הילף.

קוים איז ער אַריין אין זיין בית המדרש, און קוים האָט ער אַרויסגע־זאָגט „מה נורא המקום הזה", האָט ער אָפּגעשטופּט פֿון זיך די גבאים און איז ניט נאָר געלאָפֿען, נאָר פּשוט געפֿלויגען אויף זיין פּלאַץ אויף דער מזרח־וואַנד. דאַן האָט זיך אָנגעהויבען אַן עבודה וואָס מען האָט דאָס נישט גע־זעהן זייט ר' לוי יצחק בערדיטשובער. ער האָט ממש מרעיש עולמות געווען. ער האָט זיך געבראָכען אין דרייען. ער איז געלאָפֿען פֿון איין ווינקעל צום צווייטען. זיין עבודה איז באמת געווען „כל עצמותי תאמרנה". אין אַזאַ צייט פֿלעגען זיך אָפֿט עפֿענען די וואונדען אין זיין פֿוס, און די פּאָדלאָגע פֿון בית המדרש פֿלעגט רויט ווערען פֿון בלוט וואָס האָט געטריפֿט פֿון זיינע גע-עפֿענטע וואונדען. אַזוי איז עס געווען דריי מאָל אין טאָג, צו שחרית, צו מנחה און צו מעריב.

געוועהנליך פֿלעגען דאָקטוירים קומען נאָכן דאַווענען פֿאַרבינדען די וואונ־דען. עס איז אָבער געווען אַ מעשה אָהן אַ סוף. האָבען דאָקטוירים אויסגע־לערענט די גבאים ווי אַזוי דעם קראַנקען פֿוס צו פֿאַרבינדען.

חסידים דערצעהלען, אַז איינמאָל, בעת דער דזיקובער צדיק, דער רבי ר' אליעזרל, איז געווען אין סאַנז, און ביידע צדיקים, דער סאַנזער און דער דזיקובער, זענען געזעסען אין אַ צימער און עוסק געווען אין סתרי תורה, איז פּלוצלינג אַריינגעקומען דעם סאַנזערס ווייב מיט אַ האַרצרייסענד געוויין. זי האָט זיך געווענדעט צום רבין ר' אליעזרל, אויסשרייענדיג: „רבי, איך געה ניט אַוועק פֿון דאַנען ביז איהר וועט נישט פּועלן ביי מיין מאַן, אַז ער זאָל זיין קראַנקען פֿוס מעהר שוינען, הייליגער רבי!" — האָט די רביצין געוויינט — די דאָקטוירים האָבען מיר נאָר וואָס געזאָגט, אַז זיין עבודה מיט דעם קראַנ־קען פֿוס איז ממש סכנת נפשות."

דער רבי ר' אליעזרל, וועמעס אויגען זיינען פֿייכט געוואָרען פֿון טרעה־רען אוים רחמנות צו דער רביצין, האָט זיך געווענדעט צו זיין חבר און רבין, דעם סאַנזער, מיט די ווערטער: „סאַנזער רבי, עס שטעהט דאָך ונשמרתם מאד לנפשותיכם?"

„איך וויים, איך וויים" — האָט דער סאַנזער געענטפֿערט — „וואָס קען מען זיך אָבער העלפֿען ווען דאָס האַרץ ווערט שטענדיג אויפֿגעשטורעמט

פֿאַר דעם בורא כל עולמים.״ דער סאַנזער איז דאַן אַריינגעפֿאַלען אין אַ מורא־דיגער התלהבות, אויסשרייענדיג ווידער און אָבער די ווערטער: ״כל ימי הייתי מצטער על הפסוק הזה, בכל נפשך, ואפילו נוטל את נפשך. אמרתי, מתי יבא לידי ואקיימנו. ועכשיו שבא לידי, לא אקיימנו?״ (די דאָזיגע גמרא ווערט געזאָגט אויף ר׳ עקיבא׳ן: ווען מען האָט איהם אַרויסגעצויגען צו דער הריגה, איז געווען פונקט זמן קריאת שמע, און וועהרענד די פייניגער האָבען געריסען ר׳ עקיבא׳ס פֿלייש מיט אייזערנע קעם, האָט ר׳ עקיבא אויף זיך מקבל געווען עול מלכות שמים באהבה. האָבען זיינע תלמידים איהם גע־פֿרעגט: רבי, אַזוי ווייט? האָט זיי ר׳ עקיבא געענטפֿערט: קינדער! אַלע מיינע לעב־טעג האָב איך מיך מצער געווען אויף דעם פסוק, זאָלסט ליעב האָבען גאָט ״בכל נפשך״ — מיט דיין גאַנצען נפש, דאָס הייסט, זאָגאר ווען מען נעמט פֿון דיר אוועק דיין נפש. האָב איך געזאָגט, ווען וועט קומען צו מיר אַזאַ מאָמענט און איך וועל עס מקיים זיין, און אצינד, ווען אַזאַ מאָמענט איז געקומען, זאָל איך ניט מקיים זיין? און הערענדיג ווי זיין רביצין דערצעהלט דעם דזיקובער אַז די דאָקטוירים זאָגען אַז זיין עבודה איז סכנת נפשות, האָט דער סאַנזער אויסגעשטורעמט מיט התלהבות די זעלבע ווערטער וואָס ר׳ עקיבא אמאָל).

״איך בין שיער פֿארברענט געוואָרען פֿון דעם התלהבות פֿון הייליגען צדיק״—האָט שפּעטער דער דזיקובער געזאָגט צו זיינע מקורבים — ״נישט בחנם האָט דער הייליגער פֿאָטער מיינער (דער ראָפּשיצער זכרונו לברכה) גע־זאָגט, אַז דער הייליגער סאַנזער האָט נשמת ר׳ עקיבא.״

איינזעהענדיג אַז זיי וועלען מיט דעם ״ראַבינער״ גאָר נישט אויספֿיהרען, האָבען די דאָקטוירים איהם באַפֿוילען ער זאָל יעדעם יאָהר פֿאָהרען אין די וואַרעמע בעדער. פֿלעגט דער סאַנזער פֿאָהרען יעדעם יאָהר קיין אַלט־אויבען (בודאפעסט) זיך באָדען אין די וואַרעמע בעדער.

זייענדיג אין פעסט, פֿלעגען די גדולי אונגארן קומען איהם באזוכען. מעהרסטענטהייל פֿון די אונגארישע גדולים זענען צו יענער צייט געווען מתנגדים, פֿון חתם סופר׳ס חדר. אָבער אזוי ווי דער חתם סופר האָט עדות געזאָגט אויף דעם סאַנזער אז ער איז אַ גאון עולם און אַ קדוש וטהור, פֿלע־גען זיינע תלמידים איהם, דעם סאַנזער, קומען באזוכען, זאָגאר דעם חתם סופר׳ס זוהן, דער ״כתב סופר״, איז געקומען איהם באזוכען אין בודאפעסט.

וועגן אַזא באזוך דערצעהלען סאַנזער חסידים אַן אינטערעסאנט שטי־קעל תורה פון סאַנזער צדיק.

איינמאָל, זייענדיג אין פעסט, איז דעם סאַנזער געקומען באזוכען דער טשענגערער רב, ר׳ אשר אנשל הלוי יונגרייז. דער טשענגערער רב איז גע־ווען אַ באריהמטער גאון אין אונגארן. ער איז אויך געווען אַ שטיק דאָקטאר און פלעגט געבען רפואות. קיין חסיד פון בעל שם׳ס חדר איז ער נישט גע־ווען, דעם סאַנזער אָבער איז ער געקומען באזוכען.

דאָס איז געווען אין די "ניין טעג", דאָס הייסט צווישען ראש חדש אב און תשעה באב. ווען עס איז אַ מנהג נישט צו עסען קיין פלייש און נישט צו טרינקען קיין וויין. די אונגארישע גדולים זענען שטארק מדקדק, נישט עובר צו זיין אויף דעם דאָזיגען מנהג כחוט השערה. אזוי שטעהט טאקע אויך אין שלחן ערוך או״ח. חסידים אָבער זענען זיך מתיר צו עסען פלייש און אפילו צו טרינקען וויין אויב אימיצער מאכט אַ סיום אויף אַ מסכת. זיי שטי־צען זיך אויף דער גמרא: "אמר אביי תיתי לי דכי חזינא לצורבא מרבנן דשלים מסכתא, עבידנא יומא טבא לרבנן". (אביי זאָגט, ווען איך זעה אַ תלמיד חכם מאכט אַ סיום אויף אַ מסכת, מאך איך אַ יום טוב פאר תלמידי חכמים.) און דער רמ״א פסק׳עט טאקע אזוי (או״ח סימן תקנ״א): "דכשסיים מסכתא, מצוה לשמוח ולעשות סעודה ונקראת סעודת מצוה." (ווען מען ענדיגט אַ מסכת איז אַ מצוה זיך צו פרעהען און צו מאכען אַ סעודה, און אַזא סעודה ווערט אָנגערופען סעודת מצוה.) די אונגארישע גדולים האלטען אויך פון דעם דין. זיי מאכען סעודות אויף אַ סיום פון אַ מסכת, אָבער נישט אין די ניין טעג.

אריינקומענדיג צום סאַנזער אין שטוב, איז דער צדיק גראָד געזעסען ביי טיש, ארומגערינגעלט פון הונדערטער חסידים און געפראוועט אַ ברייטע סעודה פון פלייש און וויין. (דער סאַנזער צדיק האָט געפראוועט טישען נישט נאָר שבתים און ימים טובים, נאָר אויך יעדען טאָג.) דער טשענגערער גאון איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר נבהל ומשתומם. סטייטש! דער סאַנזער גאון, דער צדיק הדור זאָל פראווען אַ טיש מיט פלייש און וויין בין המצרים, אין די גרעסטע טרויער-טעג פון אידישען פאָלק?

דער טשענגערער רב האָט געוואָלט אוועקגעהן, אָבער זיינער אַ תלמיד האָט איהם איינגערוימט אין אויער: "רבי, עשה דכבוד התורה עדיף." דער טשענגערער האָט געענטפערט: "גערעכט, גערעכט."

דערווייל האָט מען דעם סאַנזער איינגערוימט, אז דער טשענגערער רב שטעהט ביי דער טהיר. דער סאַנזער האָט זיך שנעל אויפגעהויבען פון שטוהל און איז געלאָפען געבען שלום דעם טשענגערער גאון. אנידער־זעצענדיג זיך ביים סאַנזער, האָט דער טשענגערער רב אָנגעפאנגען: "סאַנזער רבי . . ." דער סאַנזער האָט איהם אָבער זאָפאָרט אונטערבראָכען: "איך ווייס, טשענגערער רב, אייך וואונדערט ווי קומט עס, אז דער סאַנזער רב, אַ רבי פון חסידים, זאָלען פראווען אַ טיש מיט פלייש און וויין אין די ניין טעג."

"יאָ, יאָ" — האָט דער טשענגערער געענטפערט — "איהר האָט גע־כאפט מיין מחשבה, סאַנזער רבי."

"פארשטעהט איהר, טשענגערער רב" — האָט דער סאַנזער אָנגעהויבען מיט אַ ווייכע שטימע — "די גמרא זאָגט: בזמן שבית המקדש קיים, מזבח מכפר על אדם. עכשיו שאין המזבח קיים, שלחנו של אדם מכפר עליו. (אזוי לאנג דאָס בית המקדש איז געשטאנען, האָט דאָס מזבח מכפר געווען אויף דעם מענשענס עבירות. איצט אָבער אז דער מזבח איז נישטאָ, איז דער טיש פון מענש מכפר אויף זיינע עבירות.) איז דער ענין אזוי: איהר אונגארישע רבנים, אמתע צדיקים, דארפט נישט קיין כפרת עון, דארפט איהר אויך נישט קיין טיש. מיר אָבער, וואָס זענען מלא עונות וחטאים, דארפען אַ מזבח, און נישט האָבענדיג קיין מזבח מוזען מיר האָבען אַ טיש."

דער טשענגערער רב האָט אַ שמייכעל געגעבען און מעהר ניט גע־פרעגט קיין קשיות.

* *

*

און אָט איז די פאסירונג אין בודאפעסט, וואָס האָט אויפגעשטורעמט די גאנצע חסידישע וועלט.

דער רב פון דער עדת יראים אין בודאפעסט פלעגט אָפט מכבד זיין דעם סאַנזער צדיק מיט סידור קידושין, אויב עס זענען געווען חתונות אין דער צייט ווען דער סאַנזער האָט זיך געפונען אין פעסט. איינמאָל זענעןביידע, דער פעסטער און דער סאַנזער, געקומען אויף אַזא חתונה ביי איינעם פון די פעסטער פרומע עשירים. געוועהנליך פלעגט מען פיהרען חתן וכלה בעפאָר דער חופה צום סאַנזער, ער זאָל זיי בענשען. רעדענדיג מיט דעם חתן עטליכע ווערטער, האָט דער סאַנזער זיך ענטזאָגט צו זיין דער מסדר קידושין. די

עלטערן פון דער כלה זענען געווען אויסער זיך פאר צער. סטייטש, דער סאַנזער צדיק איז דאָ אין הויז און וויל נישט מסדר קידושין זיין! ווער ווייס וואָס פאַר אַ גזירה מן השמים עס הענגט איבער די קעפ פון חתן-כלה!

אומגעהויער עגמת נפש האָט איבערהויפט געהאט דער פעסטער רב. דער פאָטער פון דער כלה איז געווען איינער פון זיינע שעהנסטע בעלי בתים, אַ נגיד און ירא שמים. אלע מחותנים און געסט זענען שוין געווען צוזאמען, אלע זענען געקומען זעהן דעם סאַנזער צדיק מסדר קידושין זיין, און דאָ האָט איהר אַזא אומגליק!

דער סאַנזער איז געזעסען אין אַ באַזונדערען צימער, פארטיפט אין רעיונות, ווי זיין שטייגער פלעגט זיין. דער פעסטער רב האָט זיך מיישב גע־ווען, יעבור עלי מה, זאָל זיין וואָס עס וויל, ער וועט פרעגען דעם סאַנזער די סיבה, פארוואָס ער וויל ניט זיין דער מסדר קידושין. ער איז אריין אין דעם צימער וואו דער סאַנזער איז געזעסען, און האָט דעם צדיק כמעט אָפגעריסען פון דער עבודה, פרעגענדיג: „רבי, וואָס איז די סיבה וואָרום איהר ווילט נישט מסדר קידושין זיין?"

„איך ווייס אליין נישט, פעסטער רב" — האָט דער סאַנזער טרויעריג געענטפערט — „אָבער עפעס זאָגט מיר דאָס הארץ, אז דאָ שפּיעלט זיך אָפּ אַ מוראדיגע טראגעדיע. איך וואָלט אייך גערעאָטהען" — האָט דער סאַנזער פאָרטגעזעצט — „אז אויך איהר, פעסטער רב, זאָלט נישט מסדר קידושין זיין, ביז איהר וועט נישט גוט חוקר ודורש זיין די פארגאנגענהייט פון חתן וכלה."

דער פעסטער רב האָט אויפגעציטערט הערענדיג פון דעם באריהמטען צדיק אַזעלכע דיבורים. ער האָט זאָפאָרט אריינגערופען דעם אבי הכלה אין דעם צימער וואו דער סאַנזער איז געזעסען.

„זאָגט מיר, איך בעט אייך" — האָט דער סאַנזער געפרעגט דעם אבי הכלה וואָס איז צו איהם נאָר וואָס אריינגעקומען — „וויעפיעל קינדער האָט איהר?"

„דריי טעכטער, רבי" — האָט דער אבי הכלה געענטפערט — „די כלה איז די עלטעסטע."

„האָט איהר קיינמאָל נישט געהאט מעהר קיין קינדער?" — האָט דער סאַנזער ווייטער געפרעגט.

„יאָ רבי" — האָט דער מחותן געענטפערט — „איך האָב געהאט אַ בן יחיד, איז ער מיר אַוועקגעקומען! ווען ער איז געווען אַכט יאָהר אלט. דאָס

איז געווען דער גרעסטער אומגליק אין מיין לעבען. אייניגע האָבען געזאָגט אז ציגיינער האָבען איהם אוועקגע׳גנב׳עט, אנדערע האָבען געזאָגט אז ער איז אריינגעפאַלען אין דער דאָנוי, פון וועלכער איך האָב געוואוינט ניט ווייט. איך האָב איהם געזוכט יאָהרען לאנג. איך האָב אויסגעגעבען אַ פאַרמעגען. עס האָט אָבער גאָר נישט געהאָלפען.״ — דער מחותן האָט זיך צעוויינט אויפ׳ן קול.

דער סאַנזער צדיק איז ווידער אריינגעפאַלען אין אַ דבקות. די ביי־שטעהענדע האָבען געזעהן, ווי אויף זיין הייליגע צורה ענדערן זיך די פאַרבען. ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער אַ פרעג געטהאָן דעם מחותן: ״האָט איהר געהאט עפּעס סמנים אויף אייער בן יחיד?״

״יאָ, רבי״ — האָט דער מחותן געענטפערט — ״איך האָב געהאט עט־ליכע סמנים. איך געדענק זיי נאָך היינט גאנץ גוט.״

״הערטשע, מיין ליעבער איד״ — האָט דער סאַנזער געזאָגט טרויעריג און ערנסט — ״נעמט אריין דעם חתן אין אַ באזונדערען צימער, זייט איהם בודק און אויב איהר וועט נישט געפינען אויף איהם די זעלביגע סמנים, וועלען מיר באלד מסדר קידושין זיין.״

צו מאָרגענס האָט גאנץ בודאפעסט געקלונגען מיט דער אויסערגע־וועהנליכער געשיכטע, אז דער און דער בעל הבית האָט געפונען זיין פאַרלוירענעם זוהן, וואָס האָט געזאָלט חתונה האָבען מיט זיין אייגענע שוועסטער.

עס איז איבריג צו דערצעהלען, אז דער אבי הכלה האָט געפונען אלע סמנים פון זיין פאַרלוירענעם אינגעל אויף דעם חתן, און רעדענדיג מיט דעם חתן אַ קורצע צייט האָט ער אויסגעפונען, אז דאָס איז זיין אייגענער זוהן, דער כלה׳ס אַ ברודער.

די גאנצע חסידישע וועלט אין גאַליציע און אונגארן האָט געשטורעמט אַ צייט לאנג מיט דער דאָזיגער מערקווירדיגער פּאסירונג. דער סאַנזער אליין האָט קיינמאָל וועגען דעם נישט געוואָלט רעדען.

קאַפּיטעל 17

א תורה'לע פון בעל "תורת חיים". — דער זידיטשובער האט חתונה מיט דער תורה. — "איך קען נישט חתונה האבען מיט דער תורה ווייל זי איז שוין אן אשת איש." — עטליכע הלצה'לאך וואס ווערען דערצעהלט פון סאנזער צדיק.

חסידים דערצעהלען, אז ביי אזא סצענע (ווען דער סאַנזער האט מכבד געווען מיט דעם ציבוק) איז אַמאָל געשטאַנען דער טלוסטער רב, א באַריהמטער גדול, און אַן איידעם פֿון דעם גרויסען צדיק ר' חיים קאָסעווער, מחבר פון דעם ספר "תורת חיים".

דאָס איז געווען בין מנחה ומעריב. דער סאַנזער צדיק איז געזעסען פֿארטיעפֿט אין אַ מוראדיגער דבקות. אין צימער האָט געהערשט אַ הייליגע שטילקייט. קיינער האָט נישט געוואַגט אַרויסצורעדען אַ וואָרט כדי דעם צדיק נישט מבלבל צו זיין פֿון זיין עבודה. פּלוצלינג קומט זיך א איד, מיר נישט, דיר נישט, און איידער מען האָט נאָך אוספייעט איהם צוריקצוהאַלטען, האָט ער דעם צדיק אָפּגעריסען פֿון דער עבודה און פֿאַר איהם פֿאָרגעלעגט זיין בקשה.

דער אַלטער צדיק איז שטאַרק אויפֿגעבראכט געוואָרען, ער האָט דעם איד אָנגעכאַפּט ביי די לאַצען, איהם גוט אָנגעטרייסעלט און איהם באַפֿוילען מעהר נישט צו קומען. דער איד האָט זיך אָבער ווייניג דערשראָקען. ער האָט אויסגעשריען: "יעבר עלי מה! זאָל קומען וואָס עס וויל. דער רבי מוז מיך אויסהערען!"

דער אַלטער צדיק האָט זיך אָנגעפֿאַנגען בעטען: "וואָס ווילען די מענשען פֿון מיר האָבען, פֿאַרוואָס זענען זיי מיך מבטל פֿון תורה? פֿאַרוואָס זענען זיי מיך מבטל פֿון עבודת ד'?"

דער טלוסטער רב, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מקורב ביים סאַנזער, האָט דעם אַלטען צדיק געבעטען אום אַנטשולדיגען, ווייל ער וויל

איהם זאָגען אַ שטיקעל תורה פון זיין הייליגען שווער דער בעל „תורת חיים".

„זאָגט זאָגט" — האָט דער צדיק געהייסען.

אויף דעם פסוק „וירד משה מן ההר אל העם" — האָט דער טלוסטער רב אָנגעהויבען — זאָגט רש"י, „מלמד שלא היה משה פונה לעסקיו אלא מן ההר אל העם". דאָס הייסט, ווען משה רבינו איז אַרונטער פון באַרג סיני האָט ער זיך נישט צוריקגעקעהרט צו זיינע געשעפטען, נאָר גלייך פון באַרג, צום פאָלק. האָט מיין הייליגער שווער געפרעגט: וואָס הייסט, משה האָט זיך נישט צוריקגעקעהרט צו זיינע געשעפטען? האָט דען משה רבנו געהאַט געשעפטען?

דער תירוץ, האָט מיין שווער געזאָגט, איז: משה רבנו האָט טאַקע יאָ געהאַט געשעפטען, זייגע געשעפטען זענען געווען תורה און עבודה. האָט ער זיך אָבער אַמאָל אָפגעריסען פון תורה און עבודה איז געווען — גלייך צום פאָלק. האָט ער באַלד אויסגעהערט די בקשות פון פאָלק, ווייל צרכי עמך ישראל מרובים.

דער סאַנזער האָט הנאה געהאַט פון דעם תורה'לע. ער האָט צוגערופען דעם איד און אויסגעהערט זיין בקשה.

* *

*

ווי עס איז שוין אויבען דערצעהלט געוואָרען, איז ר' חיים סאַנזער געווען אַ תלמיד מובהק פון דעם ראָפשיצער צדיק, דער רבי ר' נפתלי, דער צדיק וואָס האָט געזאָגט לויטער גלייכווערטלאַך, און אויף וועמען אלע צדיקים פון דור האָבען עדות געזאָגט אַז מיט זיינע הלצה'לאַך איז ער „בונה עולמות" (בויעט הימלישע וועלטען). אַנדערש איז געווען זיין גרויסער תלמיד דער סאַנזער צדיק. נישט נאָר האָט ער נישט געזאָט קיין הלצה'לאַך, נאָר, קיינער האָט נישט געוואַגט צו זאָגען אַ הלצה'לע אין זיין געגענוואַרט. ער איז אימער געווען פאַרקאָכט און פאַרדבק'ט אין די עולמות עליונים.

פונדעסטוועגען געהען אום צווישען סאַנזער חסידים עטליכע גלייכ-ווערטלאַך פון זייער רבי'ן, וועלכע זענען העכסט כאַראַקטעריסטיש.

איך וויל דאָ איבערדערצעהלען עטליכע:

ווען דער סאַנזער צדיק איז אַן אלמן געוואָרען צום דריטען מאָל, איז

ער שוין געווען קרוב שבעים (באלד 70 יאָהר אלט). א יאָהר נאָך זיין פּרוי'ס פּטירה, האָט ער מגלה געווען זיינע מקורבים אז ער האָט בדעה חתונה צו האָבען צום פערטען מאָל. זיין זוהן, ר' ברוך רודניקער, וועלכער פּלעגט וואגען צו רעדען צו זיין פאָטער דרייסטער ווי אלע אנדערע זיהן, אויס־געפינענדיג אז דער פאָטער האָט בדעה חתונה צו האָבען צום פערטען מאָל, האָט דעם פאָטער דערצעהלט ביי א געלעגענהייט, אז דער זידיטשובער צדיק (דער רבי ר' הירש'לע, דעם סאנזער'ס א רבי), האָט נאָכדעם ווי ער איז אן אלמן געוואָרען נישט געוואלט מעהר חתונה האָבען. א מקורב זיינער, האָט איהם אמאָל געפּרעגט: רבי, "לא תהו בראה"! און לויט דעם זוהר הקדוש איז דאך א גאָר, גאָר גרויסער ענין חתונה צו האָבען, זאָגאר אויף דער עלטער? דארויף האָט דער זידיטשובער געענטפערט: "איך האָב שוין חתונה געהאט."

זעהענדיג אז דער מקורב פארשטעהט איהם נישט, האָט דער זידיטשובער פאָרטגעזעצט: "איך האָב חתונה געהאט מיט דער תורה."

דער סאנזער האָט געכאפּט דעם וואונק פון זיין זוהן ר' ברוך'ל, און געענטפערט מניה וביה: "אויב אזוי קען איך דאך מיט דער תורה מעהר נישט חתונה האָבען, ווייל זי איז שוין אן אשת איש."

אן אנדער הלצה'לע ווערט דערצעהלט:

איינמאָל, זיצענדיג אין א מוראדיגע דבקות, האָט זיך דער אלטער צדיק שטארק צוהוסט, ממש דערשטיקט צו ווערען. דאָס האָט איהם אבער נישט אפּגעריסען פון זיין עבודה אפילו א רגע. זיין זוהן ר' ברוך'ל רודניקער־וועלכער איז גראָד געווען אין צימער, האָט זיך שטארק דערשראָקען און האָט געהייסען שנעל אריינטראָגען אביסעל ווארימע טהעע.

ווען דער גבאי האָט די טהעע אריינגעבראכט, האָט ר' ברוך'ל ממש אָפּגעריסען זיין פאָטער פון די מוראדיגע דבקות, און איהם געבעטען טרינקען אביסעל ווארימע טהעע, כדי צו פארלייכטערען זיין הוסט.

דער אלטער צדיק איז שטארק אויפגערעגט געוואָרען. "אין עולם האצילות, (אין די העכערע וועלט) טרינקט מען נישט קיין טהעע!" — האָט דער צדיק געשריען.

"טאטע" — האָט ר' ברוך'ל געענטפערט געלאסען — "אין עולם האצילות הוסט מען נישט."

דער סאנזער האָט א שמייכעל געגעבען און די טהעע געטרונקען.

אן עהנליך הלצה'לע, האָט מיר אמאל דערצעהלט מיין פאָטער, ר' פישל גאָרליצער.

דער סאנזער צדיק האָט אמאָל געפרעגט, צי שרייבט אימיצער אויף די תורות וואָס ער זאָגט ביי זיינע טישען.

„יאָ — האָט משה יהושע געענטפערט — ר' פישל גאָרליצער שרייבט אויף אלע תורות וואָס דער רבי זאָגט ביי די טישען."

דער סאנזער האָט געהייסען זאָפאָרט ארייגרופען ר' פישל'ען.

„ר' פישל — האָט דער סאנזער געפרעגט דעם פאָטער — מען האָט מיר געזאָגט אז דו שרייבסט מיינע טיש־תורות; ביסטו אויך אין די עולמות עליונים ?"

„יאָ, רבי" — האָט דער פאָטער געענטפערט — „ווייל דאָרט וואו דער רבי זיצט און זאָגט תורה, דאָרט זענען די עולמות עליונים."

„שרייב, שרייב ר' פישל" — האָט דער צדיק געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

אַ שעהן הלצה'לע דערצעהלען סאַנזער חסידים וועגען דעם סאַנזער צדיק, וואָס האָט פאסירט יום כפור. ווען די עבודה פון צדיק איז געווען ממש חוץ לדרך הטבע.

איינמאָל, יום כפור בעפאָר נעילה, איז געוואָרען אַ גערודער אין צדיק'ס בית המדרש, אז אַ איד איז דורשטיג געוואָרען, ממש צום אויסגעהן. דער איד איז געלעגען אין פאַליש אויף דער ערד, און ארויסגעלאָזען קולות, להבדיל ווי אַ געשאָכטענער אָקס. דער גערודער איז געוואָרען נאָך גרעסער, ווען מען האָט אויסגעפונען אז דער „דורשטיגער" איז אַ באקאנטער סאַנזער גביר, אָבער אַ גרויסער קמצן. אנדערע האָבען רחמנות געהאט, נאָך אנדערע האָבען זיך געוויצעלט: „קארג אַ גאנץ יאָהר צו געבען אַן אָרימאן אביסעל וואסער, טו זאָל ער פיהלען דעם טעם ווען עם פעהלט אביסעל וואסער." אָבער איינזעהענדיג אז דער איד שטארבט אוועק, איז מען געלאָפען פרעגען די דיינים וואָס צו טהאָן. די דיינים האָבען געהייסען איהם געבען לעפעלאך וואסער, אזוי ווי דער דין איז. אָבער מיט יעדען לעפעלע וואסער וואָס מען האָט איהם געגעבען האָט זיך דער דורשט נאָך מעהר צופלאקערט. ר' בעריש דיין, וועלכער איז געווען דער ראש בית דין, נישט וועלענדיג זיך פארלאָזען אויף

זיך אליין, איז צוגעגאנגען צום אלטען צדיק, איהם ממש אָפּגעריסען פון דער עבודה און איהם דערצעהלט די גאנצע געשיכטע.

דער צדיק האָט געענטפערט מיניה וביה: „זאָגט איהם, אז פאר יעדען גלאָז וואסער זאָל ער געבען מאָרגען הונדערט רייניש אויף צדקה און אויב ער וועט מסכים זיין, גיט איהם וואסער וויפיעל ער וויל."

ווען דער דורשטיגער קמצן האָט דערהערט דעם פסק דין פון סאַנזער, האָט ער זיך אויפגעכאפּט, אויסשרייענדיג: „מוחל, מוחל, איך בין שוין נישט דורשטיג."

אַ זעהר טרעפליך הלצה'לע דערצעהלען חסידים פון סאַנזער, וואָס כאַראקטעריזירט זיין גרויס הארץ.

אין דעם סאַנזער שטעדטישען בית המדרש איז געווען לאנגע יאָהרען אַ גבאי, איינער אַ ר' ראובֿ'לע, אַן אלטער ראָפּטשיצער חסיד. וועהרענד דער דאָזיגער גבאי איז געווען אַ גאָר גרויסער חשוב ביי דעם צדיק, איז ער אָבער נישט געווען קיין צו גרויסער חשוב ביי די בעלי בתים. פשוט דערפאר, ווייל ער, דער ר' ראובֿ'לע, האָט קיינמאָל נישט געוואָלט געבען קיין חשבון פון די גע'שנדר'טע געלדער. ער האָט געטענה'ט, אז איהם מעג מען גלויבען אויפ'ן וואָרט. די בעלי בתים האָבען איהם אַ סך מאָל געוואָלט ארונטערוואַרפען פון זיין גבאות, אָבער דער צדיק האָט איהם אימער באשיצט.

אַ געפעהרליכען מתנגד האָט ר' ראובֿ'לע געהאט אין דעם סאַנזער צדיק'ס זוהן, ר' ברוכ'ל רודניקער. פון וועלכען דער אלטער צדיק, ווי איך האָב שוין דערצעהלט, האָט שטארק געהאלטען. אָבער אַרונטערוואַרפען ר' ראובֿ'לען האָט אויך נישט געקענט ר' ברוכ'ל רודניקער.

איינמאָל איז געקומען צום סאַנזער אַ רוסישער גביר, וועלכער האָט שבת ביים לייענען, צווישען אנדערע נדבות, אויך מנדב געווען הונדערט רובעל פאר דעם שטעטישען בית המדרש. די בעלי בתים פון בית המדרש, מיט ר' ברוכ'ל רודניקער בראש, האָבען באשלאָסען, נישט צו דערלאָזען אז ר' ראובֿ'לע זאָל ארייננקריגען די דאָזיגע הונדערט רובעל אין זיינע הענד. מוצאי שבת, האָבען די בעלי בתים געשיקט אַ שליח צום רוסישען גביר, איינצוקאסירען די הונדערט רובעל. ווי שרעקליך אנטוישט זענען זיי געוואָרען ווען דער שליח, צוריקקומענדיג פון דעם גביר, האָט געבראכט די בשורה, אז ר' ראובֿ'לע האָט שוין די הונדערט רובעל איינקאסירט.

ר׳ ברוכ׳ל רודניקער, וועלכער איז געווען אַ מוראדיג אויפגערעגטער איד, איז געוואָרען אש להבה, אויסשרייענדיג: „אצינד מוז דער גבאי ארונ-טער פון זיין גבאות, יהיה מה שיהיה!״ ר׳ ברוכ׳ל, באגלייט פון די בעלי בתים, איז זאָפאָרט געגאנגען צו זיין פאָטער.

אויסהערענדיג די גרויסע עולה וואָס ר׳ ראובׂ׳לע האָט באגאנגען, האָט דער אלטער צדיק געענטפערט געלאַסען:

„די הייליגע ספרים זאָגען, אז אין גן עדן שטעהט אַ באזונדערע שטוהל פאר אַ גבאי צדקה, וואָס האָט עוסק געווען אין זיין גבאות באמונה. די שטוהל שטעהט נאָך דערווייל ליידיג. עס איז נאָך נישט געקומען אויף יענעם עולם קיין גבאי צדקה אָהן אַ פגימה׳לע. נון, ווילסטו דען, מיין קינד, אז ר׳ ראובׂ׳לע זאָל ארויפגעזעצט ווערען אויף דער שטוהל? זאָל די שטוהל ווייטער בלייבען ליידיג.״

ר׳ ראובׂ׳לע איז געבליבען גבאי עד יום מותו.

קאַפּיטעל 18

דער סאנזער פאהרט כמעט צו אלע צדיקים פון זיין דור. — ער הייסט אויך זיינע חסידים פאהרען צו פערשיעדענע צדיקים. — גאט ברוך הוא האט אסך קנעכט. — א מעשה מיט צוויי גוטע אידען.

הגם דער סאַנזער צדיק, ר׳ חיים האַלבערשטאַם, האָט אנערקענט פאַר זיינע רביים נישט מעהר ווי צוויי צדיקים, דעם רבין ר׳ נפתלי פון ראָפּטשיץ און דעם רבין ר׳ הירש׳לי פון זידיטשוב, האָט ער אָבער באזוכט כמעט אלע גרעסערע גוטע אידען פון זיין דור, האָטשע ער האָט זיי אלעמען איבער-טראָפען מיט זיין גאונות, מיט זיין עבודה, מיט זיין צדקה און מיט זיין קדושה וטהרה. ער איז געפאָהרען צום רבין ר׳ הירש פון רימאנאָוו, צו ר׳ שלום׳קע בעלזער, צו ר׳ ישראלטשע ריזשינער, צו ר׳ שמעון יעראסלאווער און אפילו צו קלענערע גוטע אידען. „אומעטום קען מען לערנען יראת שמים" — פלעגט ער זאָגען.

דער סאַנזער צדיק איז אויך געווען אנדערש פון אנדערע גוטע אידען דערמיט וואס ער האָט דערלויבט זיינע חסידים צו באזוכען אויך אנדערע גוטע אידען.

אלע גוטע אידען האָבען שטארק מקפיד געווען, אז זייערע חסידים זאָלען נישט פאָהרען צו אנדערע גוטע אידען. אַן אמת׳ער חסיד האָט זיך געמוזט האלטען ביי זיין רבין, און נישט מעהר. ביי חסידים איז דאָ אַ כלל, אז די תפלות פון צדיק קענען נישט חל זיין אויף אַ חסיד וואָס האלט זיך נישט ביי איין רבין, נאָר פאָהרט צו פאַרשידענע רביים.

וועגען דעם ענין דערצעהלען זיך חסידים אַ שעהן הלצה׳לע:

אַ האָלץ־סוחר איז אמאָל געקומען צו זיין רבין מיט אַ בקשה, היות ווי ער האָט אָפּגעקויפט פון פריץ אַ וואלד וועלכעס ער מוז, לויט קאָנטראקט, אויסהאקען און ארויספיהרען היי־יאָהר ווינטער, און היות, ארויספיהרען די

קלעצער פֿון וואלד קען מען נישט נאָר מיט שליטענס, בעת ער דעם צדיק מתפלל צו זיין אז היי־יאָהר ווינטער זאָל זיין אַ סך שנעע.

דער צדיק האָט זיך פֿארטראכט. געמורמעלט אַ שטילע תפלה. פלוצ־לינג האָט זיך דער צדיק ווי אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און אַ זאָג געגעבען צום האָלץ־סוחר: „אויב איהר וועט מיר געבען אַ פדיון דריי הונדערט, דריי און דרייסיג רייניש, כמנין „שלג" (די דריי בוכשטאבען „ש" „ל" „ג" באטרעפֿען דריי הונדערט, דריי און דרייסיג.) וועל איך אייך מבטיח זיין, אז היי־יאָהר ווינטער וועט זיין אַ סך שנעע."

דער האָלץ־סוחר האָט נישט לאנג געצעגערט און האָט מסלק געווען דריי הונדערט, דריי און דרייסיג רייניש.

דאָרכפֿאָהרענדיג אַ שטעטעל אויף זיין רייזע אהיים, האָט דער סוחר געהערט אז אין דעם שטעטעל געפֿינט זיך אַ גאַסט, אַ גרויסער רבי. האָט האָט זיך דער סוחר געטראכט: „דאָפּעלט איז שטארקער" און איז געגאנגען צו דעם נייעם רבין מיט דער זעלביגער בקשה: אַ סך שנעע. דער נייער רבי איז שוין געווען אביסעל ביליגער. ער האָט זיך געהייסען געבען נישט מעהר ווי צעהן רייניש, וועלכע דער סוחר האָט באַלד מסלק געווען — געכאַפּט אַ מציאה.

העלפֿט גאָט, אז ווינטער איז כמעט גאָר נישט געווען קיין שנעע, נאָר רעגענס און בלאָטעס. דער סוחר האָט די קלעצער נישט געקענט ארויספֿיהרען פֿון וואלד און איז געוואָרען בדיל הדל.

דער סוחר איז צוריקגעפֿאָהרען צו זיין רבין מיט אַ טענה: „היתכן רבי? איך האָב געגעבען וויפֿיעל איהר האָט זיך אויסגעבאָטען, דריי הונדערט, דריי און דרייסיג רייניש, כמנין „שלג", לסוף איז אנשטאט שנעע געווען לויטער רעגען און בלאָטעס."

דער רבי איז געבליבען זיצען גאנץ פֿארוואונדערט. ער האָט גאָר נישט פֿארשטאנען ווי אַזא זאך האָט געקענט זיין. פלוצלינג האָט ער אַ פֿרעג גע־טהאָן דעם סוחר: „זייט איהר אפשר געווען ביי נאָך אַ רבין?"

„יאָ, רבי" — האָט דער סוחר מודה געווען, און האָט דעם רבין דער־צעהלט די גאַנצע געשיכטע, ווי ער האָט געטראָפֿען אַן אַנדערן רבין אין יע־נעם און יענעם שטעדטעל, און אַז דער אַנדערע רבי האָט זיך אויסגעבאָטען פֿאַר אַ סך שנעע נישט מעהר ווי צעהן רייניש.

„אויב אַזוי" — האָט דער ערשטער רבי געזאָגט — „פֿאַרשטעה איך

שוין דעם גאַנצען ענין: מיר האָט איהר געגעבען דריי הונדערט, דריי און דרייסיג רייניש, איז טאַקע געווען „שלג". אָבער מיט די צעהן רייניש וואָס איהר האָט געגעבען אַ צווייטען רבין, האָט איהר קאַליע געמאַכט דעם גאַנ־צען ענין, ווייל פון „שלג" איז געוואָרען „גשם", רעגען. (די דריי בוכשטאַ־בען „גשם" באַטרעפען דריי הונדערט דריי און פערציג).

דאָס דאָזיגע הלצה'לע ווערט דערצעהלט פון חסידים אַלס אַ מוסר השכל, אַז אַן אמת'ער חסיד מוז זיך האַלטען נאָר ביי זיין רבין. טאָמער קריכט ער צו אַנדערע רבים, מאַכט ער קאַליע דעם גאַנצען עסק.

האָבען טאַקע אַלע רבים מקפיד געווען, אַז זייערע חסידים זאָלען נישט פאָהרען צו אַנדערע רבים. יעדער חסיד מוז זיך מתדבק זיין צו זיין רבין בכל לבו ונפשו. אַ חסיד מוז זיין אַ טהייל פון זיין רבין, פון זיין רבין'ס נפש. אַנ־דעריש קענען די תפילות פון רבין נישט חל זיין.

אַן אויסנאַהם אין דער הינזיכט איז געווען דער סאַנזער צדיק, ר' חיים האַלבערשטאַם. „איך וועל עוקר מן השורש זיין — האָט דער סאַנזער אַמאָל געזאָגט — דעם חסיד וואָס זאָגט, אַז נאָר זיין רבי איז דער צדיק הדור און צו קיין אַנדערען דאַרף מען נישט פאָהרען. „הרבה עבדים למקום" — האָט דער סאַנזער געזאָגט. — „גאָט ברוך הוא האָט אַ סך קנעכט און פון יעדען צדיק קען מען לערנען יראת שמים."

פלעגט טאַקע דער סאַנזער שיקען זיינע חסידים צו די גוטע אידען וואָס פלעגען צו איהם קומען, ווי ר' יוסלי ניישטעטער, ר' יהושעלע בעלזער, ר' הירשלע ליסקער, דער סיגעטער צדיק ר' זלמן לייב און צו אַנדערע גוטע אידען וואָס פלעגען קומען קיין סאַנז. ער פלעגט זאָגאַר שיקען זיינע אייגענע קינדער צו אַנדערע גוטע אידען.

און דוקא איהם, דעם צדיק ר' חיים סאַנזער, וואָס פלעגט כמעט בטל ווערען פאַר יעדען תלמיד חכם און גוטען איד, האָט באַטראָפען די סיבה, אַריינגעצויגען צו ווערען אין די ביטערסטע מחלוקה געגען די סאַדאַגורער צדיקים, ווען ער איז שוין געווען אַ בן שבעים, ווי איך וועל דערצעהלען אין די נעקסטע קאַפּיטלאך.

צווייטע אפטהיילונג

סאנז און סאדאגורער מחלוקה

דער שרעקליכסטער פרק אין לעבען פון גאַליצישען יודענטהום

אַ קורצע איינלייטונג

דאָס איז געווען אין יאָהר תרכ״ט. דאָס שרעקליכסטע יאָהר אין דער געשיכטע פון גאַליצישען יודענטהום. מען מעג זאָגען דאָס בלוטיגסטע יאָהר.

אין יאָהר תרכ״ט האָט די מחלוקה, סאַנז און סאַדאַגורע, אויסגעבראָכען.

דאָס אידישע לעבען האָט צו פאַרצייכנען אַ סך מחלוקות. שוידער־האַפטע און מוראדיגע מחלוקות. נישט צוריקגעהענדיג צו וויט, איז גענוג צו דערמאהנען די מחלוקה פון ר׳ יעקב עמדין מיט רבי יהונתן אייבשיץ (ת״ק) און די מחלוקה פון די מתנגדים געגען די חסידים (תקל״ב). דאָס זענען גע־ווען די צוויי לעצטע מחלוקות וואָס האָבען אויפגעשטורעמט די גאַנצע אי־דישע וועלט. וואָס האָבען צוטהיילט אַ גרויסען טהייל פון יודענטהום אין צוויי פיינדליכע מחנות. קיינע פון די דאָזיגע מחלוקות איז נישט געווען אַזוי ביטער, אַזוי אויפרעגענד און פאַרצווייפעלט ווי די מחלוקה צווישען סאַנז און סאַדאַגורע.

כמעט דאָס גאנצע גאַליציאַנער יודענטהום איז אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין חרמות און שמתות. סאַנזער חסידים האָבען אַריינגעוואָרפען אין חרם סאַ־דאַגורער חסידים, און סאַדאַגורער חסידים האָבען אַריינגעוואָרפען אין חרם סאַנזער חסידים. עס זאָגט זיך אַזוי „חרם״. דאָס איז געווען מעהר ווי אַ חרם. דאָס איז געווען אַ חורבן, וואָס דאָס יודענטהום אין קיין לאַנד האָט אפשר קיינמאָל נישט ביגעוואוינט.

קינדער האָבען מורד געווען אין זייערע עלטערן (אויב די קינדער האָ־

בען נוטה געווען צו איין צד און די עלטערן צום צווייטען צד), און עלטערן האָבען זיך געזעצט שבעה און אָפּגעלייקענט זייערע קינדער. קיינמאָל האָט דאָס יודענטהום נישט געהאַט אין אַ לאַנד אַזויפיעל גיטין (שיידונגען), ווי די גאַליציאַנער אידען אין תרכ״ט און אין די נאָכפאָלגענדע יאָהרען. מענער וואָס האָבען געוואוינט מיט זייערע פרויען יאָהרען לאַנג, געהאַט קינדער און אָפּט קינדס קינדער האָבען זיך גע׳גט, אויב די מענער זענען געווען נוטה צו סאַנז און די פרויען צו סאַדאַגורע, אָדער פאַרקעהרט. מסירות, חרמות און געשלעגערייען זענען געווען אַלטעגליכע געסט אין יענע שטעדט און שטעדטלאך, וואו עס האָבען געוואוינט די צווייערליי חסידים, און אָפּט טאַקע הריגות ממש.

פופציג יאָהר זענען פאַראיבער זינט יענע פלאַקערדיגע מחלוקה. די שנאה צווישען די צוויי לאַגערן האָט נאָכגעלאָזען. די חרמות האָבען אויס־געוועפט. סאַדאַגורער מיט סאַנזער חסידים לעבען שוין בשלום. עס איז איבער־הויפט שוין ווייניג וואָס דאָ פון די אמת׳ע חסידים איןביידע לאַגערן, און מען קען איצט מיט אַ ריינעם געוויסען באַשרייבען יענע מוראדיגע פאַסירונ־גען אָהן אירגענד וועלכער פאַרטייליכקייט צו איינעם אָדער צום צווייטען צד.

סאנז און סאדאגורער מחלוקה

קאַפּיטעל 19

תקכ"ט דאס מוראדיגסטע יאהר אין גאליצישען יודענטהום. — דער גרינדער פון סאדאגורער חסידות. — דער מגיד און דער מלאך. — א מעשה נורא מיט דעם רבין ר' בער'ס ווייב. — ר' איציקל ראדזווילאווער פאהרט צום מלאך. — "איכה ישבה בדד".

כדי די מחלוקה גרינדליכער צו פאַרשטעהן, איז וויכטיג זיך בעסער צו באַקענען מיט דעם לעבען און ווירקען פון דעם גרינדער פון דעם סאַדאַגורער חסידות, דער רבי ר' ישראל'טשי זצ"ל, אָדער ווי חסידים רופען איהם סתם: ר' ישראל'טשי ריזשינער.

ר' ישראל'טשי ריזשינער איז געווען אַן אייניקעל פון רבי'ן ר' בער פון מעזריטש, דעם בעל שם'ס ממלא מקומו. אין דער חסידישער וועלט ווערט דער רבי ר' בער גערופען דער מעזריטשער מגיד, אָדער דער „גרויסער מגיד".

אַ חסידישע אגדה דערצעהלט, אַז בעפאָר ר' ישראל בעל שם איז נפטר געוואָרען, האָט ער אַריינגערופען זיין גרויסען תלמיד, דעם מגיד, און צו איהם געזאָגט: „זיי וויסען ר' בער, אַז מיין נשמה וועט ווידער אַרונטערקומען אויף דער וועלט און וועט זיך מתדבק זיין (באַהעפטען) אין איינעם פון דיינע קינדער. ער וועט הייסען „ישראל" פונקט ווי איך און וועט פאַרלייכטען די וועלט מיט זיין קדושה וטהרה".

„דער בעל שם" — זאָגען חסידים — „האָט דאָס מרמז געווען (אָנגעציינגט) אויף ר' ישראל'טשי ריזשינער."

דער רבי ר' בער האָט געהאַט איין־איינציגען זוהן, ר' אברהם'לע. אין דער חסידישער וועלט ווערט ער באַצייכענט ביז דעם היינטיגען טאָג „ר' אברהם'לע מלאך", אָדער דער „מלאך הקדוש". דאָס איז באמת געווען

איינע פון די גרעסטע ערשיינונגען אין דער חסידישער וועלט. זאָגאַר די ביטערסטע מתנגדים וואָס האָבּן בּאַקעמפפט דעם בעל שם און זיינע נאָכפאָלגער, האָבּן מודה געווען, אַז ער, דער מלאך, איז אַ קדוש וטהור מאין כמהו (נישטאָ זיינס גלייכען).

וועגען דעם נאָמען „מלאך" דערצעהלט אַ חסידישע אגדה אַזאַ געשיכטע:

דער רבי ר' בּער האָט חתונה געהאַט אין טורטשין, מיט אַ בעל־בּית'ס אַ טאָכטער. ר' בּער איז געווען אַ נסתר (אַ בּאַהאַלטענער), פּונקט ווי זיין רבי דער בעל שם, איידער ער איז נתגלה געוואָרען. און כדי אָנצוהאַלטען זיין דרך, אַז קיינער זאָל פון איהם נישט וויסען, האָט זיך דער רבי ר' בּער בּאַזעצט אין אַ דאָרף נעבּען טורטשין. געוואוסט פון זיין קדושה וטהרה, האָט נאָר זיין ווייבּ. דאָס איינציגע וואָס האָט איהם מבלבל געווען פון זיין עבודה איז געווען, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער. בּיידע, דער רבי ר' בּער און זיין פרומע פרוי, האָבּן געבּעטען צו גאָט ער זאָל זיי מזכה זיין מיט אַ בן זכר.

איינמאָל אין אַ קאַלטע ווינטער־נאַכט, אין דרויסען האָט געבּלאָזען אַ שרעקליכער שנעע־שטורעם, האָט זיך די פרוי פון רבּי'ן ר' בּער אַרויס־געלאָזט אין וועג קיין טורטשין, כדי מקיים צו זיין די מצות טבילה אין צייט. דער שנעע־שטורעם איז געווען אַ מורא'דיגער, און די אָרימע פרוי האָט דעם וועג פאַרלוירען.

איהר מאַן דער רבי ר' בּער, זיצענדיג אין זיין חדר'ל פאַרטיעפט אין זיין עבודה, האָט נישט געוואוסט פון קיין זאַך.

די אָרימע פרוי, וועלכע איז געווען נישט גאַנץ יונג און שוואַך דערצו, האָט געבּראָדזשעט אין שנעע אַלץ טיעפער און טיעפער, נישט וויסענדיג ווי איין ווי אויס. זי האָט געפיהלט, אַז איהרע כחות לאָזען זיך אויס, אָבּער וויסענדיג, אַז אַנידערזעצען זיך מיינט פאַר איהר אַ זיכערער טויט, האָט זי זיך געשלעפּט אַלץ ווייטער און ווייטער. פּלוצלינג איז איהר פינסטער געוואָרען פאַר די אויגען, און מיט אַ געשריי „בידך אפקיד רוחי" (אין דיין האַנד גיבּ איך איבּער מיין נשמה, גאָטעניו), איז זי אַנידערגעפאַלען אין טיעפען שנעע.

ווי לאַנג זי איז אַזוי געלעגען האָט זי נישט געוואוסט. אָבּער עפענענדיג די אויגען, האָט זי פּלוצלינג דערזעהן אַז איבּער'ן וועג, נאָר עטליכע שריט

ווייט פון איהר, שטעהט אַ פּראַכטפאָלער בנין, איבער וועמעס טהיר עס גלענצען די ווערטער „מקוה כשרה“. זי האָט איהרע אויגען גאָר נישט געקענט גלויבען צי איז דאָס אַן אמת. זי האָט זיך אויפגעהויבען און מיט אַלע איהרע כחות זיך צוגעשלעפּט צו דעם בנין. צוקומענדיג צו דער טהיר, האָט זי באַמערקט, אַז אויף יענער זייט טהיר שטעהט אַ מאַן מיט אַ וואונדערבאַרע געטליכע צורה, און לאַדענט זי איין אַריינצוגעהן. זי איז אַריין, זיך אויסגערוהט און דערוואַרימט, און דאַן מקיים געווען די מצות טבילה ווי עס געהערט צו זיין.

אַרויסגעהענדיג, האָט דער מאַן זי באַגלייט ביז צו דעם וועג, וואָס איז באמת גאָר נישט ווייט געווען פון איהר וואוינונג.

אַהיימקומענדיג און דערצעהלענדיג איהר מאַן וואָס מיט איהר האָט פּאַסירט, איז דער רבי ר׳ בער נבהל ומשתומם געוואָרען. ער האָט געוואוסט אַז אין דער געגענד געפינט זיך נישט קיין מקוה כשרה, ער האָט אָבער אויך געוואוסט אַז זיין ווייב וועט פאַר איהם חלילה קיין ליגען נישט זאָגען. ער האָט דאַרום געבעטען זיין פרוי, זי זאָל מיט איהם געהן און איהם ווייזען וואו די מקוה געפינט זיך, און וואונדער איבער וואונדער! ער האָט געזעהן דאָסזעלביגע וואָס זיין פרוי האָט געזעהן: אַ פּראַכטפאָלען בנין מיט אַ פיינע מקוה. דער מאַן וואָס האָט זיין פרוי באַגלייט, איז אָבער שוין נישט געווען מעהר צו זעהן. ער איז נעלם געוואָרען.

„אַ נס מן השמים“ — האָט דער רבי ר׳ בער אויסגערופען מיט התלהבות — „דער מאַן וואָס דו האָסט געזעהן“ — האָט ר׳ בער געזאָגט צו זיין ווייב — „איז געווען אַ מלאך פון גאָט.“

„פון יענער נאַכט“ — דערצעהלט די אגדה — „איז געבוירען געוואָרען זייער זוהן אברהם׳לע, און דער רבי ר׳ בער האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „אברהם המלאך“, נאָך דעם מלאך וואָס האָט זיך צו זיין ווייב באַוויזען.

דאָס איז געווען דאָס איינציגע קינד וואָס דער רבי ר׳ בער האָט געהאַט. דאָס איז געווען דער „מלאך“ וואָס האָט שפּעטער אויפגעשטורעמט די חסידישע וועלט מיט זיין אויסערגעוועהנליכע עבודה און מיט זיין קדושה וטהרה.

ר׳ אברהם׳לע מלאך, האָט אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדערען דרך אין עבודת ד׳ ווי זיין פאָטער דער מגיד, און ווי דער בעל שם. ער האָט זיך פורש געווען (אָפּגעשיידט) פון דער גאַנצער וועלט, און עוסק געווען אין

תורה ועבודה. זיינע סגופים (פייניגונגען) און תעניתים זענען געווען חוץ לדרך הטבע. הגם זיין פאָטער דער מגיד, און דער בעל שם האָבען געלערנט זייערע תלמידים נישט זיך צו פייניגען און נישט צו פאַסטען צופיעל תעניתים, נאָר אדרבה, צו דיענען גאָט דוקא מיט עסען און טרינקען, ווייל סגופים ברענגען צו עצבות און „אין השכינה שורה מתוך עצבות, אלא מתוך שמחה" (די שכינה רוהט נישט דאָרט וואו עס הערשט טרויער נאָר דאָרט וואו עס הערשט שמחה).

ווי גרויס די עבודה פון דעם מלאך איז געווען, איז גענוג זיך משער צו זיין פון דער אגדה וואָס ווערט דערצעהלט פון דעם צדיק ר' יצחק'ל פון ראדזווילאָוו.

דער צדיק ר' יצחק'ל ראדזווילאָווער, וועלכער איז געווען איינער פון די אויסערוועהלטע בעל שם'ס חסידים, הערענדיג וועגען דעם מלאך הקדוש, האָט באַשלאָסען אַליין צו פאָהרען און איהם זעהן. ר' איציקל איז געקומען צום מלאך ערב תשעה באב. און ביידע, ער און דער מלאך, זענען געגאַנגען אין שוהל צו די „קינות". דער גאַנצער עולם האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד און דער חזן איז צוגעגאַנגען צום עמוד, אָנפאַנגענדיג מיט דעם איכה־ניגון. קוים האָט דער חזן אָנגעהויבען צו קלאָגען „איכה ישבה בדד", קוים האָט דער חזן אַרויסגעזאָגט די ערשטע ווערטער, און דער מלאך האָט אַרויסגעלאָזען אַ ביטערען געשריי: „איכה"! ער האָט אַריינגעוואָרפען זיין קאָפּ צווישען די קניע און געקלאָגט שטילערהייט „איכה, איכה".

דער חזן האָט די קינות געענדיגט, דער גאַנצער עולם איז אַהיימגע־גאַנגען און דער מלאך איז נאָך אַלץ געזעסען אין דערזעלבער פּאָזע, מיט דעם קאָפּ צווישען די קניע און געקלאָגט און געוויינט איכה. ר' איציקל האָט געוואַרט ביז נאָך האַלבע נאַכט, און איז אַהיימגעגאַנגען זיך אַביסעל אויסרוהען.

קומענדיג אין דער פריה אין שוהל, האָט ר' איציקל געפונען דעם מלאך אין דעמזעלבען צושטאַנד: דעם קאָפּ צווישען די קניע און געוויינט און געקלאָגט: „איכה ישבה בדד".

„נישט בחנם רופט איהם די וועלט דער מלאך" — האָט ר' איציקל אויסגעשריען — „ער איז באמת א מלאך אלקים."

קאַפּיטעל 20

דער מלאך הקדוש האט חתונה צום צווייטען מאל. — פון דעם זיווג קומט ארויס ר׳ שכנא, ר׳ ישראל׳טשי ריזשינער׳ס פאטער. — ר׳ ישראל׳טשי בלייבט א יתום, די איינציגע גזע פון מלאך און מגיד. — ר׳ ישראלטשי ווערט א רבי ווען ער ווערט זיבצעהן יאהר אלט. — ער שטעלט פאר זיך אויף א קעניגליך הויף. א פוילישער שרייבער באשרייבט די הערשאפטליכע פיהרונג פון דעם יונגען רבי׳ן.

ווי עס איז שוין דערצעהלט געוואָרען אין פריהערדיגען קאַפּיטעל, האָט דער מלאך הקדוש (ר׳ אברהם׳לע), גענומען אַ גאַנץ אַנדערען דרך אין עבודת ד׳ ווי זיין פאָטער דער מגיד, און דער בעל שם. דער מלאך האָט אָנגענומען דעם דרך פון אר״י הקדוש. פון סגופים (פּייניגען), תעניתים און הפסקות. ער האָט זיך ממש פורש געווען פון דער גאַנצער וועלט און עוסק געווען יומם ולילה אין נגלה און נסתר, צוזאַמען מיט זיין חבר ר׳ שניאור זלמן לאדיער, דער בעל „התניא“.

אַלט־ווערענדיג פינפ־און־צוואנציג יאָהר, איז דער מלאך אַן אלמן געוואָרען. (צעהן יאָהר רצופים האָט ער געוואוינט מיט זיין ווייב, נישט האָבענדיג מיט איהר קיין שום מגע ומשא). דער מלאך האָט באַשלאָסען מעהר נישט חתונה צו האָבען.

זיין גרויסער פאָטער, דער מגיד, האָט זיך פאַר דעם באַשלוס פון זיין זיהן שטאַרק דערשראָקען. דער מלאך, ווי שוין געזאָגט, איז געווען זיין איינציג קינד, און אויב ער, דער מלאך, וועט מעהר ניט חתונה האָבען, ווערט דאָך פון דעם מגיד אָפּגעהאַקט די גאַנצע גזע.

דער מגיד האָט איבערהויפּט געדענקט דעם בעל שם׳ס צוואה, אַז זיין, דעם בעל שם׳ס נשמה וועט ווידער אַרונטער קומען אויף דעם עולם התחתון (די אירדישע וועלט) און זיך מתדבק זיין (באַהעפטען) אין

מגיד'ס אַ קינד, און אויב זײַן אײַנציגער זוהן וועט מעהר ניט חתונה האָבען וועט דאָך די וועלט פאַרליערען צו האָבען ווידער אַמאָל נשמת בעל שם.

האָט דער מגיד געבעטען רחמים בײַ זײַן הײַליגען זוהן, אַז ער זאָל ווידער חתונה האָבען. די תורה — האָט דער מגיד גע'טענה'ט, איז ניט געגעבען געוואָרען צו מלאכים, נאָר צו מענשען. ווייל דער מענש קאָן דיענען דעם באַשעפער מיט אַלסדינג. „לית אתר פנוי מיניה״, ניטאָ קײַן פּלאַץ וואו מען קאָן השם יתברך ניט געפונען, און ניטאָ קײַן זאַך וואָס מען זאָל ניט קענען זיין ליעבען נאָמען דיענען. „האָב חתונה, מיין זוהן״, האָט זיך דער מגיד געבעטען, „און איך בין דיר מבטיח, אַז דו וועסט אַרונטער־ברענגען אַ נשמה וואָס וועט פאַרלייכטען די וועלט מיט קדושה וטהרה.״

איינזעהענדיג אַז זיינע בקשות העלפען נישט, האָט דער מגיד גוזר געווען אויף זײַן זוהן בגזרת „כבוד אב״, אַז ער מוז חתונה האָבען. דער מלאך האָט ענדליך געפאָלגט און חתונה געהאַט מיט דער יונגער גיטעלע, די טאָכטער פון דעם גרויסען קרעמעניצער מגיד, ר׳ פיבוש, דער בעל „משנת חכמים״. פון דעם זיווג איז אַרויסגעקומען ר׳ שלום שכנא, דער פּראָבישצער צדיק, דער פאָטער פון ר׳ ישראל'טשי ריזשינער.

דער מלאך איז געשטאָרבען אין יאָהר תקל״ז, ווען ער איז אַלט געווען 36 יאָהר. ר׳ שלום שכנא, זיין זוהן איז אויך געשטאָרבען ווען זײַן זוהן ישראל'טשי איז אַלט געוואָרען זיעבען יאָהר. ר׳ ישראל'טשי איז אַלזאָ גע־בליעבען די אײַנציגע גזע פון מגיד און פון מלאך.

עס דאַרף נאָך דאָ געזאָגט ווערען, אַז דער מגיד האָט זיך גערעכענט אַלס אַן אָפּשטאַמונג פון רבי יהודה הנשיא, וועלכער איז געווען אַן אײַניקעל פון דוד המלך. חסידים דערצעהלען, אַז ווען דער רבי ר׳ בער איז געווען אַ קליין אינגעל, אַכט יאָהר אַלט, איז דאָס הויז פון זיינע עלטערן אָפּגע־ברענט געוואָרען מיט אַלע כלים און אַלע חפצים. דעם רבין ר׳ בער'ס מוטער האָט זיך שטאַרק מצער געווען און ניט אויפגעהערט צו וויינען אויף דעם פאַרלוסט.

אײַנמאָל האָט זיך דער יונגער אינגעל, בערעניו, אָנגעבײַזערט אויף זײַן מוטער, פאָרוואָס זי טרויערט אַזויפיעל. „גאָט ברוך הוא — האָט דאָס אינגעלע געזאָגט צו זײַן מוטער — קאָן ממלא זײַן (דערזעצען) דעם חסרון (פאַרלוסט), און מען טאָר ניט אַזויפיעל טרויערען״.

„מיין קינד! — האָט די גוטע מוטער געענטפערט — איך טרויער ניט אויף דעם הויז וואָס איז פאַרברענט געוואָרען, און ניט אויף די כלים. איך טרויער אויף דעם יחוס־בריעף אונזערען, וואָס האָט זיך געצויגען ביז דוד המלך, און איז אין דער שרפה פאַרברענט געוואָרען.“

„אויב אַזוי מאַמעניו — האָט דער קליינער בערעניו געענטפערט — וועט זיך אונזער יחוס אָנהויבען מיט מיר.“

ר׳ ישראל׳טשי ריזשינער איז אַלזאָ געבליעבען די איינציגע גזע, ניט נאָר פון מגיד און מלאך, נאָר אויך פון בית דוד מלך ישראל. (דער אמת איז, אַז אַ סך משפחות רעכענען זיך אַלס אָפּשטאַמונג פון מלכות בית דוד).

מען קען זיך דאָרום קוים משער זיין, ווי פאַרהייליגט דער יונגער מיוחס ר׳ ישראל׳טשי איז געוואָרען אין דער גאַנצער חסידישער וועלט. אַ קליינינקייט! די איינציגע גזע פון דעם גרויסען מגיד, און פון „מלאך הקדוש און די לעצטע גזע פון מלכות בית דוד.

שוין אַלס יונגער אינגעל האָט זיך אַרום ר׳ ישראל׳טשין געוועבט פאַרשיעדענע לעגענדען. מילא, אַז אין איהם רוהט נשמת בעל שם, איז דאָך ביי קיינעם קיין ספק נישט געווען. האָט דאָך דער בעל שם גופא, קודם פטירתו פאַרזיכערט, אַז זיין, דעם בעל שם׳ס נשמה, וועט ווידער אַרונטערקומען אויף דעם עולם, און זיך מתדבק זיין אין דעם מגיד׳ס קינד, און ר׳ ישראל׳טשי איז דאָך די איינציגע גזע פון מגיד, און טראָגט אויך דעם זעלבען נאָמען פון בעל שם. אַנדערע ווידער האָבען באַשטימט, אַז ער, ר׳ ישראל׳טשי, איז משיח, ווייל ער איז דאָך דער לעצטער גזע פון דוד מלך ישראל.

אפילו אַזאַ באַריהמטער צדיק ווי דער אַפּטער זכרונו לברכה, ר׳ אברהם יהושע העשל, דער זקן הצדיקים און גאון הדור, וועלכער האָט געהאַלטען פון דעם קינד, ישראלטשי, עולם ומלואו, האָט זעהענדיג ר׳ ישראל׳טשין צום ערשטען מאָל, אויסגערופען: „ביז איצט האָב איך גערעכענט, אַז דער הייליגער ישראליקל איז בבחינת נשמה, איצט זעה איך, אַז ער איז בבחינת נשמה לנשמה“.

אין חסידישע ספרים ווערט געזאָגט, אַז אין דעם הימלישען „היכל הנשמות“, זענען געווען באַהאַלטען פיער הייליגע נשמות פון ששת ימי

בראשית, וועלכע כביכול, גאָט ברוך הוא האָט אַרונטערגעשיקט פון צייט צו צייט אויף דער וועלט: די נשמה פון רבי שמעון בן יוחאי, די נשמה פון אר״י הקדוש, די נשמה פון בעל שם און די נשמה פון ר׳ ישראל׳טשי ריזשינער. די פיער נשמות זענען מרומז (אָנגעצייגט) אין דעם פסוק פון תהלים: „עלית למרום שבית שבי״ (ביזט אַרויף אויף דעם הימעל און געפאַנגען אַ געפענגנים). די דריי בוכשטאַבען „ש ב י״ זענען מרמז שמעון בן יוחאי, יצחק בן שמעון (אר״י הקדוש), ישראל בעל שם און ישראל בן שכנא (ר׳ ישראל׳טשי ריזשינער).

נאָך אַ חסידישע אגדה דערצעהלט, אַז אַלט זייענדיג זיעבצעהן יאָהר און זייענדיג שוין אַ רבי פון טויזענדער חסידים, איז ר׳ ישראל׳טשי נאָך אַמאָל געפאָהרען זעהן דעם אַלטען אַפטער צדיק. געזעגענענדיג זיך, האָט דער אַפטער איהם באַגלייט אַ שטיק וועג. אויפ׳ן וועג האָט דער אַפטער באַמערקט ווי דער גאַרטעל פון דעם יונגען צדיק שלעפט זיך נאָך אויף דער ערד. דער אַלטער צדיק האָט זיך אַרונטערגעבויגען, אויפגעהויבען דעם גאַרטעל און אַרומגעוויקעלט אַרום ר׳ ישראל׳טשים קערפער.

צוריקקומענדיג האָבען די מקורבים געפרעגט דעם אלטען צדיק, ווי קומט עס אז דער הייליגער רבי זאָל זיך אזוי ערנידעריגען און באדיענען א יונגען מאן ?

„קינדער״ — האָט דער אַפטער געענטפערט — „איהר זאָלט וויסען, אַז בעת איך האָב ארומגעוויקעלט דעם גארטעל ארום דעם הייליגען גוף פון ר׳ ישראלטשי׳ן, האָב איך מקיים געווען די מצוה פון גלילת ספר תורה.״

און מערקווירדיג, דער דאָזיגער יונגער צדיק, ר׳ ישראל׳טשי האָט פאַר זיך אויסערוועהלט אַ גאַנץ נייעם דרך אין חסידות. אַ דרך, וועלכער איז באַקעמפפט געוואָרען פון זיין זיידען דער מגיד, פון זיין זיידען דער מלאך, פון בעל שם און פון אַלע בעל שם׳ס תלמידים.

דען ווערענד דעם בעל שם׳ס חסידות איז געווען באַגרינדעט אויף עבודה, ממש ביז מסירות נפש. אויף תפלה מיט קולי קולות. „כל עצמותי תאמרנה״. אויף „ביטול היש״, מבטל צו זיין זיין אייגענעם „איך״, באַזייטיגען מותרות (איבריגעס), אַוועקצושטעהן פון פאַרגניגענס. צו זיין פאָרזיכטיג מיט דער הלבשה (קליידונג), סאַי פון מענער, סאַי פון פרויען, אַז זיי זאָלען נישט זיין אפילו אַ מקצת מן המקצת (עפעס פון עפעס) גלייך צו

דער גוי׳אישער הלבשה, און הויפּזעכליך עוסק צו זײַן אין תורה ועבודה יומם ולילה, האָט דער יונגער צדיק ר׳ ישראל׳טשי אויסגעוועהלט אַ גאַנץ פאַרקעהרטען דרך אין חסידות, צו דער איבערראַשונג פון דער גאַנצער חסידישער וועלט.

קוים האָט זיך ר׳ ישראל׳טשי באַזעצט אין ריזשין (אַ קליין שטעדטעל נעבען קיעוו, ער איז דאמאָלס אַלט געווען קוים זיבּצעהן יאָהר), האָט ער אָנגעפאַנגען פיהרען ממש אַ קעניגליכען לעבען. ער האָט פאַר זיך אויפגעשטעלט אַ הויף, וועמעס לוקסוס און רײַכקייט האָבען אײַנפאַך פאַר־בּלענדעט די אויגען. גראַפען און פירסטען פון אַלע טהײלען פון רוסלאַנד און אויך פון אַנדערע לענדער, זענען געקומען זעהן דעם וואונדערבּאַרען פּאַלאַץ, וואָס האָט פאַסט נישט געהאַט קיין גלײַכען אין גאַנץ רוסלאַנד. צײַטונגען האָבען געשריבּען, און אין אלע גרויסע הויפען האָט מען גערעדט וועגען דעם יונגען אידישען פירסט און זײַן הערשאַפטליכען לעבען.

אין זײַן בּוך „פונ׳ם רבינ׳ס הויף״ בּרענגט יצחק אבן אַן אויסצוג פון דעם בּוך „בּראמא פאקוטא״ (די טויערען פון תשובה) פון דעם פּוילישען שרײַבּער בּראניצקי, וועלכער דערצעהלט וועגען דעם ריזשינער הויף פאָל־גענדעס:

„די גרעסטע אַרכיטעקטען, בּילד־הויער, מאהלער און דעקאָראַטאָרען זענען עקסטראַ געקומען פון פּאַריז און איטאַליען אין דעם קלײנעם שטעדטעל ריזשין אין וואָלין, כדי דיעזען וואונדערבּאַרען בּוי אויפצובּויען און אויס־צופּוצען. דער הויף איז נישט נאָר געווען שעהן אויסגעפּוצט פון אויסווענינ פאַר׳ן אויג, נאָר אויך אַלסדינג אינווענינ איז געמאַכט געוואָרען פון טײַערסטען און בעסטען מאַטעריאַל אין דער וועלט. דער פוסבּאָדען פונ׳ם גרויסען שפּײַזע־זאַל איז געווען אויסגעפּלאַסטערט מיט זילבּערנע רובּעל. אַלע הענט־לאַך פון די טהירען־שלעסער זענען פון בּרושטין, וועלכער איז אין רוסלאַנד זעהר טײַער. די כלים און מעבּעל זענען געווען פאַרשוועגדעריש רײַך אויסגעשטאַטעט, אַז מען האָט ממש נישט געוואוסט וואו די אויגען אַהינ־צוטהון.״

„אַרום און אַרום דער הויף־געבּײדע איז געווען אַ ריעזען גרויסער הויף, אין וועלכען עס האָבען זיך געפונען אַ פּרעכטיגער שפּאַציערגאָרטען, ווי אויך גרויסע, הערליכע שטאַלען פאַר די טהײַערע פערד. די פערד האָבען

געהאַט אַ גרויסען שם אין דער רוסישער ספּאָרט־וועלט, און די פּראַכט פון די וואונדערשעהנע קאָליאסען האָבען פאַראורזאַכט אַ געוואַלדיגע קנאה פון די רייכע פּריצים, וועלכע האָבען נישט פאַרגונען דעם אידישען „קרול" (קעניג) אַזאַ לוקסוס."

„אַרויסגעפאָהרען איז דער ריזשינער רבי אין אַ קאַליאסע געשפּאַנט צו זעקס פערד, ווי אַ קאיזער. טאָמער איז ער געפאָהרען פאַר אַ ווייטערע נסיעה, האָבען זיך געצויגען פאַר זיין קאַליאסע און הינטער איהר, גאַנצע שורות פון צוויי שפּאַניגע וועגען, אין וועלכע עס פלעגען זיצען זיין הויף־שטאַאַט, די כלי קודש: די גבאים, חזנים, סתם מקורבים, די שוחטים, דיענער־שאַפט, דאָס גאַנצע קיכען־פּערזאָנאַל און נאָך כהנה. אַרום זיין אייגענע קאַרעטע האָבען געריטען אַ מחנה טשערקעסישע רייטער (אודאי פאַר־שטעלטע חסידים — י. א.) ממש איינגעטונקט אין די גאָלד־מונדירען. ביי נאַכט פלעגען פאָהרען פאָראויס פאַר'ן רבינ'ס קאַליאסע אַ צוויי־ראָדיגער וואָגען, מיט ברענענדיגע פעסער מיט פעך. עס איז געווען אַן אמת'ער קעניגליכער הויף מיט אַלע מפורשים. אפילו מיט אַ מוזיק־קאַפּעלע וועלכע האָט פאַר איהם געשפּיעלט ערב ובוקר."

קאַפּיטעל 21

ר' ישראל'טשי ריזשינער'ס נייער דרך אין עבודות ד'. — דר. שלמה רובין שילדערט ר' ישראל'טשיס פיהרעכץ. — דער אפּטער הייסט פאַסטען און ר' ישראל'טשי הייסט שפּיעלען. — די רוסישע רעגירונג שיקט געהיימע אַגענ־טען קיין ריזשין. — אַ אידישער מסור ווערט פאַרברענט אין אויווען פון מרחץ. — ר' ישראל'טשי ווערט פאַרהאַפּטעט.

און אויב די ערשאַפּטליכע פיהרונג פון ר' ישראל'טשי ריזשינער איז געווען עטוואָס נייעס אין חסידישען לעבען, איז נאָך מעהר געווען ני זיין נייער דרך אין עבודות ד'.

ווי עס איז שוין פריהער דערצעהלט געוואָרען, איז דער דרך פון עבודות ד' פון מגיד און מלאך, געווען ממש מיט מסירות נפש. מיט אַ יראת הרוממות און התלהבות, פון וועלכע עס איז פשוט פונקען געפלויגען, און אַזוי איז אויך געווען די עבודה פון אַלע בעל שם'ס תלמידים.

אַ גאַנץ אַנדערען דרך האָט אָנגעשלאָגען ר' ישראל'טשי ריזשינער. שוין נישט רעדענדיג וועגען סגופים, תעניתים און צופיעל מקואות, פון וועלכע ער האָט נישט שטאַרק געהאַלטען, איז זיין עבודה געווען אַ גאַנץ נייע. דאָס הייסט, אַז אויסערליך איז עס גאָר נישט געווען קיין עבודה. מען האָט לגמרי גאָר נישט געזעהן.

ר' ישראל'טשי פלעגט נישט דאַווענען מיט זיינע חסידים צוזאַמען. ער פלעגט דאַווענען אין אַ באַזונדער חדר'ל, וועלכעס איז אויסגעבויט געוואָרען אין זיין בית־המדרש, האַרט ביי דער מזרח־וואַנט (דאָס חדר'ל איז געווען בבחינת „קודש הקדשים"). צום עולם פלעגט ער אַריינקומען נאָר צו געוויסע תפלות. אָבער אויך דאַן האָט מען גאָר נישט געזעהן. ער איז געשטאַנען מיט דעם פנים צו מזרח, נישט ריהרענדיג מיט קיין גליעד.

אָבער נאָך מעהר ווי אַליץ האָט ר' ישראל'טשי איבערראַשט די חסידישע

וועלט מיט זײַן הלבשה (קליידונג), דאָס איז שוין באמת געווען „למעלה מן השכל“ (אומפאַרשטענדליך).

וואָרים וויסען דאַרף מען, אַז די הלבשה בײַ דעם בעל שם און זײַנע תלמידים, איז פאַררעכענט געוואָרען אַלס אַ באַזונדערע עבודה. דער סוד דערפון איז געווען, ווײַל דער צדיק איז בבחינת „כהן גדול“, און בײַ דעם כהן גדול איז דאָך די הלבשה געווען איינע פון זײַנע גרויסע עבודות. האָבען טאַקע די צדיקים געטראָגען באַזונדערע קליידער. „בגדי לבן“ (ווײַסע קליידער), „כעין בגדי כהן גדול“ (עהנליך צו די בגדים פון כהן גדול). אויסער דעם זענען יענע צדיקים געווען זעהר נזהר (פאָרזיכטיג) נישט צו טראָגען קיין וואָלענע קליידער, וועגען אַ חשש שעטנז. וועגען „מאָדעס“ האָט דאָך גאָר קיין רעדע נישט געקאָנט זײַן. דאָס איז דאָך געווען ממש סכנות נפשות.

און נישט קוקענדיג אויף דעם אַלעם, האָט זיך ר׳ ישראל׳טשי געקליידעט גאָר, גאָר מאָדערנע. זײַנע קליידער זענען געווען גענייט מיט געשמאַק, און דוקא וואָלענע קליידער.

דר. ש. רובין, דער באַקאַנטער דענקער און פילאָזאָף, וועלכער איז אין זיין יוגענד געווען אַ פייערדיגער חסיד פון רבי׳ן ר׳ הירש מלך פון דינוב, און האָט אויך באַזוכט דעם רבי׳ן ר׳ ישראל׳טשי, שרייבט וועגען ר׳ ישראלטשי׳ן:

„ער רעדט זעהר ווייניג. זיינע ווערטער, ווען ער רעדט שוין עפּעס, זענען געצעהלטע. אַלע זיינע טהאַטען און באַוועגונגען זענען ווי אויס־גערעכענט און פעסטגעזעצט. ער זיצט אויף זיין פּרעכטיגער שטוהל, גע־קליידעט אין די טהייערסטע קליידער, פּונקט ווי די גרעסטע רוסישע פירסטען. אויף זײַן טיש ליעגט אייביג דער „זוהר“ אָפען. די פּדיונות וואָס ווערען איהם געגעבען זעהט ער לגמרי נישט. די פּדיונות ווערען אַרויפגע־לעגט אויף דעם טיש און זײַן גבאי לייגט עס אַוועק אין פאַרשידענע פּושקעס. עסען אָדער טרינקען, זעהט מען איהם כמעט לגמרי נישט. דער גבאי ברענגט צום טיש דאָס עסען, שטעלט עס בעפאָר דעם צדיק, דער צדיק נעהמט פון דעם עסען עפּעס אין מויל אַריין און דאָס איבריגע ווערט באַלד צוכאַפּט פון די חסידים אַלס — „שיריים“ (איבערגעבליבענעס).

„שיריים“, דאַרף מען וויסען, איז בײַ חסידים אַ גאָר גרויסער ענין. ווייל על פּי חסידות, איז דעם רבי׳ן׳ס טיש דער „מזבח“. די סעודה איז דער

„קרבן" און דער רבי אַליין איז דער כהן גדול, וואָס איז מקריב דעם קרבן פאַר זיין ליעבען נאָמען. נמצא, אַז דאָס וואָס בלייבט פון קרבן איז אַזוי הייליג ווי דער קרבן גופא. דאַריבער איז „שיריים" אַ הייליגער ענין.

און מערקווירדיג, נישט נאָר האָט דער דאָזיגער נייער מערקווירדיגער אומבאַגרייפליכער דרך פון ר' ישראלטשי'ן, נישט אָוועקגעריסען פון איהם די אַלטע חסידים, נאָר אדרבה, עס זענען פון טאָג צו טאָג צוגעקומען אַלץ מעהר און מעהר חסידים. אַלטע אויסגעווייקטע חסידים האָבען איבער־געלאָזען זייערע אַלטע רבי'ס און זיך מתדבק געווען (באַהאָפטען) אין דעם יונגען הערשאַפטליכען רבי'ן ר' ישראל'טשי, מיט אַזאַ איבערגעבענע אמונה וואָס מען האָט דאָס נישט געזעהן ביי קיין צדיק. און אפילו רביים זענען צו איהם געקומען און האָבען דערקלעהרט זיין דרך אַלס „גבוה מעל גבוה" (העכער ווי הויך), „ולאו כל מוחא סביל דא" (וואָס נישט יעדער מוח קאָן דאָס באַגרייפען).

אַ חסידישע אגדה דערצעהלט, אַז אַמאָל אין אַן עת צרה אויף דעם יודענטהום, האָט דער אַפטער צדיק, ר' אברהם יהושע העשל, דער עלטסטער צדיק פון דור, אַרויסגעשיקט אַ קול קורא, אַז אין אַ באַשטימטען טאָג זאָל אָפגעהאַלטען ווערען אומעטום אַ תענית צבור. אידען זאָלען וויינען און בעטען גאָט, אַז די צרה זאָל זיך ענדיגען צום גוטען.

ווען דער באַשטימטער טאָג איז געקומען, האָט ר' ישראל'טשי ריזשינער באַפוילען צו רופען זיין קאַפעליע מוזיקאַנטען, און זיי געהייסען שפּיעלען לוסטיגע מוזיק. הערענדיג פון דיעזע מערקווירדיגע געשיכטע, האָט דער אַלטער אַפטער צדיק געזאָגט מיט הייליגע תמימות: „מיר קענען זיך נישט צו איהם גלייכען. ער געהט נאָך דעם פסוק: „וכי תבוא מלחמה בארצכם, ותקעתם בחצוצרות ונזכרתם לפני ד' ונושעתם מאויביכם" (און ווען עס וועט קומען אַ מלחמה אין אייער לאַנד, זאָלט איהר בלאָזען מיט טרומייטען, און איהר וועט דערמאָהנט ווערען פאַר גאָט, און איהר וועט געהאָלפען ווערען). דאָס איז געווען אַ רמז, אַז ר' ישראלטשי'ס מוזיק, איז אָנגענומען ביי גאָט מעהר ווי אַן אַנדערענס תעניתים.

אַזוי גרויס האָבען דאָס די צדיקים געהאַלטען פון דעם צדיק ר' ישראל'טשי ריזשינער.

אָבער ווי שטעהט דאָרט עפּעס? „ויבאו בני האלקים להתיצב על ד'

ויבוא גם השטן בתוכם". ווען אימער עס באַווייַזען זיך די „בני אלקים", באַווייַזט זיך אויך דער שטן. האָט דער שטן, נישט פאַרגינענדיג דעם צדיק זייַן כבוד און גדולה, זיך אַרייַנגעמישט און איהם פאַרביטערט דאָס לעבען.

פלוצלינג, פון דער העלער הויט, האָט די רעגיערונג איהם אָנגעפאַנגען צו פאַרפאָלגען. געהייַמע אַגענטען האָבען זיך אַרומגעדרעהט אין ריזשין און אין דער גאַנצער געגענד. זעהר אָפט פלעגען קומען קאָמיסיעס פון פעטערסבורג און געגומען פראָטאָקאָלען. חסידים באַהויפטען, אַז מען האָט ר׳ ישראלטשי׳ן געמסר׳ט אַלס אַ מורד במלכות. אַז בכן ער וויל גרינדען אַ מלוכה אין דער מלוכה. זיי וואַרפען אַרויף די שולד אויף די דאמאָלס־דיגע „משכילים", וועלכע זענען געווען געשוואוירענע פייַנד פון חסידות און חסידים.

מעגליך אַז אין דער באַהויפטונג איז דאָ אַ שטיקל אמת. עס איז אָבער אויך מעגליך, אַז די רעגיערונג אלייַן האָט זיך דערשראָקען פאַר אַזאַ מין הערשאַפטליך פיהרעכטס, ווי ר׳ ישראל׳טשי האָט געפיהרט.

מען דאַרף נישט פאַרגעסען, אַז די דאָזיגע געשיכטע שפּיעלט זיך אָפּ באַלד נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אַן איבערקעהרעניש וואָס האָט אַרויפגעוואָרפען שרעק און ציטערניש אויף אַלע רעגיערונגען, איבער־הויפט אויף דער רוסישער רעגיערונג. און זעהענדיג דאָס קעניגליכע פיהרעכטס פון דעם ריזשינער, האָט זיך די רעגיערונג פשוט דערשראָקען, און איהם, דעם ריזשינער, אָנגעהויבען צו באַוואַכען.

ווי די זאַך זאָל נישט האָבען געווען, איז אָבער דער ענין נישט געפיהרט געוואָרען צו קייַן ערנסטע רעזולטאַטען. דער ריזשינער האָט זיך געפיהלט „נקי מפשע" (רייַן פון אירגענד וועלכען זינד געגען דער רעגיערונג) און איז זיך ווייַטער געגאַנגען זייַן דרך.

האָט אָבער עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט געגעבען דער רוסישער רעגיערונג אין האַנד אַ מורא׳דיגע וואַפע דעם צדיק צו פאַרניכטען.

די מעשה דערפון איז געווען אַזאַ:

אין דונאיוויץ, קאַמעניצער גובערניע, האָט געלעבט אַ מסור וואָס פלעגט די שטעדטישע אידען דערגעהן דאָס לעבען. אַ סך אידען האָט ער געבראַכט צו בעטעל־ברויט, און אַ סך זענען צוליעב זייַנע מסירות אַוועקגע־שיקט געוואָרען אין סיביר. די שטעדטישע אידען, מעהרסטענטייַלס חסידים,

זענען געלאָפען צו גוטע אידען, בעטענדיג אַז דער מסור זאָל איינגעהמען אַ מפלה.

איינמאָל, דאס איז געווען אַ פרייטאָג, דער מסור איז געגאַנגען ווי געוועהנליך, אין מרחץ לכבוד שבת, און איז שוין מעהר נישט צוריק אַהיימגעקומען.

וואַרטענדיג אַ גאַנצע נאַכט אויף זייער פאָטער, דעם מסור, און זעהענ־דיג, אַז ער קומט נישט אַהיים, האָט זיין פאַמיליע געמאָלדען אין דער פאָליציי די גאַנצע געשיכטע.

די פאָליציי האָט געוואוסט, אַז דער מסור האָט געהאַט אין שטאָדט מורא׳דיגע שונאים, און האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט, צו געפינען דעם מסור, אַ לעבעדיגען אָדער אַ טויטען. נאָך אַ שטאַרקע אונטערזוכונג האָט זי ענדליך געפונען דעם מסור אין אויווען פון מרחץ, פאַרברענט אויף קויל.

האָט געדאַרפט טרעפען, אַז מיט אַ געוויסע צייט בעפאָר די דאָזיגע פאַסירונג, זענען אין דונאיוויץ געווען צוויי גוטע אידען אויף אַ שבת. ר׳ ישראל׳טשי ריזשינער און ר׳ מיכלי דעם בעל שם׳ס אַן אייניקעל. דעם מסור׳ס שותפים און פריינד האָבען אנגעצייגט ביי דער רעגירונג, אַז די צוויי גוטע אידען, וואָס זענען יענעם שבת געווען אין דונאיוויץ, האָבען מתיר געווען, אַז מען מעג דעם מסור הרג׳נען.

אויף דעם האָט די רוסישע רעגירונג געוואַרט. דאָס האָט די רוסישע רעגירונג געדאַרפט.

ביידע גוטע אידען זענען אָהן שום חקירה ודרישה פאַרהאַפטעט געוואָרען.

אויף ר׳ מיכלי׳ן, וועלכער איז נישט געווען קיין גרויסער מפורסם, האָט זיך די רעגירונג ווייניג אומגעקוקט. איהם איז געלונגען צו אַנטלויפען קיין אויסלאַנד. ער האָט זיך שפעטער באַזעצט אין קורימא, אַ קליין שטעדטעל אין אונגאַרן, און דאָרט געפיהרט אַ קליין רבי׳שע מלוכה׳לע.

אַנדערש אָבער איז געווען דער שיקזאַל פון ר׳ ישראל׳טשי ריזשינער. איהם האָט זיך די רעגירונג פאַרשוואוירען צו פאַרניכטען.

קאַפּיטעל 22

ר׳ ישראל׳טשי ריזשינער אין דער תפיסה. — די וועכטער ווערען אויפגע-ציטערט הערענדיג זיין "מלאכים-ליעד". — די "בריחה". — דער אולטימאַטום פון גובערנאַטאר צו ר׳ ישראל׳טשיס זוהן. — דער בריעף פון ר׳ ישראל-טשיס ווייב.

וועגען דעם רבי׳ן ר׳ ישראל׳טשי אין דער תפיסה, האָט זיך אויס-געפלאָכטען אַ גאַנצע קייט מיט לעגענדען. חסידים דערצעהלען, אַז בשעת מען האָט איהם אַרייַנגעפיהרט אין דעם ענגען צימערל פון דער תפיסה, האָט זיך ר׳ ישראל׳טשי שטאַרק צוויינט, אויסשרייענדיג: "וואו איז מיין זיידע דער מגיד? וואו איז מיין זיידע דער מלאך? פאַרוואָס דערצעהלט מען זיי נישט פון מיין אומגליק?" ער איז דאן אַרייַנגעפאַלען אין אַ טיפע דביקות, נישט באַמערקענדיג, אַז זיין מחותן ר׳ יעקב יוסף האַלפּערן, אַ פּיעל-פאַכער מיליאָנער פון באַרדיטשעוו, איז אין זיין צימערל אַריינגעקומען.

קומענדיג צו זיך, און דערזעהענדיג זיין מחותן אין צימערל, איז ר׳ ישראל׳טשי געבליעבען אין א שטיקעל פאַרלעגענהייט. "איך ווייס, איך ווייס" — האָט ר׳ ישראל׳טשי געזאָגט — "אז אייך מחותן וואונדערט, פאַרוואָס איך בין אריינגעפאלען אין אַזא עצבות, בעת איך האָב אימער געלערנט מיינע חסידים, אז עצבות איז עבודה זרה חלילה. אָבער גלויבט מיר מחותן, אז נישט צוליעב מיר בין איך אריינגעפאלען אין אזא טרויער, נאָר צוליעב די שכינה הקדושה, וואָס מוז ליידען מיט מיר צוזאַמען."

ר׳ ישראל׳טשי האָט דאַן אייַנגעטייַטשט דעם פּסוק אין תהלים: "גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע, כי אתה עמדי", אויף אזא אופן: "גם כי אלך בגיא צלמות" — אפילו איך דארף געהן אין טהאָל פון טויט, "לא אירא" שרעק איך זיך דאָך נישט, "רע", שלעכט איז נאָר, "כי אתה עמדי", אז כביכול קודשא בריך הוא, מוז ליידען צוזאַמען מיט מיר — שכינתא בגלותא.

א חסידישע אגדה דערצעהלט, אז די וועכטער פון דער תפיסה פלעגן אויפציטערן הערענדיג ר׳ ישראלטשיי׳ן זינגען זיין „מלאכים ליעדעל“ וואס איז שפעטער געזונגען געווארען ביי אלע חסידים, אפילו נישט ריזשינער.

א שאד וואס איך קען דא נישט איבערגעבען די נגינה פון דעם ליעד, וועלכע קלינגט אזוי הימליש און באגייסטערענד. די ווערטער געהען אזוי:

„מלאכים, און שרפים, ואופנים, וחיות הקודש, פרעגען וואו איז גאט?“

„אוי ווערה!“

„וואס ענטפערט מען זיי?“

„לית אתר פנוי מיניה.“

אונטערדעסען האבען די חסידים מרעיש עולמות געווען, דעם צדיק צו באפרייען. פון קיעוו ביז פעטערסבורג איז אויסגעלייגט געווארען ממש א גאלדענע בריק. מען האט געשאטען מיט גאלד פון אלע זייטען. מען האט סיסטעמאטיש ערארבערט יעדען טשינאווניק פון קלענסטען ביז צום גרעסטען, פון וועמען מען האט נאר געהאפט א שטיקעל טובה. ענדליך, נאכדעם ר׳ ישראל׳טשי איז געווען אין תפיסה צוויי-און-צוואנציג חדשים, צוערשט אין קיעוו און שפעטער אין קאמענעץ, איז געלונגען איהם צו באפרייען, מיט דער באדינגונג, ער זאל קיינמאל נישט ארויספאהרען פון זיין שטעדטעל ריזשין.

ר׳ ישראלטשיי׳ס מקורבים האבען אבער געוואוסט, אז אזא באפרייאונג איז גאר נישט קיין באפרייאונג. זיי האבען געוואוסט, אז די מוסרים וועלען נישט שווייגען, אז זיי וועלען ווייטער מסר׳ן. די מקורבים האבען אויך געוואוסט, אז די רוסישע רעגיערונג זוכט מיט אלע מעגליכקייטען ר׳ ישראלטשיי׳ן צו באזייטיגען, און וועט פריהער אדער שפעטער געפינען א וועג, איהר טייפלישען פלאן צו פארווירקליכען, אויב ר׳ ישראל׳טשי וועט בלייבען אין רוסלאנד, און זיי האבען באשלאסען אז ר׳ ישראל׳טשי מוז פון רוסלאנד אנטלויפען.

דער צדיק האט די זאך פארשטאנען, פונקט ווי זיינע מקורבים, און איז געווען איינפערשטאנדען, אז ער מוז פון רוסלאנד אזוי שנעל ווי מעגליך אנטלויפען.

די בריחה (אנטלויפען) איז געווען א העכסט געפעהרליכע. אלע

האָבען געוואוסט, אַז טאָמער ווערט דער צדיק געכאַפּט, מײַנט דאָס אין בעסטען פאַל, אויב נישט טויט, אײַביגער סיביר. אָבער פאַרלאָזענדיג זיך אויף דעם זכות פון צדיק, און דערנאָך אויף די מיליאָנען וואָס זענען געשטאַנען צו פאַרפיגונג, האָבען זײַ דעם געפעהרליכען שפיעל אונטער־נומען, האָפענדיג אַז אַלעס וועט דורכגעהן בשלום.

און אַלעס איז טאַקע דורכגעגאַנגען בשלום. ר׳ ישראל׳טשי איז אַריבער די גרענעץ. פריהער נאָך רומעניען און שפּעטער נאָך עסטערײַך.

אויסגעפינענדיג פון דער בריחה, איז די רוסישע רעגירונג געוואָרען אויסער זיך פאַר רציחה. זי האָט אײַנגעזעהן ווי אונזיכער זי איז מיט איהרע טשינאָווניקעס, און זי האָט אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל צוריקצובּרענגען דעם אַנטלאָפענעם, אַ לעבּעדיגען אָדער אַ טויטען. צו פאַראַנטוואָרטליכ־קײַט האָט זי געשטעלט אַלע טשינאָווניקעס, ביז צום גובערנאַטאָר, פון וועמענס וואַך ר׳ ישראל׳טשי איז אַנטלאָפען.

אונטערדעסען האָט די רוסישע רעגירונג אויסגעפונען, אַז ר׳ ישראל׳טשי געפינט זיך אין קאָסוב, גאַליציע, בײַ זײַן מחותן דער צדיק ר׳ חיים׳ל קאָסובער. דאָס איז געווען פאַר איהר אַ העכסט וויכטיגע אַנטדעקונג, ווײַל בײַדע לענדער, רוסלאַנד און עסטערײַך האָבען צווישען זיך געהאַט אַן אָפּמאַך, אַרויסצוגעבען אַנטלאָפענע אַרעסטאַנטען אײַנע צו דער צווייטער. רוסלאַנד האָט טאַקע באַלד געפאָדערט פון עסטערייך אַרויסצוגעבען דעם „מורד במלכות״, איזראַעל פריעדמאַן.

די געשיכטע איז געוואָרען נאָך געפעהרליכער צוליעב ר׳ ישראלטשי׳ס פאַמיליע, וועלכע איז געבליעבען אין רוסלאַנד.

געוואוינט האָט ר׳ ישראלטשי׳ס פאַמיליע נאָכדעם ווי ער איז אַנט־לאָפען, אין קישינעוו. די פּאָליצײַ האָט געקראָגען אַ שטרענגען באַפעהל צו באַוואַכען דאָס הויז, וואו די פאַמיליע וואוינט, טאָג און נאַכט.

טאָמער איז דאָס געווען ווייניג, האָט זיך געיאַוועט אַ נײַע צרה: דער גובערנאַטאָר האָט געלאָזט רופען ר׳ ישראלטשי׳ס עלטסטען זוהן ר׳ שלום יוסף׳ניו, און איהם געגעבען אַן אולטימאַטום: אָדער איהר ברענגט צוריק אײַער פאָטער קיין רוסלאַנד, אָדער איהר מיט אײַער מוטער און אַלע קינדער וועלען פאַרשיקט ווערען נאָך סיביר.

דער גובערנאַטאָר האָט געצוואונגען ר׳ שלום יוסף׳ן זאָפאָרט צו

שרײַבען צו זײַן פאָטער דעם דאָזיגען „אולטימאַטום“, און וואָרנען דעם פאָטער, אַז אויב ער קומט נישט באַלד צוריק קײַן רוסלאַנד, וועט ער פאַראומגליקען ווײַב און קינדער אויף אײַביג.

ר׳ שלום יוסף׳ניו האָט אַזאַ בריעף געשריעבען, און דער גובערנאַטאָר האָט דעם בריעף אַוועקגעשיקט מיט אַ שליח מיוחד קײַן קאָסוב.

די רביצין, ר׳ ישראלטשי׳ס ווײַב, האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב ר׳ ישראל׳טשי, איהר מאַן, זאָל זיך באמת דערשרעקען און צוריקקומען קײַן רוסלאַנד, איז ער פאַרלוירען אויף אײַביג. איהר איז געלונגען אַרויסצושיקען אַן אַנדערען בריעף צו איהר מאַן, אויך דורך אַ שליח מיוחד, אין וועלכען זי וואָרנט איהר מאַן, אַז ער זאָל חס ושלום נישט צוריקקומען, נאָר זאָל אַנטלויפען קײַן ענגלאַנד אָדער פראַנקרײַך.

דער בריעף פון ר׳ ישראלטשי׳ס פרוי איז העכסט כאַראַקטעריסטיש. איך גיב איהם דאָ איבער מיט זײַן אײַגענאַרטיגער שפּראַך און אויסלײַגעכץ, ווי ער איז אָפּגעדרוקט אין הורודעצקי׳ס ספר „החסידות והחסידים“.

די פאַרצווייפעלטע פרוי שרייבט:

„זאָלסט וויסען, אַז מען האָט אונז אַרומגעשטעלט מיט באַדניקעס און דער גובערנער האָט געשיקט רופען בני שלום און ער האָט איהם געזאָגט, אַז דו וועסט נישט אַהײַמקומען וועט ער אונז ח״ו פאַרשיקען און ער האָט אונז גיהײַסען שרײַבען אַ בריעף צו דיר דו זאָלסט אַנדערש נישט טון נור אַהיים צו קומען. נור מיר זאָגען נישט קיין דעה, און אַז דו ווילסט נישט אַהיים קומען איז קײַן אַנדערע באַוואָרניש רק אל צרפת או אונגליה“. (פראַנקרייך אָדער ענגלאַנד).

עס איז גאַנץ מעגליך, אַז ר׳ ישראל׳טשי וואָלט געוועזן געפאָלגט זײַן ווײַב. ער וואָלט געוועזן אַנטלאָפען קײַן פראַנקרײַך אָדער ענגלאַנד. אָבער ווי שטעהט דאָרט אין פסוק: „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל“ דער גאָט פון „ישראל“ שלומערט נישט און שלאָפט נישט. און דאָ איז געשעהן אַ נס מן השמים. אָבער טאַקע אַן אמת׳ר נס.

קאפיטעל 23

א מעשה נורא ווי אזוי ר׳ ישראל׳טשי ריזשינער באזעצט זיך אין סאדאגורע. — אן אויסגעצייכענטער פלאן פון אן ארענדאר. — דורך אן אינגעל וואס איז נעלם געווארען פון סאדאגורע, ווערט ר׳ ישראל׳טשי געהאלפען. — ר׳ ישראל׳טשי שטעלט-אויף זיין חסידישען טהראן אין סאדאגורע. — גאליציאנער רבי׳ס אנערקענען איהם אלס צדיק הדור. — דער רבי ר׳ הירש פון רימאַנאוו פאהרט צו ר׳ ישראלטשי.

די געשיכטע ווי אַזוי דער אַנטלאָפּענער ר׳ ישראל׳טשי איז אַרײַן אין סאדאגורע איז געווען אַזוי:

דאָס שטעדטעל סאדאגורע וואָס ליגט נעבן טשערנאָוויץ, איז געווען שטאַרק פאַראָרעמט. דעם גראַף, צו וועמען דאָס שטעדטעל האָט באַלאַנגט, וואָלט די אָרימקייט פון די אײַנוואוינער אפשר גאָר נישט געווען פאַרדראָסען. איז אָבער געווען די צרה, אַז די אַרענדאַטאָרס אין סאַדאַגורע און אַרום סאַדאַגורע, האָבען נישט געקענט באַצאָהלען זייערע ראַטעס, און דער גראַף האָט געזוכט מיטלען פון דער צרה פטור צו ווערען.

אײנעם פון די אַרענדאַטאָרס, הפנים נישט קיין נאַרישער איד, איז אײַנגעפאלען, הערענדיג פון ר׳ ישראלטשיס בריחה, אַז אויב מען וואָלט געקאָנט אַרײַנקריעגען ר׳ ישראלטשי׳ן קיין סאדאגורע, וואָלט שוין געווען פרנסה בשפע. אַ קלייניגקייט, אַזאַ גרויסער רבי ווי ר׳ ישראל׳טשי! חסידים וואָלטען געקומען פון אַלע זייטען. יעדער חסיד לאָזט איבער אין שטעדטעל אַביסל געלד, און עס איז — ששון ושמחה.

אומר ועושה. דער אַרענדאַר האָט פאָרגעלייגט דעם פלאַן פאַר דעם גראַף און אײַנזעהענדיג, אַז דער פלאַן איז אַן אויסגעצייכענטער, האָט זיך דער גראַף גענומען צו דער אַרבייט, צו ברענגען ר׳ ישראלטשי׳ן קיין סאדאגורע.

פאַר דעם גראַף וואָלט אפשר די אַרבייט, אַרײַנצוברענגען ר׳ ישראלטשי׳ן

אין סאַדאַגורע, גאָר נישט געווען אַזאַ שווערע. ער אַליין, דער גראַף, איז געווען אַ גרויסער חשוב אין די רעגיערונגס־קרייזען. געלד האָבן די חסידים געגעבן וויפיל מען האָט נאָר פאַרלאַנגט, און עסטערייכישע טשינאָווניקעס האָבן אַזוי ליעב דעם טרפה'נעם גראָשען פּונקט ווי די רוסישע. איז אָבער געלעגען אין וועג, דער „אָפּמאַך" צווישען די צוויי רעגיערונגען, אַרויסצוגעבן איינער דעם צווייטען אַנטלאָפענע אַרעסטאַנטען. די רוסישע רעגיערונג האָט געוואוסט וואו ר' ישראל'טשי געפינט זיך, און זי האָט געהאַלטען אין איין פאָדערן, אַז די עסטערייכישע רעגיערונג זאָל איהר דעם אַנטלאָפענעם אַרויסגעבען.

און אָט דאָ איז געשעהן אַ נס. אָבער טאַקע אַ נס מן השמים. איהר מעגט עס הערען:

אין דעם שטעדטעל סאַדאַגורע איז מיט יאָהרען צוריק נעלם געוואָרען אַ יונגער אינגעל מיט דעם נאָמען ישראל דאַננעפעלד. ער איז אַוועקגע־קומען ווי אין וואַסער אַריין. פאַר צרות, זענען זיינע עלטערען געשטאָרבען. עס האָבען אָבער נאָך געלעבט אין סאַדאַגורע אידען און גוים, וואָס האָבען די געשיכטע גוט געדענקט.

זענען די אידען געפאַלען אויף אַן המצאה: פאַרוואָס זאָל טאַקע נישט זיין דער דאָזיגער ר' ישראל'טשי, דערזעלבער ישראל דאַננעפעלד? אַי דער איצטיגער ישראל רופט זיך פריעדמאַן, און יענער ישראל האָט זיך גערופען דאַננעפעלד, איז די זאַך גאָר פשוט:

ישראל'קע דאַננעפעלד איז אַוועק קיין רוסלאַנד. ער איז דאָרט אַריין אין ישיבה. ער איז געוואָרען אַ רבי, און האָט צוליעב דעם וואָס ער איז אַן עסטערייכישער געבוירענער, געענדערט זיין נאָמען פון דאַננעפעלד אויף פריעדמאַן. אָבער דער אמת'ער אמת איז, אַז ישראל פריעדמאַן איז טאַקע דער זעלבער אַוועקגעקומענער ישראל דאַננעפעלד.

די איינציגע דאגה וואָס האָט געמוטשעט די סאַדאַגורער אידען איז געווען — די מעטריקא, דאָ וואו עס ווערט איינגעשריבען די נייע געבוירענע קינדער. און די סאַדאַגורער אידען האָבען געוואוסט, אַז די יאָהרען פון ביידע ישראל'ים וועלען זיך נישט אייניגען, וועט די געשיכטע שווער אָנקומען.

האָט מען נאָכגעזעהן די מעטריקא, און וואונדער איבער וואונדער! דיזעלבע יאָהרען! ווען ישראל דאַננעפעלד וואָלט געלעבט, וואָלט ער

געווען פונקט פירציג יאָהר אַלט. דיזעלבע יאָהרען פון ר׳ ישראל׳טשי ריזשינער.

קורץ, אידישע און גוי׳אישע עדות האָבען געזאָגט, אַז ר׳ ישראל׳טשי ריזשינער איז דאָס דערזעלבער אַוועקגעקומענער ישראל דאַנגע־פעלד. בכן איז ער דאָך אַ סאדאגורער געבוירענער, און די רוסישע רעגיערונג קען איהם נישט פאַרלאַנגען. עס האָט נישט גענומען לאַנג, און די עסטערייכישע רעגיערונג האָט דערקלעהרט ר׳ ישראל׳טשי פריעדמאַן אַלס אַ געבוירענער עסטערייכער, איבער וועמען רוסלאַנד קען קיין שליטה נישט האָבען. און — ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר.

ר׳ ישראל׳טשי האָט באַלד אַריבערגעבראַכט זיין פאַמיליע נאך סאַדאַ־גורע און האָט אָנגעפאַנגען אויפצובויען זיין רבי׳ישען טהראָן אין דעם דאָזיגען שטעדטעל.

ר׳ ישראל׳טשי האָט אין סאדאגורע זיין דרך נישט געענדערט. אדרבה, ער האָט אין סאַדאַגורע, וואו ער האָט זיך געפיהלט פרייער ווי אין רוסלאַנד, באַלד אָפגעקויפט דעם פּאַלאַץ פון גראַף, און איהם איבערגעבויט מיט אַזויפיעל פּראַכט און גלאַנץ וואָס האָט נאָך איבערטאָפען דעם פּאַלאַץ אין ריזשין. געלד האָט נישט געפעהלט. זיינע רייכע רוסישע חסידים, וואָס האָבען באמת געגלויבט, אַז ער איז משיח, און אַז די פאַרפאָלגונגען וואָס ער האָט ביז איצט געהאַט, זענען געווען „חבלי משיח“ (משיח׳ס ליידען), האָבען פשוט געשאָטען מיט געלד אויפצושטעלען דעם פּאַלאַץ שנעל ווי מעגליך, ווי עס פּאַסט פאַר די לעצטע גזע פון מלכות בית דוד.

עס איז אַ סברא, אַז ר׳ ישראל׳טשי האָט אַליין געגלויבט, אַז אויב דער דור וועט ראוי זיין, וועט ער זיין משיח. עפענטליך האָט ער דאָס קיינמאָל נישט געזאָגט, מרמז געווען (אָנגעצייגט) האָט ער אָבער יאָ.

אַ חסידישע אגדה דערצעהלט, אַז איינמאָל האָט אַ נאָהנטער מקורב געפרעגט ר׳ ישראלטשי׳ן, פאַרוואָס ער רעדט אַזוי ווייניג וועגען משיח׳ן, ווערענד אַלע צדיקים רעדען וועגען משיח׳ן שטענדיג? ר׳ ישראל׳טשי האָט געענטפערט קורץ:

משל למה הדבר דומה: צוויי מחותנים קומען זיך צוזאַמען וועגען אַ שידוך פון זייערע קינדער. רעדען די מחותנים. דער חתן אָבער — שווייגט. דאָס איז געווען אַ רמז, אַז משיח איז טאַקע ער אַליין. ער איז דער — חתן.

אַן אַנדערע אגדה דערצעהלט, אַז מקורבים האָבען איהם אַמאָל גע־פרעגט, פאַרוואָס ער פאָהרט נישט קיין ארץ ישראל, ווי ר' מענדעלי וויטעבסקער, זיין זיידענס גרויסער תלמיד? דאַרויף האָט ר' ישראל'טשי געענטפערט:

„ווען איך וואָלט איצט געקומען קיין ארץ ישראל, וואָלט מען מיך געפרעגט, פאַרוואָס ביסטו געקומען אָהן דיינע אידען?" דאָס הייסט, אַז אויב ער וועט אַמאָל געהן קיין ארץ ישראל, וועט ער מיטנעהמען אַלע אידען. אַ רמז, אַז ער איז משיח און דאַרף פיהרען אַלע אידען קיין ארץ ישראל.

חסידים זענען אַלזאָ געקומען טאָג פאַר טאָג למאות ולאלפים, ברענ־גענדיג פדיונות און רייכע מתנות. און דאָס סאַדאַגורער הויף האָט מיט זיין רייכקייט און לוקסוס איבערטראָפען דאָס ריזשינער הויף.

און דאָ איז געשעהן נאָך אַ מופת. אַ מופת, וואָס קיינער וואָלט זיך דאָס פריהער נישט געקאָנט פאָרשטעלען אפילו אין דער פאַנטאַזיע.

ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרען איז דאָס גאַליציאַנער חסידות געווען אַנדערש, מן הקצה אל הקצה, פון ריזשינער חסידות. דאָס גאַליציאַנער חסידות האָט געפאָדערט פון איהרע צדיקים, נישט נאָר עבודה שבלב, נאָר עבודה פון מסירת נפש ממש. דאָס גאַליצישע חסידות איז באַשטאַנען אויף דריי עמודים (זיילען): סיגופים (פייניגונגען), מקוואות, און ביטול היש (מבטל זיין זיין אייגענעם איך). מותרות, לוקסוס, און רייכטהימער, איז פון דעם גאַליציאַנער חסידות פאַרשריגען געוואָרען אַלס „עבודה זרה" רחמנא לצלן. הויפטזעכליך, ווי שוין געזאָגט, איז דאָס גאַליצישע חסידות געווען נזהר אין דער הלבשה (קליידונג) — „מאָדעס" איז פון גאַליצישען חסידות באַטראַכט געוואָרען פשוט ווי שמד.

און פלוצלינג איז דאָ אָנגעקומען אַ רבי מיט אַ גאַנץ נייעם דרך אין חסידות. מיט אַ הערשאַפטליך לעבען פון רייכטהום און לוקסוס, וואָס מען האָט אין גאַליציע קיינמאָל נישט געזעהן. אַ הלבשה, סאַי פון די מענער, סאַי פון די פרויען, און טאַקע הויפטזעכליך פון די פרויען, נאָך דער לעצטער מאָדע. די עבודה, אַ שטילע, אַ געלאַסענע. אויסערליך זעהט מען כמעט גאָר נישט. און הערט וואונדער! נישט נאָר האָט דאָס גאַליצישע חסידות נישט רעוואָלטירט, נאָר אדרבה, עס האָט זיך אונטערגעוואָרפען אונטער דעם נייעם צדיק, מיט אַ מערקווירדיגער איבערגעבענהייט.

כמעט אלע צדיקים פון דור האָבן דערקלעהרט, אַז דער דרך פון רבי'ן ר' ישראל'טשי איז „גבוה מעל גבוה" א זעהר, זעהר הויכער. אז פון אלע רײַכטהימער און לוקסוס מיט וועלכע ער איז ארומגערינגעלט איז ער נישט נהנה אפילו „כמלא נימא", אפילו נישט אויף אַ האָר — גאָר נישט מיט גאָר נישט. און הגם מען זעהט אויסערליך קיין שום עבודה, ברענט אָבער אין האַרץ אַן אײַביג פײַער פון מסירת נפש צו זיין ליעבען נאָמען. „אש תמיד תוקד על המזבח", אַ הײליג פײַער פון התדבקות צום בורא אין סוף ברענט אָהן אויפהער אין זיין האַרץ.

דער ערשטער גאַליציאַנער רבי, וואָס האָט איבערגעלאָזט זיין רבי'שע מלוכה און געפאָהרען קיין סאדאגורע צום רבי'ן ר' ישראל'טשי, איז געווען דער רבי ר' הירש פון רימאַנאָוו.

דער רבי ר' הירש פון רימאנאָוו, דאַרף מען וויסען, איז געווען נישט נאָר דער מערקווירדיגסטער, נאָר אויך דער גרעסטער רבי אין גאַליציע.

דער רבי ר' הירש איז געבוירען געוואָרען בײַ אָרימע און פשוט'ע עלטערען. אַלט ווערענדיג צעהן יאָהר, זענען זיינע עלטערען געשטאָרבען. נישט האָבענדיג קיינעם ווער עס זאָל איהם ערציהען, איז ער אַרײַן צו אַ שנײַדער און זיך געלערנט שנײַדערײַ.

צו יענער צײַט איז דער גרעסטער גוטער איד אין גאַליציען געווען דער רבי ר' מענדעלי פון פריסטיק (שפעטער פון רימאַנאָוו). און זעהענדיג אַז אַלע שטעדטעלדיגע אידען פאָהרען צו דעם צדיק קיין פריסטיק, האָט דער פרומער שנײַדער-אינגעל געקראָגען אַ פײַערדיגען חשק צו זעהן דעם רבי'ן ר' מענדעלי, צו וועמען אַלע פאָהרען.

ויהי היום, און דאָס שנײַדער-אינגעל הירש'לע איז פּלוצלינג נעלם געוואָרען (אַוועקגעקומען). די שטעדטישע אידען וואָס האָבען הירש'לען שטאַרק ליעב געהאַט צוליעב זיין פרומקײַט, האָבען זיך אַרויסגעלאָזט איהם זוכען, ביז זיי האָבען אויסגעפונען, אַז הירש'לע געפינט זיך אין פריסטיק.

הירש'לע האָט זיך אַרומגעדרעהט אין פריסטיק אַ לאַנגע צײַט. ער האָט שטאַרק צוגעהונגערט. ער איז אָבער געווען צופריעדען. ער האָט געפיהלט, אַז יעדעס מאָל ווען ער זעהט דעם רבי'ן ר' מענדעלי קומט אין איהם אַרײַן אַ נייע נשמה.

קורץ, הירש׳לע האָט זיך דערשלאָגען צו ווערן אַן אויוון־הייצער אין רבי׳ן ר׳ מענדעלי׳ס הויז.

אַ חסידישע אגדה דערצעהלט, אַז צום ערשטען מאָל, ווען הירש׳ל האָט איינגעהייצט דעם אויוון, האָט דער רבי ר׳ מענדעלי אַריינקומענדיג פון בית המדרש אין שטוב, אויסגעשריען: „עפּעס פיהלט זיך מיר דאָ היינט אַ וואַרימע קדושה! ווער איז דאָס היינט אַהערגעקומען?" קיינער האָט אָבער נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. אַזוי איז געגאַנגען אַ לענגערע צייט, ביז דער רבי ר׳ מענדעלי האָט דערזעהן דעם אויוון־הייצער, און האָט באַלד אין איהם דערקענט אַ גאָר הויכע נשמה.

דער רבי ר׳ מענדעלי האָט אַוועקגענומען הירש׳לען פון אויוון, און איהם אַריינגענומען אין זיין שטוב אַלס משמש (באַדיענער).

הירש׳לע איז געוואָרען זעהר באַליעבט ביי די חסידים. ממש פאַרהייליגט. זיין עבודות ד׳ איז געווען חוץ לדרך הטבע. דער רבי ר׳ מענדעלי האָט אויפגעהערט זיך מיט איהם צו באַדיענען. ער האָט עדות געזאָגט, אַז ר׳ הירש׳לע איז בבחינת כהן גדול (דער רבי ר׳ הירש איז געווען אַ ׳כהן), אַן עובד ד׳ באמת.

נאָך דעם רבי׳ן ר׳ מענדעלי׳ס פטירה, האָבען אַלע חסידים, אפילו דעם רבי׳ן ר׳ מענדעלי׳ס קינדער, געקרוינט דעם אַמאָליגען שניידער־אינגעל אַלס זייער רבי׳ן.

דער רבי ר׳ הירש איז שפּעטער געוואָרען דער גרעסטער רבי אין גאַליציען. אַלע רביים פון דור, אפילו ר׳ חיים סאַנזער, וואָס איז געווען אַ חוץ זיין גרויסקייט אין עבודות ד׳, אַ גאון עולם, פלעגט פאָהרען איינמאָל אין יאָהר קיין רימאַנאָוו צום רבי׳ן ר׳ הירש. ער פלעגט זאָגען, אַז עבודת ד׳, קען מען לערנען נאָר ביי דעם הייליגען רימאַנאָווער.

און אָט דער דאָזיגער רבי ר׳ הירש האָט באַשלאָסען, שוין אויף זיין עלטער (ער איז שוין דאַן געווען אַ בן שבעים), צו פאָהרען קיין סאַדאַגורע צום רבי׳ן ר׳ ישראל׳טשי, וועלכער איז געווען אַ סך יונגער פון איהם.

קאַפּיטעל 24

די פּגישה פון צוויי צדיקים, דער רבי ר' ישראל'טשי און דער רבי ר' הירש. — דער סאַנזער צדיק פאהרט אויך צו ר' ישראל'טשין. — ר' ישראל'טשי ווערט שטארק נתפּעל פון סאַנזער'ס באזוך. א געלונגען תורה'לע וואס דער סאַנזער האט געזאגט דעם קראקאווער גאון וועגען ר' ישראל'טשין. — דאס סאדאגורער הויף הויבט אן צו פארדונקלען אין די אויגען פון גאליציאנער גוטע אידען.

וועגען די „פּגישה" (באַגעגעניש) פון די צוויי צדיקים, דער רבי ר' ישראל'טשי און דער רבי ר' הירש, דערצעהלען חסידים וואונדער איבער וואונדער. דער רבי ר' הירש איז אַזוי נתפּעל געוואָרען פון דעם הערשאַפּטלי־כען רבי'ן אַז ער האָט שוין בײַם ערשטען באַגעגעניש מיט ר' ישראלטשי'ן דערקלעהרט, אַז אַזאַ צדיק ווי ר' ישראל'טשי איז נישט געווען אויף דעם עולם כמה וכמה דורות. און נתפּעל געוואָרען איז אויך דער רבי ר' ישראל'טשי פון רבי'ן ר' הירש. „דער איד, איז די קדושה אַלײַן", האָט ר' ישראל'טשי געזאָגט צו זײַנע מקורבים אויף דעם רבי'ן ר' הירש, באַלד נאָך דער ערשטער פּגישה.

אַ חסידישע אגדה דערצעהלט, אַז בעת די צוויי צדיקים זענען זיך צוזאַמענגעקומען צום צווייטען מאָל, האָט זיך דער רבי ר' ישראל'טשי פּלוצלינג געווענדט צום רבי'ן ר' הירש אָט מיט די ווערטער: „רימאַנאָווער רבי, איך האָב געהערט, אַז איהר האָט אַ יונג מײַדעלע, איך ווידער האָב אַ יונג אײַניקעל, לאָמיר זיך משדך זײַן".

דאָס איז געווען פאַר אַלע מקורבים אַ געוואַלדיגע איבערראַשונג. וואָרים וויסען דאַרף מען, אַז ר' ישראל'טשי האָט זיך נישט משדך געווען נאָר מיט די גרעסטע מיוחסים פון דור. די קינדער פון מלכות בית דוד, פלעגט ער זאָגען, טאָרען זיך נישט אַרונטערלאָזען צו משפחות, וואָס זענען

נישט פון גאָר, גאָר הויכע מדרגות. און דאָ פלוצלינג שלאָגט פאָר ר׳ ישראל׳טשי אַליין אַ רבי׳ן וואָס איז לחלוטין גאָר נישט קיין מיוחס, ער זאָל זיך מיט איהם משדך זיין!

דער רבי ר׳ הירש נאַטירליך, האָט זאָפאָרט מסכים געווען, און טאַקע שוין אין זעלבען אָוונד זענען תנאים געשריבען געוואָרען.

איידער מען האָט גענומען לייענען די תנאים, האָט זיך דער רבי ר׳ ישראל׳טשי געווענדט צום רבי׳ן ר׳ הירש מיט אָט דיעזע דבורים: „רימאַנאָווער רבי, ביי אונז איז אַ מנהג, אַז איידער מיר לייענען די תנאים מוזען ביידע צדדים אויסרעכענען זייער יחוס. — איך וועל אָנהויבען":

„איך בין אַן אייניקעל פון דעם גרויסען מגיד. אַן אייניקעל פון דעם הייליגען מלאך. אַן אייניקעל, פון מיין מוטערס צד, פון דעם גרויסען ר׳ נחום׳ל טשערנאָבלער. אונזער יחוס ציהט זיך ביז ר׳ יהודה הנשיא, ביז דוד מלך ישראל. איצט רימאַנאָווער רבי, דערצעהלט אייער יחוס."

„מיין פאָטער האָט געהייסען ר׳ ליבוש, און מיין מוטער, שפרינצע" — האָט דער רבי ר׳ הירש אָנגעפאַנגען מיט הייליגע תמימות — „זיי זענען געווען זעהר אָרים, און זעהר פרומע מענשען. ווען איך בין אַלט געוואָרען צעהן יאָהר, זענען ביידע געשטאָרבען. נישט האָבענדיג ווער עס זאָל מיך דערציהען, בין איך אַריין צו אַ שניידער זיך לערנען שניידעריי. ביי דעם שניידער האָב איך געאַרבייט פינף יאָהר רצופים. איך האָב מיך אויסגעלערנט צוויי זאַכען: „קיין נייע מלבושים נים קאַליע צו מאַכען, און אַלטע מלבושים גוט צו פאַריכטען."

„גענוג, גענוג" — האָט ר׳ ישראל׳טשי אויסגעשריען הערענדיג די לעצטע ווערטער — „איך ווייס שוין אַלץ. לאָז מען לייענען די תנאים."

און אויב די חסידישע וועלט איז איבערראַשט געווען פון דעם רבי׳ן ר׳ הירש׳ס באַזוך ביי ר׳ ישראלטשי׳ן, איז זי נאָך שטאַרקער איבערראַשט געוואָרען. אויסגעפינענדיג אַז אויך דער סאַנזער צדיק ר׳ חיים האַלבערשטאַם האָט באַשלאָסען צו פאָהרען קיין סאַדאַגורע, צום רבי׳ן ר׳ ישראל׳טשי.

דער רבי ר׳ הירש, אמת, איז געווען פיעל עלטער פון סאַנזער, און איז אויך ־פאַררעכענט געוואָרען אַלס דער צדיק הדור, צו וועמען עס פלעגט פאָהרען זאָגאַר דער סאַנזער גופא. דער סאַנזער איז אָבער געווען דער גאון

עולם, און די חסידישע וועלט האָט שוין דאַן געזעהן, אַז מיט זיין ,תורה, עבודה און גמילות חסדים, געהט ער איבערטרעפען אַלע זיינע רבי'ס.

„די נסיעה פון סאַנזער צדיק צו ר' ישראלטשי'ן" — פלעגען זיינע באַגלייטער דערצעהלען — „איז געווען אַ מורא'דיגע. די גאַנצע צייט איז דער סאַנזער געזעסען אין וואָגען אין אַ פייערדיגען צושטאַנד פון דבקות און התלהבות. אין די שטעדט און שטעדטלעך אין וועלכע ער איז דורכ־געפאָהרען, זענען געקומען הונדערטער חסידים איהם מקבל פנים זיין. ער האָט אָבער קיינעם נישט געוואָלט אויפנעהמען, כדי נישט צו פאַר־לירען קיין צייט, אַזוי משתוקק (געגלוסט) האָט ער צו זעהן דעם ריזשינער צדיק וואָס גיכער."

און אויך ר' ישראל'טשי איז שטאַרק נתפעל געוואָרען, הערענדיג אַז דער סאַנזער קומט איהם באַזוכען. „אַ גרויסער גאַסט! אַ גרויסער גאַסט!" האָט ר' ישראל'טשי געמורמעלט די גאַנצע צייט. — „אַ גרויסער גאַסט קומט אונז באַזוכען. איהר ווייסט — האָט זיך ר' ישראל'טשי געווענדעט צו זיינע מקורבים — ר' חיים סאַנזער איז דאָך דער בית דין הגדול פון דור".

וועגען דעם געוואַלדיגען איינדרוק וואָס ר' ישראל'טשי האָט געמאַכט אויף דעם סאַנזער גאון, געהט אום אין דער חסידישער וועלט פאָלגענדע עפּיזאָדע:

צוריקפאָהרענדיג פון סאַדאַגורע, האָט זיך דער סאַנזער צדיק צו־זאַמענגעטראָפען מיט דעם מאַטעסדאָרפער רב, ר' שמעון סופר (שפּעטער קראקויער רב), איינער פון די באַריהמטעסטע גאונים פון דור, אַ זוהן פון דעם פרעסבורגער גאון ר' משה סופר („חתם סופר").

דער מאַטעסדאָרפער רב, וועלכער איז געווען אַ מתנגד, און דאָך שטאַרק געהאַלטען פון סאַנזער צוליעב זיין גאונות, האָט דעם סאַנזער געפרעגט: „ווי קומט עס, אַזאַ גאון ווי איהר זאָל זיך אַזוי ערנידעריגען און פאָהרען צום סאַדאַגורער רבי'ן? וואָס קען אַזאַ גאון ווי איהר לערנען פון דעם סאַדאַגורער?"

„מאַטעסדאָרפער רב, האָט דער סאַנזער געענטפערט, ווי איהר ווייסט איז פאַראַן אויף דער ערד צוויי הייליגע בערג: דער באַרג „סיני", אויף וועלכען גאָט ברוך הוא האָט געגעבען די אידען די תורה, און דער באַרג „מוריה", אויף וועלכען אברהם אבינו איז געווען גרייט מקריב צו זיין זיין זוהן

יצחק פאַר אַ קרבן, פאַר דעם רבונו של עולם, און אויף וועלכען שלמה המלך האָט שפּעטער אויפגעבויט דאָס בית המקדש. איז דאָך באמת קשה, פאַרוואָס האָט שלמה המלך אויסגעקליבען דעם „הר המוריה" אויפצושטעלען דאָס בית המקדש, און נישט דעם „הר סיני", וואו די תורה איז געגעבען געוואָרען?"

„נאָר דער תירוץ איז — האָט דער סאַנזער פאָרטגעזעצט — אַז דער פּלאַץ וואו אַ איד שטרעקט אויס דעם האַלז, זייענדיג מוכן ומזומן (גרייט) זיך מקריב צו זיין פאַר דעם בורא עולם, איז חשוב'ער פאַר השם יתברך זאָגאַר פון דעם פּלאַץ וואו עס איז געגעבען געוואָרען די תורה."

„גלויבט מיר, מאטעסדאָרפער רב — האָט דער סאַנזער געענדיגט — אַז דער רבי ר' ישראל'טשי איז גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר דעם באַשעפער בכל רגע ורגע. אויף איהם קען געזאָגט ווערען: „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם". זיין האַרץ איז אַ מקדש וואו די שכינה רוהט אייביג."

אַלטע חסידים באַהויפּטען, אַז בעפאָר דעם רבי'ן ר' ישראלטשי'ס הסתלקות, האָט זיך דאָס ליכט פון סאַדאַגורער הויף שטאַרק פאַרדונקעלט אין די אויגען פון די גאַליציאַנער גוטע אידען. שטילערהייט האָבען זיי אָנגעפאַנגען מתרעם צו זיין אויף דעם הערשאַפטליכען סאַדאַגורער פיהרעכץ. נישט חס ושלום געגען דעם רבי'ן ר' ישראל'טשי גופא. אויף איהם אַליין האָבען אַלע מסכים געווען, אַז ער איז אַ קדוש וטהור. אַז זיין התנהגות (פיהרעכץ) איז „גבוה מעל גבוה" (העכער ווי הויך) „ולא כל מוחא סביל דא" (נישט יעדער קען דאָס באַגרייפען). די גוטע אידען פון גאַליציע האָבען אָבער אָנגעהויבען זיך שרעקען, אַז דאָס הערשאַפטליכע לעבען אין דעם סאַדאַגורער הויף, די רייכטהימער און פאַרשווענדערישע לוקסוס, איבערהויפט די „מאָדעס", וואָס איז על פי חסידות אַ געוואַלדיגער איסור — וועלען ברענגען שאָדען דעם גאַליצישען יודענטהום.

דער פאַרשטאָרבענער יצחק אבן, וועלכער האָט געלעבט אין סאַדאַגורע אַ געוויסע צייט, און איז געווען ביז אַ געוויסען גראַד אַן אָנהענגער פון דעם סאַדאַגורער חסידות, רעדענדיג אין זיין בוך „פון רבי'נס הויף" וועגען דעם דאָזיגען ענין, זאָגט אונטער אַנדערעם:

„דעם אמת געזאָגט, זענען טאַקע די מנהגים פון'ם ריזשינער בפרט און די רוסישע רביים בכלל, געווען צו פרעמד פאַר די אויפפאַסונג פון

גאַליציישע רביים מיט גאַליצישע חסידים. שוין די הלבשה אַליין פון די סאדאַגורער קינדער און זייערע פרויען, האָט געקענט ברענגען מאַנכע רביים ווי אויך גרויסע חסידים צו אַ הרהור נאָך דעם הייליגען צדיק.

„ווען האָט דאָס פריהער אַ גאַליציאַנער חסיד געזעהן אַ רבי פון טויזענדער חסידים זאָל טראָגען אידיש־מאָדערנע מלבושים, אַ ווייסען גע־פרעסטען קראַגען (קאלער) אַרומגערינגעלט מיט אַ שעהן שמאָל זיידען טיכעלע, אַ ראַשענדיג־פאַרבענדיגע זיידענע וועסט פאַרציערט מיט אַ לאַנגע גאָלדענע קייט, וועלכע האָט אָן איהר ענד געטראָגען אַ פּרעכטיגען גאָל־דענעם זייגער און אין דער מיטען, פונקט אַקעגען די ברוסט, אַ גאָלדענעם „רוקער" באַזעצט מיט דיאַמאַנטען? און היינטושע די געפוצטע שטיוואַלעך אָן וועלכע מען האָט זיך ממש געקענט אָנשפּיגלען. דאַצו פלעגט מען טאַקע אויך דערצעהלען, אַז ניט נאָר די קינדער, נאָר טאַקע דער רבי אַליין וואַשט זיך יעדען טאָג די הענט מיט'ן פּנים מיט שמעקענדיגע זייף. וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, אַז אַ רבי פון חסידים זאָל זיך וואַשען מיט זייף, פאַרקעמען שעהן די האָר און נאָך דאַצו האָבען קורצע פאות, וועלכע גרייכען קוים ביז אין דער מיטען פון די אויערען?

„מילא דער רבי יאַק דער רבי, דאָס וואָלט שוין אפשר געווען צו דערליידען. די מאָדערנע קליידונג פון דער רביצין און איהרע טעכטער און שנירען און די זיידענע און סאַמעטענע מלבושים פון די יונגע קינדער־לעך, ממש ווי פּרינצלעך, דאָס האָט שטאַרק אינערליך דערקוטשעט די פרומע נשמות פון די פאַר'דבק'טע חסידים. אָבער ווי ס'איז שוין פריהער געזאָגט, האָט מען אויפ'ן רבי'ן מיט די קינדער נישט געקענט מתרעם זיין, מחמת ס'האָט אַ יעדער געוואוסט, אַז די ריזשינער גזע האט אַ שיכות־משפחה מיט די מלאכים פון בית דוד, ובכן האָבען זיי אויך דאָס רעכט זיך צו פיהרען ווי „בני מלכים."

„די מורא זייערע איז אָבער געווען פאַר גאָר עפּעס אַנדערש. דער חסידישער עולם זאָל זיך נישט חלילה אָפּלערנען פון די רבי'ישע קינדער און זיך אָנהויבען אונטערשניידען צו ביסלעך די לאַנגע פאות, אויסטהאָן שיך־און־זאָקען און אָנטהאָן געפוצטע שטיוואַלעך, געפּרעסטע העמדער, וועסטלעך און אפשר נאָך לאַנגע הויזען אויך.

„באַזונדערס איז זיך געווען צו שרעקן פאַר די פרויען, מחמת „נשים דעתן קלות“ און זיי וועלן זיך בשום אופן נישט לאָזען פאַרדרעהען אַ ספּאָדיק, אַז דאָס איז אַזאַ מין הויכער דרך נאָר פאַר רבישע קינדער. אַז די רביצין מיט די קינדער מעגען זיך אַזוי קליידען, מעגען מיר אודאי און אודאי.“

קאַפּיטעל 25

די געגנערשאפט צו דער מאדערנער הלבשה און דעם הערשאפטליכען פיהרעכץ פון ר׳ ישראל׳טשי און זיין בני בית פארגרעסערט זיך. — דער דזיקאווער צדיק צייגט ארויס זיין געגנערשאפט צו ר׳ ישראל׳טשיס הנהגה. — די אמונה אז משיח וועט קומען אין יאהר כת״ר. — ר׳ אליעזרל דזיקאווער שווערט אז משיח וועט נישט קומען און ראטעוועט די אמונה.

די דאָזיגע מחשבות, אַז דאָס סאַדאַגורער חסידות קען שעדיגען דעם דת היהדות חס ושלום, האָבען געבויערט ווי אַן עגבער די מוחות פון מאַנכע גאַליציישע צדיקים און זיי האָבען דאַריבער נישט געהאַט קיין מנוחת־הנפש. פאַר גאַליציען איז אַזאַ דרך געווען צו הויך.

דער רבי ר׳ אליעזר פון דזיקאָוו, דעם אַלטען ראָפּשיצער צדיק׳ס אַ זוהן, האָט זיך נוהג געווען יעדען ראש־השנה צו מאַכען אַ „מי־שברך" פאַר אַלע צדיקים אין דור. לויט ווי ער אַליין האָט מסדר געווען די אָרדנונג פון די נעמען, האָט ר׳ הירש סופר אויפגעשריבען אַלע פאַר ראש־השנה אויף פּאַרמעט די נעמען פון אַלע צדיקים מיט די נעמען פון זייערע מוטער׳ס. דאַן ווען דער רבי ר׳ אליעזר האָט עולה לתורה געווען, האָט ער לעזענדיג אַראָפּ פון דיעזע ליסטע פאַר יעדען פון זיי געמאַכט אַ „מי שברך".

פיעל יאָהרען איז דער נאָמען ישראל בן חוה (דאָס איז דער נאָמען פונ׳ם ריזשינער און זיין מוטער) געווען דער ערשטער אויף דער ליסטע, און נאָך איהם זענען ערשט געקומען די איבעריגע צדיקי הדור.

אינם יאָהר תרי״א האָט פּלוצים ר׳ אליעזר משנה געווען דעם סדר. ערב ראש־השנה, האָט דער דזיקאָווער געשיקט רופען דעם סופר ר׳ הירש און איהם געפרעגט אויב ער האָט שוין פאַרטיג געמאַכט די רשימה פון די צדיקים.

„זי איז שוין פאַרטיג" — האָט ר׳ הירש סופר געענטפערט.

„וועמעס נאָמען האָסטו צום ערשטען געשטעלט?" — האָט איהם דער רבי געפרעגט.

אַזוי ווי תמיד — האָט ר' הירש געענטפערט — דעם נאָמען פון ר' ישראל'טשי ריזשינער. דער רבי האָט דאָך מיר אַזוי געהייסען!"

„וואָס? דו ווילסט מיר שוין דעות זאָגען — האָט זיך אויף איהם דער רבי ר' אליעזר אַ בייזער געטהאָן — שרייב צום ערשטען דעם נאָמען „חיים בן מרים" (דער נאָמען פון סאַנזער רב), די אָנהויב אותיות פון דעם דאָזיגען נאָמען זענען די זעלבע אָנהויב פון די דריי ווערטער „מכלכל חיים בחסד" (גאָט שפּייזט די לעבעדיגע מיט זיין גנאָד). — (יצחק אבן)

איבער די סיבה פון דער דאָזיגער ענדערונג איז פאַראַן חלוקי דעות. מאַנכע חסידים באַהויפּטען, אַז דאָס איז געווען ווייל ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבען צו ציינען אין גאַליציען די פאָלגען פון דער סאַדאַגורער מאָדערנער הלבשה. דאַגעגען אָבער באַהויפּטען די גרעסערע און מעהר ערפאַהרענע חסידים, אַז דאָס איז געווען גאָר פשוט, ווייל ר' אליעזר האָט געזעהן ברוח הקודש אַז באַלד נאָך ימים טובים וועט דער ריזשינער נסתלק ווערען.

אַ חסידישע אגדה דערצעהלט, אַז ראש השנה, אין יאָהר תרי"א, האָט ר' ישראל'טשי געזאָגט צו זיינע מקורבים, אַז ער האָט געהערט דאָס בלאָזען פון „שופר של משיח". דערמיט האָט ער געגעבען אַ רמז (אַ צייכען) אַז די צייט זיינע איז געקומען און אַז מען רופט איהם צוריק אויפ'ן עולם העליון. ווייל דאָס דור איז נישט ראוי (ווערט) אַז די גאולה זאָל קומען.

דריי טאָג אין חודש חשון, אין דעם זעלבען יאָהר, איז די ברוויזענדע נשמה, וועלכע האָט אויפגעשטורעמט די גאַנצע וועלט, צוריק צו איהר באַשעפער. ר' ישראל'טשי איז נסתלק געוואָרען.

מיט ר' ישראלטשי'ס הסתלקות האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייער פרק אין סאַדאַגורער חסידות. מען מעג זאָגען דער מורא'דיגסטער פרק.

כדי די געשיכטע זאָל זיין פולקאָמען, איז וויכטיג דאָ פאָרצושטעלען אויך דעם רבי'ן ר' אליעזר'ל פון דזיקאָוו, וועלכער איז געווען דעם סאַנזער'ס אוהב נאמן.

דער רבי ר' אליעזר'ל, ווי שוין דערצעהלט, איז געווען דער עלטסטער

זוהן פון דעם ראָפּטשיצער צדיק, ר' נפתלי זצ"ל. לכתחילה האָט ר' אליעזר'ל באַשלאָסען צו ווערען אַ סוחר און נישט קיין רבי פון חסידים. מען האָט אָבער מן השמים איהם געצוואונגען צו ווערען אַ גוטער איד. און ער איז באמת געוואָרען מיט זיין קדושה וטהרה, און מיט זיין חכמה, איינער פון די גרעסטע גוטע אידען פון דור.

עס איז ווערט צו באַמערקען, אַז בעת זיין גרויסער פאָטער, דער ראָפּטשיצער, איז נפטר געוואָרען, און חסידים האָבען געוואָלט קרוינען ר' אליעזרל'ן אַלס דער ממלא מקומו פון זיין פאָטער, האָט ר' אליעזר'ל זיך ענטזאָגט אָנצוטהאָן דעם פאָטער'ס קרוין, באַהויפּטענדיג בפני כל עם ועדה, אַז זיין שוואָגער ר' אשר'ל (דעם רבי ר' נפתלי'ס אַן איידעם), איז מעהר ראוי צו דער קרוין ווי ער ר' אליעזר'ל. אָט אַזוי האָבען זיך געפיהרט פאַרצייטיגע גוטע אידען.

ר' אליעזר'ל איז שפּעטער געוואָרען דזיקאָווער רב, און איינער פון די גרעסטע רביים פון דור.

אַלטע חסידים פלעגען דערצעהלען אַ גאַר מעשה נורא וועגען דעם דאָזיגען צדיק ר' אליעזר'ל דזיקאָווער.

ווי באַקאַנט, איז יאָהרען לאַנג פאַרשפּרייט געוואָרען צווישען אידען די אמונה, אַז משיח וועט קומען אין יאָהר כת"ר (1860), עס האָבען זיך געפונען פרומע אידען, און זאָגאַר גרויסע רבנים און לומדי תורה, וואָס האָבען געפונען רמזים (אָנדייטונגען) אין דער תורה, אין גמרא און מדרשים, און אין זוהר, אַז משיח מוז דאָס יאָהר קומען. די אמונה איז געווען אַזוי גרויס, אַז אידען האָבען פאַרנאַכלעסיגט זייערע געשעפטען און געוואַרט מיט בענגעניש, אַז דאָס יאָהר כת"ר זאָל שוין קומען.

ענדליך איז דער לאַנג ערוואַרטעטער שנת כת"ר געקומען.

דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט סכות פון יענעם יאָהר. ר' אליעזר'ל דזיקאָווער איז געזעסען אין זיין גרויסער סוכה, אַרומגערינגעלט פון כמה וכמה הונדערטער חסידים וואָס זענען צו איהם געקומען אויף יום טוב. דער טיש איז געווען אַ פּחדים'דיגער. ר' אליעזר'ל איז געזעסען אין אַ שטענ־דיגער דבקות. מען האָט געזעהן, אַז עס האַלט ביי כלות הנפש. פּלוצלינג האָט זיך ר' אליעזר'ל אויפגעשטעלט, אויסשרייענדיג מיט התלהבות: רבונו של עולם, מיר בעטען פון דיר "הרחמן הוא יזכנו לישב בסוכת עורו של לויתן".

דו, דערבארעמדיגער גאָט, זאָלסט אונז מזכה זיין צו זיצען אין דער סוכה פון דער פעל פון לויתן. רבונו של עולם, שיק אונז משיח'ן, נאָר נישט אין דעם האַ־יעהריגען יאָהר, שנת כת"ר.

אַ שרעק איז דורכגעלאָפען אַלע אָנוועזענדע חסידים. דער רבי איז ווידער אַריינגעפאַלען אין אַ שטאַרקע דבקות. קומענדיג צו זיך, האָט ר' אליעזר'ל אויסגעשריגען מיט אַלע זיינע כחות:

„רבותי, אתם עדי, איך שווער אַז דאָס יאָהר וועט משיח נישט קומען."

אַ שוידער איז דורכגעגאַנגען דורכ'ן גאַנצען עולם, ווי זיי האָבען דאָס דערהערט. זייערע גאַנצע האָפנונג אויף דעם גליקליכען כת"ר איז מיט איין מאָל צושטערט געוואָרען. אַז דער הייליגער דזיקאָווער האָט געשוואוירען, וועט אודאי מקוים ווערען. וואָרים „צדיק גוזר והקב"ה מקים". דער רבי האָט זיך צוריקגעזעצט צום טיש. גלייך עס וואָלט גאָר נישט געשעהן. פון די חסידים האָט קיינער נישט געוואַגט צו פרעגען דעם רבי'ן אויף די אורזאַך פון דיעזער שרעקליכער שבועה. שפעטער, אין אַ צייט אַרום ביי אַ שעת הכושר, האָט עס געוואַגט זיין עלטסטער זוהן ר' מאיר'ל איהם צו פרעגען דעם טעם פון דער שבועה. דער פאָטער האָט איהם ערקלעהרט, אַז ער האָט דאָס געטהאָן לשם שמים. „די אמונה אַז משיח וועט דאָס יאָהר קומען, איז געווען צו שטאַרק, אַזוי, אַז ווען ער וואָלט נישט געקומען, וואָלט חלילה נתרבה געוואָרען אפיקורסים, טאַקע צווישען די חסידים אַליין. אום דאָס צו פאַרמיידען, האָב איך געזאָגט אַז ער וועט זיכער דאָס יאָהר נישט קומען. — די שולד וועט אַלזאָ בלייבען אויף מיר, די אמונה וועט אָבער דערפון נישט ליידען".

ווי איך האָב שוין דערצעהלט, איז דער דאָזיגער רבי ר' אליעזר'ל געווען אַן אוהב נאמן פון סאַנזער צדיק. און נישט נאָר אַן אוהב נאמן, נאָר אַ פיינדליגער אָנהענגער. אַלטע חסידים פלעגען דערצעהלען, אַז איינמאָל ראש השנה ביים טיש, האָט דער רבי ר' אליעזר'ל שטאַרק געוויינט. אויף דער פראַגע פון זיין עלטעסטען זוהן ר' מאיר'ל, וואָס די סיבה פון זיין וויינען איז, האָט ר' אליעזר'ל געענטפערט: „מיין קינד, ווי זאָל איך נישט וויינען, ווייסענדיג אַז אין סאַנז איז דאָ אַן אור עולם, אַן איש אלקים קדוש, און איך בין נישט ביי איהם ראש השנה".

אָט איז אַן אַנדערע געשיכטע וועגן דעם סאַנזער און דזיקאָווער, וועלכע חסידים דערצעהלען מיט התלהבות:

אין ריישא (זשעשאָוו) האָט געוואוינט אַ מסור, וועלכער פלעגט רודף׳ן און מסר׳ן אַלע גוטע אידען. באַזונדערס פלעגט ער רודף׳ן דעם דזיקאָווער צדיק ר׳ אליעזרל׳ן. ר׳ אליעזרל האָט געשריעבן דעם סאַנזער צדיק אַ בריעף, בעטענדיג אַז דער סאַנזער זאָל מתפלל זיין, אַז דער מסור זאָל איהם אויפהערען מצער צו זיין. ר׳ אליעזרל האָט זיך באַנוצט אין דעם בריעף מיט דעם לשון פון דער גמרא „קא מצערי לי טובא" (גיטין דף ז׳). דער סאַנזער האָט איהם געענטפערט מיט דעמזעלבען לשון פון דער גמרא: „דום לד׳ והתחולל לו, דום לד׳ והוא יפילם לפניך חללים חללים". דאָס הייסט, אַז די מוסרים וועלען איינגעהמען אַ מפלה.

איינמאָל איז אַ ריישער איד געקומען צו לויפען קיין דזיקאָוו דער־צעהלענדיג דעם רבי׳ן, אַז דער מסור איז אַוועק קיין לעמבערג צום שטאַט־האַלטער, צו מסר׳ן דעם רבי׳ן. ר׳ אליעזר׳ל האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און האָט זאָפאָרט געשיקט אַ שליח מיוחד קיין סאַנז, בעטענדיג אַז דער סאַנזער זאָל מתפלל זיין, אַז דער מסור זאָל איהם נישט קענען קיין שלעכטעס טהון.

דער סאַנזער האָט אָנגעשריעבן אַ בריוואַלע צום דזיקאָווער, ער זאָל זיך גאָר נישט שרעקען. געענדיגט האָט ער דאָס בריוואַלע מיט די ווערטער: „כמדומה לי שכבר מת המלשין". מיר דוכט, אַז דער מסור איז שוין געשטאָרבען.

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט מען אויסגעפונען, אַז דער מסור אַריינגעהענדיג אין דעם שטאַטהאַלטערס קאַנצליי איז געפאַלען טויט אויף די שטיגען.

„אַ ריינער רוח הקודש" — האָט ר׳ אליעזר׳ל געזאָגט צו זיינע חסידים.

ווען מען האָט דעם סאַנזער צדיק דערצעהלט וועגן דעם דאָזיגען מופת, האָט דער סאַנזער געשמייכעלט, באַמערקענדיג: „עס איז געווען נישט מעהר ווי אַ פּלטת הקולמוס. די ווערטער „כמדומה לי שכבר מת המלשין" האָבען זיך נישט ווילענדיג אַרויסגעגאָסען פון דער פעדער".

דער רבי ר׳ אליעזר׳ל איז נפטר געוואָרען אין שנת תרכ״ב. ער האָט איבערגעלאָזט פיער זיהן. אַלע זעהנען שפּעטער געוואָרען גרויסע חסידישע

רביים פון טויזענדער חסידים. די גרעסטע פון זיי זענען געווען ר׳ מאיר׳ל, דער בכור און ממלא מקומו פון פאָטער, און ר׳ משה׳לע ראָזוואַדאָווער רב.

און מערקווירדיג! הגם דער רבי ר׳ אליעזר׳ל איז געווען איינער פון די פייערדיגסטע אָנהענגער פון סאַנזער צדיק, האָט אָבער דאָך נאָך זיין פטירה אויסגעבראָכען ביי זיינע צוויי זיהן, ר׳ מאיר׳ל דזיקאָווער און ר׳ משה׳לע ראזוואדאָווער אַ שטיקעל מחלוקה מיט דעם סאַנזער.

די סיבה פון דער מחלוקה איז נישט גענוי באַקאַנט. אַלטע חסידים פלעגען זאָגען, אַז די סיבה איז געווען ר׳ ברוך׳ל רודניקער, דעם סאַנזער׳ס פערטער זוהן.

ר׳ ברוך׳ל רודניקער, ווי איך האָב שוין דערצעהלט, איז געווען דעם סאַנזער׳ס ליעבלינג. ר׳ ברוך׳ל איז באמת געווען אַ מוח נפלא. אַ גרויסער חכם און אַ גרויסער למדן. זיין פאָטער האָט ער געהאַלטען נאָך גרעסער פון בעל שם טוב. ער האָט געגלויבט באמונה שלמה, אַז זיין פאָטער איז גרעסער פון אַלע גוטע אידען וואָס זענען געווען ביז איהם. און אַזוי לאַנג זיין גרויסער פאָטער איז אויף דעם עולם, טאָר קיינער נישט זיין קיין רבי פון חסידים. ער האָט דאַריבער גערודפ׳ט אַלע גוטע אידען פון דור. אויסער די, וואָס האָבען אָנערקענט זיין פאָטער אלס זייער רבי׳ן. געהויבענע חסידים פלעגען זאָגען, אַז ר׳ ברוך׳ל רודניקער האָט די נשמה פון ר׳ ברוך׳ל מעזיבעזער, דעם בעל שם׳ס אַן אייניקעל, וועלכער האָט געגלויבט, אַז נאָך זיין זיידענס, דעם בעל שם׳ס פטירה, טאָר קיינער מעהר נישט זיין קיין רבי פון חסידים, און פלעגט רודפ׳ן אַלע גוטע אידען פון זיין דור.

ווען די זיהן פון רבי׳ן ר׳ אליעזר׳ל זענען געוואָרען רביים פון חסידים, איז ר׳ ברוך׳ל רודניקער אַרויס געגען זיי בחרב ובחנית. סטייטש! זייער פאָטער האָט עדות געזאָגט אויף דעם סאַנזער, אַז ער איז גרעסער פון „חוזה", און זיינע קינדער זאָלען ווערען רביים, טאַקע אין דער סביבה פון דעם סאַנזער צדיק? דאָס האָט ר׳ ברוך׳ל רודניקער נישט געקענט מוחל זיין. ער איז דאַריבער אַרויס אין אַ פייערדיגע מחלוקה געגען אַלע פיער זיהן פון ר׳ אליעזר׳ל דזיקאָווער. הויפטזעכליך אָבער, האָט ער גערי
כטעט זיינע פיילען געגען ר׳ משה׳לע, דעם ראָזוואַדאָווער צדיק, וועלכער איז געווען זיין אייגענער שוואָגער. (ר׳ ברוך׳ל רודניקער און ר׳ משה׳לע

ראַזוואַדאָווער זענען ביידע געווען איידעמעס פון דעם סיגעטער צדיק ר׳ זלמן ליב טייטעלבוים, זכרונו לברכה).

ר׳ משה׳לע ראַזוואַדאָווער איז באמת געווען דער פעהיגסטער פון אַלע ר׳ אליעזרל׳ס זיהן. (הגם ר׳ מאיר׳ל דזיקאָווער, זיין עלטערער ברודער איז געווען אַ גרעסערער למדן). ר׳ משה׳לע איז געווען אַ גרויסער בעל מדריגה, און זיינע חסידים האָבן איהם געהאַלטען עולם ומלואו.

איך וויל מיך דאָ באַדיענען מיט אַ שילדערונג וועגען דעם ראַזוואַדאָווער צדיק, פון דעם פאַרשטאָרבענעם חסידישען שריפטשטעלער יצחק אבן, וועלכער איז אין זיינע יונגע יאָהרען געווען אַ פייערדיגער ראַזוואַדאָווער חסיד.

דעם ראַזוואַדאָווער רבינ׳ס כח פון עבודת ד׳ איז בעשטאַנען אין די צוויי ענטגעגענגעזעצטע עקסטרעמען, פון נגינה און בכיה, זינגען און טאַקע דערביי זעהר ביטער וויינען.

ווי שוין בעקאַנט בעשטעהט די שיטה פון ראָפּטשיצער רבי׳סטווע איבערהויפּט נאָר אין נגינה. דיעזעס האָט מען אָבער בעזאָנדערס געקאָנט ארויסזעהן אין ראַזוואַדאָוו. כמעט דאָס גאַנצע דאַווענען פון שבת, יו״ט, ר״ה און יו״כ איז געוואָרען געזונגען אם מייסטען טאַקע פונ׳ם „רב״ זעלבסט. דער „רב״ ז״ל איז געווען א שטאַרקער בעל מנגן, זיין קול איז געווען „שאגת ארי״, אָבער מיט אַ מין מתיקות, וועלכעס איז זיך ממש צוגאַנגען אין אַלע אברים פון די צוהערער.

אזוי ווי ער האָט אָנגעהויבען זינגען, האָבען זיך תיכף אָנגעהויבען גיסען די טרערן ווי א קוואַל אויף זיין פנים, און דאָס זינגען האָט אָנגענומען אַ טרויעריגע לירישע מראה, אַ מין שמחה געמישט מיט עצבות, אזוי, אז דער גאַנצער עולם האָט געמוזט מיטוויינען, אויב מען האָט געוואָלט אָדער ניט, און קיינער האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס אייגענטליך ער וויינט. איך שמועס שוין ניט פון די שטעלען אין די תפילות וואו שוין דער ענין אליין גיבט די געלעגענהייט צו עצבות און איז מעורר צו וויינען; ביי אזאַלכע שטעלען איז ממש געווען חורבן בית המקדש.

אז ער איז געקומען, למשל אין די סליחות, וועלכע ער האָט אליין מתפלל געווען פאַר׳ן עמוד, צו דער תפלה: והנה כל הגוים שלוים ושקטים ועמך ישראל דוויים, סחופים ומדולדלים א. ז. וו. וואָס עס הייסט, אַז „אַלע פעלקער זיצען זיך רוהיג און זיכער, נאָר דיין פאָלק ישראל איז פאַרוועה-

טאָגט, פּאַריאָמערט און פאַרקלאָגט", האָט ער אויסגעבראָכען אין אַ מין היסטערישעם געוויין, אַז אַלע טויזענדער צוהערער זענען געוואָרען ווי עלעקטריזירט, און ווי אַ פּלוצליכער שטורם האָט מיט אַמאָל אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער יאָמער פון דעם גאַנצען בית-המדרש, באַזונדערס פון עזרת נשים, אַז דער גאַנצער עולם איז כמעט געוואָרען צוגאַנגען אין אַ ים פון טרעהרען.

ווי געזאָגט איז ביי אַזעלכע שטעלען גאָר נישט קיין חידוש וואָס מען ווײנט, עס ווײנט זיך אַליין אויך נישט ווילענדיג; אָבער אויך אים יום-טוב, ווען דער אויר איז מלא שמחה, באַזונדערס אים פּסח, ווען די שכינה האָט ממש גערוהט ביים סדר-טיש, און יעדער חסיד האָט געזעהן מיט אָפענע אויגען דעם אָפּגלאַנץ פּונ'ם „אור אין סוף", דעם תענוג „מעין העולם הבא", וואו די צדיקים וועלען זיצען אַרום דעם גרויסען טיש אָנגעטהאָן אין קרוינען, די שכינה אויבען אָן, און אַלע וועלען זיך קוויקען און שעפּען חיות פון איהר גלאַנץ, — אויך דאַמאָלס איז די שמחה געווען פול מיט געוויין. דעם סדר האָט מען אָנגעפיהרט מיט בלויז בכיות און יעדער, אויך די פרויען, וועלכע זענען געזעסען ביים צווייטען טיש, אויך די סתם צוקוקער פון די שטאָדטישע בעלי-בתים האָבען מיטגעווײנט.

אַלטע חסידים האָבען באַהויפּטעט, אַז דער ראַזוואַדאָווער האָט געהאַט אַ שורש פון דער ווײנענדיגער נשמה פון'ם נביא ירמיה; דיעזען שורש נשמה האָט ער געזאָלט איבערנעהמען ביי זיין עלטער-שווער ר' משה טייטעלבוים, ביי וועמען ער האָט נאָך זיין חתונה געגעסען קעסט אַן ערך פון זעקס וואָכען.

אַז דער הייליגער אוהלער — אַזוי האָט מען גערופען ר' משה טייטעלבוים, דעם רבי'ן פון אוהעל, אַ שטאָדט אין אונגאַרן, — האָט געהאַט די נשמה פון ירמיה הנביא, איז געווען ידוע לכל, וואָרים אַלע רבי'ס האָבען דאָס אויף איהם מעיד געווען. כל ימיו האָט ער געוואַרט אויף משיח'ן. ביים שלאָפען-לייגען האָט ער זיך תמיד אָנגעגרייט ביים בעט די בגדי יום-טוב מיט'ן זילבערנעם שטעקען, און אָנגעזאָגט דעם גבאי, טאָמער וועט ער, דער גבאי, פריהער דערהערען דעם שופר של משיח, זאָל ער איהם תיכף אויפוועקען; ביי יעדען קליינעם רעש, ביי אַ פּלוצליכעם אויפמאַכען פון דער טהיר פון זיין חדר, האָט ער שוין געכאַפּט דעם

זילבערנעם שטעקען און געוואָלט לויפן אַקעגען משיח'ן. דעריבער האָבן אַלע צדיקי הדור באַהויפטעט, אַז ער האָט נשמת ירמיה הנביא. מעגליך אַז דאָס חלק נשמה איז שפּעטער איבערגעגאַנגען בירושה צו זייַן אור=אייניקעלס מאַן.

דיעזער אוהלער רבי, איז געווען אַ גאַנץ באַזונדערער „טיפּ“ צווישן די רבי'ס, אַ מין אונגאַרישער רבי. ער האָט נישט געפעהלט אפילו אַ נקודה קטנה פון דעם שלחן ערוך; ער האָט אָפּגעהיט דעם ריכטיגען „זמן תפלה“, נישט חלילה צו דאַווענען שפּעט ווי די פּוילישע רבי'ס, וועלכע זענען תמיד עובר „קריאת=שמע“. זייַן איידעם ר' ליבוש ווישניצער, אַ גרויסער רבי, איז געווען אַ לובלינער און אַ ראָפּשיצער תלמיד. ער האָט זיך נוהג געווען שפּעט צו דאַווענען, ווי זייַנע רבי'ס. און דאָס האָט זייַן שווער, דעם אוהלער צדיק, זעהר געקרענקט. סטייַטש, זייַן אַ רבי און עובר זייַן זמן קריאת=שמע! — ויהי היום, האָט זיך דער אוהלער נישט מעהר געקענט איינהאַלטען און האָט דעם איידעם אין אַ בריעף גוט אָפּגע'מוסר'ט, און איהם באַוויזען מיט ראיות, אַז ווער עס איז עובר אפילו אויף איין איינ=ציגען דין פונ'ם שלחן ערוך, איז יורד לגיהנם.

דער ווישניצער רבי, וועלכער האָט גע'ירש'נט פון זייַן רבי'ן די ראָפּ=טשיצער חכמה'לאַך, האָט דעם שווער געענטפערט אַ בריעף מיט פאָלגענדען אינהאַלט:

„עס איז אמת מייַן ליעבער שווער, אַז איהר, וואָס איהר דאַוועגט „כעלות“, וועט זייַן אין גן=עדן; איך אָבער, וואָס פאַרשפּעטיג תמיד זמן קריאת=שמע, וועל זייַן אין גיהנם. אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייַך, ווען וועט איהר דאָרט טרעפען אין גן=עדן, מן=הסתם נאָך אַזעלכע חברה=לייַט וועלכע דאַווענען „כעלות“, ווי למשל, בערל קצב, חצקיל בעל עגלה, שמעיה רופא, בנימינ'דעל לאַטוטניק און נאָך כהנה; איך ווידער וועל מיך אין גיהנם צוזאַמענטרעפען מיט אַלע, וועלכע זענען עובר זמן קריאת=שמע. ווי למשל, דער הייליגער לובלינער, דער קאָזיניצער מגיד, דער רבי ר' מלך מיט'ן ברודער ר' זישע און טאַקע מיט מייַן רבי'ן דעם ראָפּשיצער. עס איז פאַר מיר בעסער צו זייַן מיט די צדיקים צוזאַמען אין גיהנם איידער מיט אייערע חברה=לייַט צוזאַמען אין גן=עדן.“

דער ראָזוואַדאָווער ז"ל האָט געהאַט אַ גרויסען כח אין שמועסען

חסידות מיט זייַנע יונגע לייַט. אַלע טאָג פאַר'ן דאַווענען פלעגען די היימישע יונגע לייַט, איך אויך צווישען זיי, אַרייַנגעהן אינ'ם פּאָרצימער פון זייַן פּראַווע־שטוב, דאָרט אַביסעל וואַרטען. באַלד איז דער רבי אַרייַנגעקומען אין קאַפּעל, מיט דער לאַנגער ליולקע־ציבעק, אין וועלכער עס האָט גע־שטעקט אַ ציגאַר. אַלע יונגע לייַט האָבען זיך אויסגעשטעלט אין אַ שורה און ער האָט שפּאַצירט דערצעהלענדיג מעשיות פון צדיקים און לערנענדיג די יונגע לייַט דרך החסידות. מאַנכע דבורים זענען זעהר טיעף געווען.

„השי"ת קען מען זעהן אומעטום, האָט אַמאָל אונז דער רבי געזאָגט, מען דאַרף נאָר האָבען אָפענע אויגען און איהם וועלען זעהן."

„שמחה מיט עצבות, האָט אַמאָל דער רבי געזאָגט, זענען „שתים שהן אחת", וואָס מעהר דער אמת'ער צדיק האָט שמחה פון דעם וואָס ער האָט שוין משיג געווען, באַקומט ער ווידער אַזוי פיעל עצבות פון דעם וואָס ער האָט נאָך נישט זוכה געווען משיג צו זייַן. די נשמה פונ'ם צדיק, וועלכע זעהט אַז עס איז דאָ אַ „תענוג אין סוף", האָט קיינמאָל נישט די ריכ־טיגע מנוחה. זי איז משתוקק נאָר ווייַטער און ווייַטער, דאַדורך קומט דאָס עצבות, וועלכעס איז נאָר אַן עצבות דקדושה. נאָר דורך דער נאַטירליך געבוירענער „מרה־שחורה", קען דער צדיק משיג זייַן מאַנכע טיעפע סודות פונ'ם אור אין סוף, וועלכע מען קען פון בלויז שמחה קיינמאָל נישט משיג זייַן. „אין אדם מת וחצי תאותו בידו" — יע מעהר דער מענש איז משיג, מעהר זעהט ער אַלץ אַרויס זייַן „אפס", זייַן גאָרנישט, אקעגען דעם גרויסען כח־אלקי, און וואָס גרעסער די נשמה איז, דעסטאָ מעהר פיהלט זי דאָס הינדערניס, מיט וועלכען דער גוף, מעג ער אויך זיין ווי אויסגעאַרבייט, פאַר־שטעלט איהר דעם וועג, און דערפון שטאַמט דאָס עצבות און די בכיה. גרויסע עצבות ווייזט אויף אַ גרויסע השגה."

דיעזע דבורים זענען געווען אַ גענינגענדער פּירוש אויף דער נאַטיר־ליכער מרה־שחורה פונ'ם ראָזוואַדאָווער צדיק. זייַן השגה און מוח איז פאַר דאָס געווען זעהר הויך.

חסידים דערצעהלען, אַז צום ראָזוואַדאָווער צדיק איז אַמאָל געקומען אויף שבת דער מערקווירדיגער רבי ר' אברהם שמחה'לע, דער איידעם פון דעם באַריהמטען צדיק ר' מרדכ'לי נאַדווערנער.

איך האָב דעם דאָזיגען רבי'ן געקענט. זייַן התנהגות איז באמת געווען

מערקווירדיג. ער פלעגט דאַווענען אַ גאַנצען טאָג און אָפט נאָך אין דער נאַכט אַריין. שבת פלעגט ער דאַווענען ביז שפעט אין דער נאַכט. סעודת שחרית, פלעגט ער עסען מוצאי שבת, דאַן פלעגט ער דאַווענען מנחה און עסען שלוש־סעודות, אַזוי אַז מעריב דאַווענען און פראַווען מלוה־מלכה פלעגט איהם אָפט אויסקומען זונטאָג אין דער פריה.

און הגם דאָס דאָזיגע פיהרעכץ איז געווען שלא על פי דין, האָבען איהם די גוטע אידען צו וועלכע ער פלעגט פאָהרען, שטאַרק מקרב געווען. און אפילו דער סאַנזער צדיק, וואָס איז געווען אַ שטרענגער שלחן ערוך־מענש, האָט איהם מקרב געווען פונקט ווי ער פלעגט מקרב זיין זיין שווער ר׳ מרדכ׳לי נאַדווערנער, וועלכער פלעגט זיך אויך אַזוי פיהרען. די גוטע אידען האָבען געוואוסט, אַז די דאָזיגע צדיקים, ר׳ מרדכ׳לי און זיין איידעם, טהוען אַלץ לשם שמים.

זייענדיג שבת ביים ראָזוואדאָווער צדיק, האָט דער ראָזוואדאָווער גע־פרעגט ר׳ אברהם שמחה׳לע: „זאָגט מיר איך בעט אייך, איך בין דאָך אויך אַ איד, און דאַווען אויך, פאַרוואָס ווער איך פאַרטיג מיטן דאַווענען אין צוויי אָדער דריי שעה אפילו אים שבת, און ביי אייך נעהמט עס צו באַלד דעם גאַנצען מעת־לעת?״

„אַן עושר — האָט ר׳ אברהם שמחה׳לע געענטפערט — עסט אויך ביי יעדער סעודה ברויט אַזוי ווי דער אָרימאַן; דער חלוק איז אָבער, וואָס דער עושר דאַרף זיך מיט׳ן ברויט נישט אָנעסען זאַט, ווייל ער באַקומט נאָך אַנדערע גוטע מאכלים, וועלכע שמעקען פיעל בעסער פון ברויט, ווערהענד דער אָרימאַן נעבעך מוז זיך באַגניגען אויסשליעסליך נאָר טאַקע מיט ברויט און ווידער מיט ברויט, ווייל קיין אַנדערע מאכלים האָט ער נישט. דאָס דאַווענען איז גלייך צו ברויט וואָס יעדער איינער, דער „צדיק״ מיט׳ן „פראָסטאַק״, מוזען עס פאַרזוכען. איהר ראָזוואדאָווער רב, האָט נאָך צו דעם ברויט אויך אַנדערע טהייערע מאכלים, ווי למשל, דבקות, תפיסת המוחין, און נאָך כהנה, מיט וואָס איהר קענט מפרנס זיין אייער נגידיש נפש דעם גאַנצען טאָג; איך בין נעבעך אַ ביעדנער אָרימאַן, מיין אָרים נפש האָט נישט מעהר ווי דאָס טרוקענע שטיקעל ברויט, דאָס דאַווענען, און דאַמיט מוז איך זיך דעם גאַנצען טאָג און אויך טאַקע ביי נאַכט מפרנס זיין.

די מחלוקה פון סאַנז געגען ראָזוואדאָוו איז אייגענטליך נישט געווען

פון דעם אַלטען סאַנזער צדיק גענען ראָזוואַדאָוו, נאָר פון זיין זוהן ר׳ ברוך׳ל, און אַזוי ווי ר׳ ברוך׳ל האָט געהאַט א געוואַלדיגען איינפלוס אויף זיין פאָטער, האָט נישט דער ראָזוואַדאָווער און נישט זיין עלטערער ברודער ר׳ מאיר׳ל דזיקאָווער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער גאון און צדיק, גע־קענט מעהר קומען צום סאַנזער צדיק, הגם אין די פריהערדיגע יאָהרען פלעגען זיי זעהר אָפט צו פאָהרען צום סאַנזער, זאָגאַר ביים לעבען פון זייער גרויסען פאָטער, דער רבי ר׳ אליעזר׳ל. זיי האָבען פשוט מורא געהאַט צו קומען קיין סאַנז, פאַר ר׳ ברוך׳ל רודניקער און פאַר דער הקפדה פון אַלטען צדיק.

עס איז אַ פאַקט, אַז בעת ר׳ מאיר׳ל דזיקאָווער האָט חתונה געמאַכט זיין זוהן ר׳ אהרלע ז״ל (נפטר געוואָרען אין קאַשוי, טשעכאָ־סלאָוואַקיי) מיט דעם סאַנזערס טאָכטער, איז ר׳ מאיר׳ל נישט געקומען אויף דער חתונה. ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם סאַנזערס הקפדה.

אויך דער ראָזוואַדאָווער איז געווען אַ מחותן מיט דעם סאַנזער. דעם ראָזוואַדאָווערס טאָכטער איז געווען פאַרהייראַט צום סאַנזערס אַן איי־ניקעל. (אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז זי געווען פאַרהייראַט צום איצ־טיגען סאַנזער רבי ר׳ ליבוש׳ל) און ווען די מחלוקה גענען ראָזוואַדאָוו האָט אויסגעבראָכען, איז די טאָכטער רחמנא לצלן געשטאָרבען. חסידים האָבען געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַן עונש פון סאַנזער צדיק.

ווער ווייס וואָס פון דער מחלוקה סאַנז־ראָזוואַדאָוו וואָלט געווען אַרויסגעקומען, ווען די מחלוקה גענען סאַדאַגורע וואָלט זיך נישט געווען צופלאַקערט מיט אַזאַ מורא׳דיגקייט. אַ מחלוקה וואָס האָט געהאַלטען דעם סאַנזער אין אַנשפרוך ביז זיין פטירה, ווי עס וועט דערצעהלט ווערען ווייטער.

קאַפּיטעל 26

ר׳ ישראל׳טשי ווערט נסתלק איבערלאָזענדיג די סאַדאַגורער דינאַסטיע צו זיינע זיהן. — סאַדאַגורער חסידות צוואַוואַקסט זיך, און די הויפען ווערען געפיהרט מיט נאָך מעהר לוקסוס. — דער סאַנזער צדיק פאַהרט אַליין דערגעהן דעם אמת. — ער באַזוכט אַלע סאַדאַגורער הויפען און קומט צוריק אומצופרידען. — ער שרייבט בריעף צו אַלע ר׳ ישראל׳טשיס זיהן, אויפצוגעבען דעם לוקסוס. — די מלחמה ווערט מוראַדיגער.

ר׳ ישראל׳טשי האָט איבערגעלאָזט זעקס זיהן און דריי טעכטער. די זיהן זענען געווען: ר׳ שלום יוסף׳ניו, אברהם יעקב׳ניו, ר׳ דוד משה׳ניו, ר׳ בערעניו, ר׳ נחום׳ניו און ר׳ מרדכי פייבניו. נאָר איין טאָכטער ר׳ ישראלטשיס האָט חתונה געהאַט פון אַ גוט אידישע משפחה. זיין איידעם איז געווען דער באַריהמטער גוטער איד, ר׳ מענדעלי וויזניצער, דעם צדיק ר׳ חיים׳ל קאָסאָווער׳ס זוהן. די איבריגע צוויי טעכטער האָבען חתונה געהאַט אין רייכע הייזער, אבער אויך מיוחס׳דיגע.

אַכט חדשים נאָך ר׳ ישראלטשי׳ס פטירה, איז אויך נפטר געוואָרען זיין זוהן ר׳ שלום יוסף׳ניו. ער איז נפטר געוואָרען אין לייפּציג, אויף זיין רייזע קיין קאַרלסבאַד, און איז אין לייפּציג נקבר געוואָרען. דער ממלא מקומו פון ר׳ ישראלטשי׳ן איז געוואָרען דער צווייטער זוהן, ר׳ אברהם יעקב׳ניו. די איבריגע זיהן האָבען אויפגעשטעלט זייערע רבי׳שע הויפען אין פאַרשיעדענע שטעדט אין גאַליציען און רומעניען. ר׳ דוד משה׳ניו אין טשאָרטקאָוו, ר׳ בערעניו אין ליאָווע (רומעניען), ר׳ נחום׳ניו אין שטיפינעשט, און ר׳ מרדכי פייבוש אין הוסיאַטין.

און מערקווירדיג, נישט נאָר האָט זיך דאָס סאַדאַגורער חסידות, מיט ר׳ ישראלטשי׳ס פטירה, נישט אָפּגעשוואַכט, נאָר אדרבה, עס האָט זיך פאַרשטאַרקערט. גאָר, גאָר, פאַרשטאַרקערט. אַנשטאַט איין הויף מיט צעהנדליגע טויזענדער חסידים, האָט יעדער הויף באַזונדער געקראָגען צעהנדליגע

טויזענדער חסידים. מיט אַזאַ פײַערדיגע אמונה, אַז די חסידים זענען ממש געווען גרייט זיך מוסר נפש צו זײַן, יעדער פאַר זײַן רבי׳ן. און אויך די רײַכטהימער און לוקסוס פון די הויפען האָבען זיך שטאַרק פאַרגרעסערט. יעדער הויף איז געווען פאַקטיש אַ קעניגליכער פּאַלאַץ.

די גאַליציאַנער גוטע אידען, וואָס האָבען שוין בחיי ר׳ ישראל׳טשי אין זײַנע לעצטע יאָהרען, אַרויסגעצייגט התנגדות (געגנערשאַפט) צו דעם הערשאַפטליכען לעבען, האָבען נאָך זײַן פּטירה אָנגעהויבען אַרויסצוצייגען זײַער התנגדות נאָך בולט׳ער. זיי האָבען אָנגעזאָגט זײַערע חסידים זיך מתרחק צו זײַן (דערווייטערען) פון סאַדאַגורער חסידים. זיי פלעגען בײַ זײַערע „טיש־תורה׳ס״ שטאַרק פאַרדאַמען לוקסוס און מאָדעס. אָבער נאָך אַלץ מיט דרך ארץ. דעם נאָמען „סאַדאַגורע״ האָבען זיי זעלטען דערמאָהנט. ערשטענס זענען טאַקע די סאַדאַגורער צדיקים געווען אין דער חסידישער וועלט די גרעסטע מיוחסים פון דור, און צווייטענס האָבען זיי פּשוט מורא געהאַט פאַר די הונדערטער טויזענדער סאַדאַגורער חסידים, וואָס זענען פאַהרען, ווי חסידים צו אַ רבי׳ן. הגם ער אַליין, האָט זיי באַטראַכט אַלס חברים, און נישט אַלס זיינע חסידים.

די פיער גרעסטע רבי׳׳שע דינאַסטיעס (אויסער סאַדאַגורע) זענען אין יענער צייט געווען: בעלז, זידיטשוב, דינוב און סאַנז. אַלע פיער זענען געגאַנגען אין איינעם און דעמזעלבען דרך, די שיטה פון בעל שם. תורה, עבודה, צדקה מיט מסירת נפש. דער סאַנזער האָט זיי אַלע איבערטראָפען. זיי האָבען זיך שפּעטער אַלע איהם אונטערוואָרפען און פלעגען צו איהם פאָהרען, ווי חסידים צו אַ רבי׳ן. הגם ער אַליין, האָט זיי באַטראַכט אַלס חברים, און נישט אַלס זיינע חסידים.

דער סאַנזער וואָס איז געווען אין אַלע זײַנע דרכים ממש אַ שטיק פײַער, ווי עס איז שוין דערצעהלט געוואָרען אין די פריהערדיגע קאַפּיטלעך, האָט ווי עס זעהט אויס, געפיהלט, אַז אויף איהם ליגט די פליכט, אַרויס־צוגעהן געגען דעם סאַדאַגורער פיהרעכץ, וואָס האָט אויסגעזעהן בײַ איהם און בײַ זײַנע חברים אַ גרויסע סכנה פאַר דעם אידישען דת. ער, דער סאַנזער, אין וועמעס אָדערן עס האָט גערונען דאָס בלוט פון זײַן זיידען, דעם פײַערדיגען „חכם צבי״, און וועלכער איז אַליין געווען אַן אַנערקענטער גאון, זאָגאַר פון די מתנגדישע גדולים, איז אויפגעקאָכט געוואָרען הערענ־

דיג די מעשיות וואָס מען האָט איהם דערצעהלט וועגען דעם הערשאַפטליכען לעבען פון די סאַדאַגורער הויפען.

נאַטירליך האָט מען אַ סך איבערטריבען, ווי שוין דער מנהג. אַזוי למשל, האָט מען איהם דערצעהלט, אַז די ווייבער פון די צדיקים פאָהרען פון צייט צו צייט קיין וויען און פאַריז, אום צו לאָזען נייהען זייערע קליידער לויט די לעצטע מאָדעס; אַז די ווייבער רייטען אויף די בעסטע רייט-פערד מיט ציגאַרען אין מויל; אַז זיי פאָהרען אַריין קיין טשערנאָוויץ אין די גוי'אישע טהעאַטערע, און שפּיעלען דערנאָך אין קאָרטען גאַנצע נעכט. אַז די רבי"ס גיבען נישט קיין צדקה, אַז די חסידים האָבען מבטל געוועזן לערנען און זיצען שטענדיג אין מסיבות, דערצעהלענדיג מעשה'לאַך פון זייערע גוטע אידען, און נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס זענען וואַהרשיינליך געוועזן אַ סך איבערטריבען.

דער סאַנזער האָט דאַריבער באַשלאָסען אַליין צו פאָהרען אין יענע הויפען, אום זיך צו איבערצייגען וואָס דאָרט קומט באמת אַזעלכעס פאָר.

וויסענדיג אַז אַזאַ באַשלוס וועט מאַכען אַ רעש אין דער חסידישער וועלט, איז דער אַלטער צדיק (דער סאַנזער איז שוין דאַן געוועזן הויך איבער די זיבציג) אוועק פון סאַנז אַז קיינער האָט כמעט גאָר נישט געוואוסט. מען האָט געוואוסט, אַז דער צדיק איז נישט אין שטאָדט, מען האָט אָבער נישט געוואוסט וואוהין ער איז געפאָהרען.

וועגען דער דאָזיגער נסיעה און וועגען זיין באַזוך ביי די סאַדאַגורער צדיקים, ווייס די געשיכטע ווייניג צו דערצעהלען. דער סאַנזער אַליין האָט וועגען דעם ענין קיינמאָל נישט געשפּראָכען. דאָס איינציגע וואָס חסידים דערצעהלען וועגען יענעם באַזוך איז, אַז בעת דער סאַנזער איז אַריינגעקומען צו דעם הוסיאַטינער, ר' מרדכי פייבוש, דער אינגסטער פון ר' ישראלטשיי'ס קינדער, האָט זיך דער יונגער צדיק פאַר דעם סאַנזער נישט אויפגעשטעלט, און האָט דעם אַלטען גאון אפילו נישט געהייסען זיך אַנידערזעצען. דער סאַנזער איז געשטאַנען עטליכע מינוטען אין דעם יונגען רבינ'ס צימער, און איז דאַן אַרויס נישט געזעגענענדיג זיך מיט דעם רבי'ן.

אַ טייל פון די סאַדאַגורער חסידים האָבען שפּעטער באַהויפּטעט, אַז די דאָזיגע עפּיזאָדע איז געווען די הויפּט-סיבה פון דער מורא'דיגער מחלוקה

פון סאַנזער געגען די סאַדאַגורער רביים. דער סאַנזער, האָבן זיי געזאָגט, האָט זיך פשוט געוואָלט נוקם זיין אין אַלע ברידער צוליעב דעם בזיון וואָס ער האָט געהאַט פון איינעם פון זיי. אַנדערע ערנסטערע חסידים, האָבן אַזאַ חשד אויף דעם סאַנזער נישט געוואַגט אַרויסצוואַרפן. זיי האָבן מלמד זכות געווען אויף דעם הוסיאַטינער, אַז וויסענדיג אַז דער סאַנזער איז געקומען נאָר „לקנטר" (צו קריגען) האָט ער זיך אויף דעם סאַנזער נישט אומגעקוקט.

צוריקקומענדיג פון זיין באַזוך, האָט דער סאַנזער זאָפאָרט געשריבן בריעף צו די פינף ברידער, אַז זיי זאָלען ענדערן זייערע דרכים. ער האָט געפאָדערט, אַז זיי זאָלען אויפגעבען די פאַרשווענדערישע לוקסוס, אַז זייערע פרויען און טעכטער זאָלען אויסטהאָן די מאָדעס, און דער גלייכען.

דער דאָזיגער בריעף האָט די סאַדאַגורער צדיקים געשמערצט ביז דעם סאַמע נפש. אַ קלייניגקייט! צו זיי, די גרעסטע מיוחסים פון דור, רביים פון צעהנדליגע טויזענדער חסידים, זאָל וואַגען אַ איד, מעג ער זיין אפילו דער גרעסטער גאון, צו שרייבן אַזעלכע דרייסטע בריעף!

אויסער ר' דוד משה'ניו, דער טשאָרטקאָווער צדיק, האָט קיינער פון די ברידער דעם סאַנזער נישט געענטפערט, און אפילו ר' דוד משה'ניו האָט אַליין נישט געענטפערט, נאָר דורך זיין גבאי, וועלכער האָט אין אַ קורץ בריוועלע געשריבן, אַז „די הייליגע ברידער פיהרען זיך פונקט ווי זייער גרויסער פאָטער, דער רבי ר' ישראל'טשי אויף וועמען דער סאַנזער גופא האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז אַ קדוש וטהור".

נישט קריגענדיג קיין ענטפער, איז דער סאַנזער שוין אַרויס אין אַן עפענטליכע מחלוקה. אָבער אַליין נישט אַזאַ, וואָס זאָל אַרויס פון גדר פון געוועהנליכע מחלוקות. דער סאַנזער האָט יענע צדיקים שוין נישט גערופען ביי די נעמען, נאָר ביי דעם נאָמען „די דייטשען". שפּעטער האָט ער זיי גערופען „די אפיקורסים". ער האָט אויך געגעבן אַ באַפעהל צו זיינע חסידים, אַז זיי זאָלען זיך מתרחק זיין (דערווייטערן) פון סאַדאַגורער חסידים. נישט דאַווענען מיט זיי צוזאַמען. און אפילו זיך נישט מתחתן זיין.

די דאָזיגע גזירה נאַטירליך, האָט ארויסגערופען צווישען די צוויערליי חסידים, אין די שטעדט און שטעדטלעך, מחלוקת'ן און רייסענישען. יעדער צד האָט געזוכט צו פאַרכאַפען די הנהגה פון דער שטאָדט אָדער שטעדטעל.

די גרעסטע צרות פֿלעגן פֿאָרקומען אין די בתי־מדרשים וואו בעלזער חסידים פֿלעגן דאַווענען צוזאַמען. אין אַ סך שטעדט האָבן זיך די חסידים צוטיילט אין „סאַנזער שטיבלעך“ און „סאַדאַגורער קלייזלעך“. דאָס האָט די מחלוקות נאָך מעהר צופֿלאַקערט. אָבער אַלץ נאָך מיט חסד. דאָס איז געווען געוועהנליכע מחלוקות׳ן וואָס קומען פֿאַר צווישען פֿאַרשיע־דענערליי חסידים אויך פֿון אַנדערע גוטע אידען.

קאַפּיטעל 27

א רבישע דראמא וואס האט אויפגעשטורעמט די גאנצע וועלט. — דער מורא־דיגער כל נדרי. — דער רבי ר׳ בערעניו לאזט איבער זיין רביסטווע און באזעצט זיך אין טשערנאוויטץ אין דר. רייטמאן׳ס הויז. — אין טשערנאוויץ שטראמען אריין אידען און קריסטען, וועלענדיג אויסגעפינען וואס דא קומט פאר. ערקלעהרונג וועגען דעם דראמא.

ווי שוין געזאָגט, וואָלט די מחלוקה פון סאַנז געגען סאַדאַגורע וואַהר־שיינליך נישט געווען אַרויס פון די גרעניצען פון געוועהנליכע רבי׳שע מחלוקות, וואָס זענען אַלגעמיינע ערשיינונגען אין חסידישען לעבען. האָט אָבער עטוואָס פּאַסירט וואָס האָט אויפגעשטורעמט נישט נאָר די גאַנצע חסידישע וועלט, נאָר ממש די גאַנצע אידישע וועלט. עטוואָס וואָס האָט דעם אויפברויזענדען פייערדיגען סאַנזער געגעבען אַ „ראיה לדבריו“, נאָך מעהר באַווייז, לויט זיין פייערדיגע אויפפאַסונג, אַז זיין מחלוקה געגען דעם סאַדאַגורער הערשאַפטליכען חסידות איז אַ באַרעכטיגטע, און די מחלוקה האָט זיך צופלאַקערט ממש ביז צו פאַרניכטונג.

* *

*

עס איז געווען יום כפור צו „כל נדרי“. אין יאָהר תרכ״ט איז עס געווען. דאָס גרויסע בית־המדרש פון ליאַווער צדיק, דער רבי ר׳ בערעניו, דער דריטער זוהן פון רבי׳ן ר׳ ישראל׳טשי, איז געפּאַקט מיט טויזענדער חסידים. דער חזן שטעהט שוין בײַם עמוד, גרייט אָנצוהויבען כל נדרי. אַלע הערצער ציטערען. אַלע אויגען זענען געריכטעט צו דער טהיר פון וואַנען דער רבי דאַרף אַרײַנקומען. אָבער דער רבי קומט נישט. פינסטערער און פינסטערער ווערט אין דרויסען, און שווערער ווערען די הער־צער. „לב יודע מרת נפשו“, דאָס האַרץ וויים, דאָס האַרץ פיהלט, אַז עטוואָס

מורא׳דיגעס קומט דאָרט פאָר, קיינער רעדט נישט, קיינער פרעגט נישט, דער מאָמענט איז צו טרויריג, צו שרעקליך.

ענדליך, און עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט אַריין דער רבי געפיהרט פון זיינע גבאים. לאַנגזאַם זענען זיינע טריט, און ווייס ווי קאַלך איז זיין צורה. דער גרויסער עולם דערזעהט איהם, און אַ שוידער לויפט דורך אַלעמענס גליעדער — דער טלית און קיטעל זענען אויף איהם צוריסען...

דער רבי געהט גלייך אין זיין חדר׳ל אַריין (סאַדאַגורער רבי׳ם דאַווענען נישט צוזאַמען מיט זייערע חסידים, נאָר אין אַ באַזונדער חדר׳ל וועלכעס שטעהט האַרט ביי דער מזרח־וואַנט פון זייערע בתי מדרשים). שטיל און האַרצרייסענד הויבט אָן דער חזן כל נדרי, און אַ שטילער און האַרצרייסענדער געוויין ברעכט אויס צווישען די מתפללים.

עס איז שוין נאָך כל נדרי. דער עולם ריהרט זיך נישט פון אָרט. אַלע בלייבען אין בית המדרש. טרויעריג און פאַרטראַכט. מען ווייס שוין אַ לענגערע צייט, אַז דער רבי איז נישט מיט אַלעמען. אַז זיין אויפפיהרעכץ איז עפעס מאָדנע. אַז ער וויל נישט אויפנעהמען זיינע חסידים, און וויל נישט זייערע פדיונות. מען ווייס אויך, אַז ער איז נישט שוה בשוה (אין פריינדליכע באַציהונגען) מיט זיינע ברידער, די צדיקים, און אַז זעהר אָפט קומט פאַר צווישען רבי׳ן און זיין פרוי טרויערעגע מחלוקות.

אַזוי איז אַוועק יום כפור, און סוכות. דער רבי האָט זיך נישט געוויזען פאַר די חסידים, און איבערן ליאַוועץ הויף איז געהאָנגען אַ טרויער. מען האָט געוואוסט, אַז דער רבי איז מעהר נישט אין ליאַווע, אָבער וואו ער געפינט זיך, האָט קיינער נישט געוואוסט.

פלוצלינג האָט מען אויסגעפונען, אַז ר׳ בערעניו געפינט זיך אין טשערנאָוויץ, ביי דר. יהודה ליב רייטמאַן אין הויז.

דר. רייטמאַן איז געווען אַן אַדוואָקאַט אין טשערנאָוויץ. ער איז געווען אַ פאַרצייטיגער משכיל און אַ תלמיד פון יוסף פערל, דער מחבר פון „מגלה טמירין". אַ מורא׳דיגער חסידים־פרעסער און אַ באַקאַנטער אפיקורס.

די דאָזיגע ידיעה האָט פאַקטיש אויפגעשטורעמט גאַנץ אייראָפּא. אידען און קריסטען. אַ קלייניגקייט, איינער פון די גרעסטע רביים פון דור, אַ זוהן פון רבי׳ן ר׳ ישראל׳טשי, דער גרעסטער גוטער איד אין זיין צייט, אַן אייניקעל פון מגיד הקדוש און פון מלאך הקדוש, ער, אין דר. רייטמאַן׳ס

הויז? — אַזאַ סענזאַציע איז אין דעם חסידישען לעבען קיינמאָל נאָך נישט פֿאָרגעקומען.

ווי אַ ווילד פֿייער האָט זיך די ידיעה פֿאַרשפּרייט אין אַלע ווינקאַלעך פֿון אייראָפּא. עס האָבען אָנגעהויבען אַרייַנשטראָמען אין טשערנאָוויץ טויזענדער חסידים, מתנגדים, משכילים, און צייטונגס־בעריכטערשטאַטער פֿון אַלע גרויסע שטעדט. יעדער האָט געוואָלט וויסען, יעדער האָט געוואָלט אויסגעפֿינען וואָס דאָ איז אַזוינס געשעהן.

דר. רייַטמאַן, וועלכער איז געווען אַנגעזעהן אין די רעגיערונגס קרייזען האָט געפּועל'ט ביי די רעגיערונג, צו שטעלען אַ פּאָליצײ־וואַך ביי זייַן הויז, כדי קיינעם נישט צוצולאָזען צו דעם „רבי'ן". דאָס נאַטירליך, האָט די פֿאַנטאַזיעס נאָך מעהר צוהיצט. מען האָט געזוכט, שפּעקולירט, און אַרויסגעלאָזען קלאַנגען, וואָס האָט אויפֿגעשטורעמט דאָס אידישע האַרץ.

וואָס איז אָבער באמת דאָרט אַזוינס געשעהען?

איידער איך געה פֿאָרטזעצען די מורא'דיגע פּאַסירונג „ר' בערעניו ליאַוווער", וויל איך דאָ מאַכען אַ פּערזענליכע ערקלערונג:

שרייבענדיג די דאָזיגע געשיכטע פֿאַר מייַן צייטונג „די אידישע וועלט" פֿון קליוולאַנד, האָבען מיר געפֿעהלט אייניגע וויכטיגע אויסקינפֿטע. נישט זייענדיג זיכער וועגען דעם אמת פֿון געוויסע פּאַסירונגען, וואָס ווערען דערצעהלט פֿון מויל צו מויל, האָב איך בעסער די דאָזיגע ענינים אַרויסגעלאָזט פֿון מייַן ערצעהלונג.

אין דער צווישען־צייט האָב איך אַרייַנגעקראָגען אַ העברעאיש ביכעלע, נאָר וואָס אָפּגעדרוקט, פֿון הרב מתתי' יחזקאל גוטמאַן, רב פֿון הושי, רומעניען. אַ פֿאָלשטענדיגע באַשרייבונג פֿון ר' בערעניו'ס לעבען און פֿון זייַן מורא'דיגער ניעדערלאַגע. דער נאָמען פֿון דעם ביכעל איז: „רבי דוב מליאובה, חייו, אישיותו ותורתו".

הרב גוטמאַן איז אַן אייניקעל פֿון בעל שם, און אַן אייניקעל פֿון ר' נחום'ל טשערנאָבלער. ער איז אויך אַ צווייג פֿון דעם ריזשינערס משפּחה. זייענדיג אַ רב אין דערזעלבער שטאָדט, אין וועלכער ר' בערעניו האָט אַ געוויסע צייט געלעבט און געווירקט (ר' בערעניו האָט געוואוינט עטליכע יאָהר אין הושי), איז עס געלונגען הרב גוטמאַן צו קריגען פֿאַקטען פֿון וועלכע די חסידישע וועלט האָט ביז איצט נישט געוואוסט. איך האָב געפֿונען אין הרב

גוטמאַן׳ס ספר׳ל וויכטיגע אויסקינפטע, וועלכע האָבען מיר געפעהלט בעת איך האָב געשריבען די ערצעהלונג פאַר דער „אידישער וועלט“. איך האָב דאַריבער געפונען פאַר וויכטיג, צו ענדערן און צוצוזעצען אייניגע פאַקטען און ערצעהלונגען פון דעם וואָס איז ערשיענען אין דער „אידישע וועלט“.

(י׳ ר׳)

אַלזאָ וואָס איז באמת אַזוינס געשעהן מיט ר׳ בערעניו, וועלכער האָט איבערגעלאָזט זיין חסידישען טהראָן פון כמה וכמה טויזענדער חסידים, און כבוד וגדולה, און איז אַריין אין אַ סביבה וואָס איז איהם געווען אַזוי פרעמד? — אין דר. רייטמאַן׳ס הויז?

כדי דעם דאָזיגען ענין גענויער צו פאַרשטעהן, מוז מען זיך באַקענען אַביסעל בעסער מיט דער לעבענס-געשיכטע פון ר׳ בערעניו גופא.

פון די גאָר יונגע יאָהרען פון ר׳ בערעניו, וויים די חסידישע געשיכטע וועניג וואָס צו דערצעהלען. די חסידישע געשיכטע ווייס איבערהויפט וועניג פון די יונגע יאָהרען פון אַלע ריזשינער קינדער.

ווי איך האָב שוין דערצעהלט, איז ר׳ ישראלטשי ריזשינערס הויז געפיהרט געוואָרען ממש מלכות׳דיג. מיט קעניגליכע דיסציפלין. אַלעס איז געווען באַשטימט פאָרויס. געוואויגען און געמאָסטען. הויפטזעכליך איז געווען שטאַרק דיסציפלינירט די ערציהונג פון די קינדער.

קוים איז אַ קינד געבוירען געוואָרען, האָט עס זאָפאָרט געקראָגען אַן ערציהער. עס האָט אויך געקראָגען אַנדערע משרתים, וועלכע האָבען געמוזט אַכט-געבען אויף דעם קינד ווי אויף דעם שוואַרץ-אַפּעל פון אויג. די משרתים האָבען זיך געדאַרפט באַציהען צו דעם קינד ווי צו אַ פּרינץ אָדער פּרינצעסין. קיין פרעמד אויג האָט אויף דעם קינד נישט געטאָרט פאַלען, אויסער מיט באַזונדערע ערלויבנים. און אַזאַ ערלויבנים איז געגעבען געוואָרען נאָר צו גאָר, גאָר נאָהענטע מקורבים, אָדער צו גאַנץ רייכע חסידים. פלעגען טאַקע רייכע חסידים געבען גרויסע סומען געלד צו זעהן אַ ניי געבוירען קינד אין דעם סאַדאַגורער הויף. איבערהויפט ווען דאָס קינד איז געווען אַ זכר.

עס דאַרף דאָ ווידער אַמאָל דערמאַנט ווערען, אַז סאַדאַגורער חסידים האָבען געגלויבט באמונה שלמה, אַז דער רבי ר׳ ישראל׳טשי איז דער אמת׳ר משיח. נאָר טאָמער וועט דער דור נישט ראוי זיין, וועט זיין איינער פון זיינע

קינדער משיח. איז אַלזאָ יעדער ניי־געבוירענער זכר געווען בחזקת משיח. און וועלכער חסיד וועט זיך דאָס נישט לאָזן קאָסטען אַלעס אין דער וועלט, צו זעהן משיח'ן אין וויעגאַלע?

האָבען זיך טאַקע געפונען רייַכע חסידים, וואָס האָבען זיך געלאָזט קאָסטען אוצרות, צו זעהן אַ ניי־געבוירען קינד אין סאַדאַגורער הויף. אַ חסיד וואָס האָט זוכה געווען אַזאַ קינד צו זעהן, פלעגט שטעהן פאַר דעם וויעגאַלע באימה וביראה.

גאַנץ באַזונדערס איז אויפגעפאַסט געוואָרען אויף די אינגאַלעך פון הויף. זיי זענען ערצויגען געוואָרען ממש ווי בני מלכים. „אַזוי ווי אַ אינגעל איז נאָר אַלט געוואָרען דריי יאָהר — דערצעהלט יצחק אבן — האָט מען עס אַרויסגענומען פון דעם רשות פון די גובערנאַנטקעס (ערציהערינס) און עס איבערגעבען אינ'ם רשות פון צוויי מענער משרתים, וועלכע האָבען באַדאַרפט אָפּהיטען דאָס קינד בייַ טאָג און בייַ נאַכט. ווי אויך אין דער האַנד פון אַ מלמד, וועמעס אויפגאַבע ס'איז געווען צו לערנען דאָס קינד עברי און דערצעהלען איהם רבי'שע מעשיות".

„די הלבשה פון די קלייַנע קינדער ביז צו בר־מצוה איז געווען אמת'דיג מעשה פרינצען. על פי רוב פלעגען זיי טראָגען גענעראַלסקע מונדירען, וועלכע זענען פאַרציערט געווען מיט אמת'ע גאָלדענע פראַנזען און דאַצו אָנגעגורט אין אַ שווערט מיט אַ גאָלדען הענטעל, וועלכע האָט געהאַנגען אויף אַ גאָלד־געשטיקטען גירטעל. אַ חוץ דעם פלעגען זיי טראָגען פאַר־שידענערלייַ אַנדערע מאָדנע פרינצליכע טראַכטען."

געוויזען פאַר דעם עולם, האָבען זיך די קינדער זעלטען ווען. און אויב מען האָט זיי שוין יאָ אַמאָל געזעהן, האָט קיינער נישט געוואַגט צוצוגעהן צו זיי פון דער נאָהענט. און ווער שמועסט שוין רעדען מיט זיי, האָט קיינער גאָר נישט אָנגעהויבען צו דענקען. אַזאַ זאַך וואָלט פשוט געווען אַ חלול הקודש.

ווייס דאַריבער די חסידישע געשיכטע ווייניג וואָס פון די אינגעל'ישע יאָהרען פון די סאַדאַגורער צדיקים.

ר' בערעניו'ס געשיכטע פאַנגט דאַרום אָן ערשט מיט זייַן חתונה.

ר' בערעניו איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר תקע"ז. ווען ער איז אַלט געוואָרען פערצעהן יאָהר, האָט ער חתונה געהאַט מיט ר' מאָטעלי טשער־

נאָכלערס יונגסטע טאָכטער שיינדאלי. אַ זעהר גראָטענע פרוי מיט געוואַל־דיגע אַמביציעס. און אָט די שיינדאלי איז געווען די הויפּט־אורזאַך פון ר׳ בערעניו׳ס ניעדערלאַגע.

מען מוז זיך באַקענען אַביסעל בעסער מיט דער טשערנאָבלער דינאַסטיע כדי די געשיכטע פון ר׳ בערעניו ליאָווער בעסער אַרומצונעהמען.

ר׳ מאָטעלי טשערנאָבלער איז געווען איינער פון די באַריהמטעסטע צדיקים פון זיין דור. ער איז געווען דער זוהן פון ר׳ נחום׳ל טשערנאָבלער, איינער פון די פעהיגסטע בעל שם׳ס תלמידים.

אַ חסידישע אגדה דערצעהלט, אַז בעת ר׳ נחום׳ל איז געקומען צום ערשטען מאָל צום בעל שם, האָט דער בעל שם געזאָגט צו זיין פרוי, די רביצין: „היט זיך פאַר דעם דאָזיגען אורח, ער איז אַ גנב". די רביצין וואָס איז געווען באַהאַוועגט אין איהרע אורחים איז גאַנץ איבערראַשט געוואָרען. „וואָס הייסט — האָט זי געפרעגט איהר מאַן דעם בעל שם — דער איד איז אַ גנב, ער איז דאָך אַ קדוש וטהור?"

„יאָ, יאָ, — האָט דער בעל שם געענטפערט — ער איז אַ גנב. ער וויל פון אונז אַוועקגנב׳ענען דעם גאַנצען גן עדן מיט עולם הבא."

נאָך דעם בעל שם׳ס פּטירה האָט זיך ר׳ נחום׳ל אונטערוואָרפען אונטער דעם בעל שם׳ס ממלא מקומו, דער מגיד הקדוש (ר׳ בער מעזריטשער). שפּעטער האָט זיך ר׳ נחום׳ל באַזעצט אין טשערנאָבעל, און איז געוואָרען איינער פון די גרעסטע צדיקים פון דור. זיין ספר „מאור עינים" ווערט באַטראַכט אַלס אַ חסידישער טעקסט־בוך ביז דעם היינטיגען טאָג.

ר׳ נחום׳לס שיטה פון חסידות איז געווען דעם בעל שם׳ס שיטה. ער האָט אַריינגעטראָגען דאָס חסידות אין פאָלק. ער האָט געוואָרענט זיינע אַנ־הענגער פון מותרות, פון לוקסוס. ער אַליין האָט געלעבט זעהר אָרים. ער פלעגט געהן פון שטאָדט צו שטאָדט, און פון דאָרף צו דאָרף איינצופלאַנ־צען דאָס חסידות אין דעם פשוט׳ן פאָלק. דאָס געלד וואָס ער האָט גע־זאַמעלט, פלעגט ער צוטיילען פאַר אָרימע לייט. איבערהויפּט פאַר „פדיון שבויים" און „הכנסת כלה".

ר׳ נחום׳ל איז אויך געווען, פונקט ווי זיין רבי דער בעל שם, אַ שטאַר־קער מתנגד פון סגופים און תעניתים (פייניגען זיך און פאַסטען). דער עיקר איז, לויט ר׳ נחום׳לס שיטה, זיך מקשר צו זיין צום בורא עולם מיט תורה

און תפלה, און דוקא מתוך שמחה. ווייל „אין השכינה שורה לא מתוך עצבות אלא מתוך שמחה" (די שכינה, כביכול, רוהט נאָר דאָרט וואו עס איז שמחה).

אַן אַנדערע שיטה האָט איינגעפירט זיין זוהן און ממלא מקומו ר' מאָטעלי. ר' מאָטעלי האָט אדרבה געפאָדערט דוקא סגופים און תעניתים. ווייל סגופים און תעניתים ברענגען אמת'ע תשובה אויף „חטאת נעורים" (יוגענדליכע זינד). ר' מאָטעלי האָט געפאָדערט פון זיינע חסידים, צו פאַס־טען איינמאָל אַ וואָך פאַר פינף יאָהר רצופים. נאָך די פינף יאָהר האט ער געהייסען פאַסטען „תענית בה"ב", דאָס מיינט מאָנטאָג, דאָנערשטאָג און ווידער מאָנטאָג. (פרומע אידען זענען זיך נוהג צו פאַסטען באַלד נאָך ראש חודש אייר און נאָך ראש חודש חשון, מאָנטאָג, דאָנערשטאָג און ווידער מאָנטאָג. דער טעם דערפון איז, טאָמער האָבען זיי אין די פאַרגאַנ־גענע ימים טובים, פסח און סכות, געזינדיגט מיט צופיעל עסען און טרינקען, זאָלען די דאָזיגע תעניתים מכפר זיין אויף זייערע זינד). ר' מאָטעלי האָט אויך באַפוילען זיינע חסידים צו פאַסטען „שובבים", (די ראשי תיבות פון „שובבים" זענען: שמות, וארא, בא, בשלח, יתרו, משפטים), און אין אַן עבור־יאָהר אויך „ת"ת" (תרומה, תצוה). דאָס איז אַן אַלטער מנהג, אַז פרומע אידען פאַסטען יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אין דער צייט ווען מען לייענט די דאָזיגע סדרה'ס. דער טעם פאַרוואָס אין אַן עבור־יאָהר דאַרף מען מעהר תשובה טהון ווי אין אַ געוועהנליך יאָהר איז, ווייל מען האָט געגלויבט צווישען פאָלק, אַז אין אַן עבור־יאָהר זענען טראַגענדיגע פרויען אין מעהר סכנה מפיל צו זיין, ווי אין געוועהנליכע יאָהרען (עס איז דאָ נאָך אַנדערע טעמים).

און מערקווירדיג: ר' נחום'ל, וועלכער איז געוועזען אַ געגנער פון סגופים און תעניתים, און האָט געפאָדערט פון זיינע חסידים נאָר שמחה, האָט אַליין אָנגעפירט אַ מורא'דיג אָרים לעבען. אָפט האָט ער געהונגערט. וועהרענד זיין זוהן ר' מאָטעלי, וואָס האָט געפאָדערט פון זיינע חסידים דוקא סגופים און תעניתים, האָט אַליין געפירט אַ הערשאַפטליך לעבען. ער האָט פאַר זיך אויפגעשטעלט אַ הויף ממש מלכות'דיג. אויסגעשטאַטעט מיט די טהייערסטע מעבלען, מיט גאָלד און מיט זילבער, מיט ברישקעס און מיט פערד. — אָבער ווער קען פאַרשטעהן ז י י ע ר ע דרכים!...

דער זיווג צווישען איידעלי, ר' מאָטעלי טשערנאָבלערס טאָכטער און

ר׳ בערעניו, ר׳ ישראל׳טשי ריזשינערס זוהן, איז פון אָנפאנג אָן נישט געווען קיין גליקליכער. קודם כל איז דאָס פּאָר פאָלק געווען חשוכי ילדים, (קינדער־לאָז). ר׳ בערעניו האָט דערפון געהאַט גרויס צער. ער האָט געוואָלט איידעלין אָפּ׳גט׳ן, זי האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט קיין גט נעהמען. דאָס האָט געפיהרט צו מחלוקות צווישען מאַן און ווייב, און אָפט אויך צו הויף־סקאַנדאַלען. דאָס האָט פאַרביטערט ר׳ בערעניו׳ס לעבען, אַזוי אַז ער פלעגט זיך צוריקציהען פון זיינע חסידים פאַר וואָכען לאַנג.

שפּעטער איז געקומען נאָך עטוואָס, וואָס האָט געפיהרט צו נאָך גרע־סערע סקאַנדאַלען. נאָך ר׳ ישראלטשי׳ס פטירה אין יאָהר תרי״א, האָבען זיך זיינע זיהן צוטהיילט מיט דער חסידישער מלוכה. יעדער איינער האָט אויפגעשטעלט זיין הויף, לויט די באַשטימונג פון די אַנדערע קינדער. ר׳ אברהם יעק׳ניו איז געוואָרען דער ממלא מקומו פון זיין פאָטער. ער איז געבליבען אין סאַדאַגורע. ר׳ דוד משה׳ניו האָט שפּעטער אויפגעשטעלט זיין הויף אין טשאָרטקאָוו. ר׳ נחום׳ניו האָט געקראָגען שטיפינעשטי, ר׳ מרדכי פייבניו — הוסיאַטין. דער ערגסטער פלאַץ איז אויסגעוועהלט געוואָרען פאַר ר׳ בערעניו, הושי. אַ קליין שטעדטעל ביי דער בעסאַראַבישער גרעניץ.

שיינדעלי, וועלכע איז אויפגעצויגען געוואָרען ביי איהר פאָטער ר׳ מאָ־טעלי טשערנאָבלער אין רייכטהום און אין לוקסוס, און וועלכע האָט גע־גלויבט, אַז איהר מאַן ר׳ בערעניו, איז דער פעהיגסטער פון אַלע זיינע ברידער, איז געווען שטאַרק איפערזיכטיג אויף איהרע שוואָגערס. זי פלעגט איהר מאַן פאַרביטערן דאָס לעבען, פאַרוואָס ער האָט זיך געלאָזט פאַר־שטיפען אין אַ „העק״ ווי הושי. דאָס האָט שטאַרק געווירקט אויף ר׳ בערעניו׳ס געמיטה. ער האָט שפּעטער אַוועקגעצויגען פון הושי קיין ליאַווע. דאָס האָט שיינדעלען ווייניג באַרוהיגט. און די צרות און מחלוקות זענען געוואַקסען פון טאָג צו טאָג.

און כדי צו פאַרגעסען זיינע צרות, האָט זיך ר׳ בערעניו פאַרטיעפט אין ענינים, וועלכע זיין מוח האָט שווערליך געקענט משיג זיין. ער האָט אָנגע־פאַנגען רעדען זאַכען, וואָס האָבען געשמעקט מיט כפירה, רחמנא לצלן. ווי שטעהט דאָרט אין דער גמרא: „בן זומא הציץ ונפגע״. בן זומא האָט צו טיעף אַריינגעקוקט אין די הימלישע סודות און איז אַראָפּ פון זינען.

זיינע פרומע חסידים האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען פאַר זייער רבין׳ס

פיהרעכץ. איבערהויפט האָבען זיך דערשראָקען ר׳ בערעניו׳ס ברידער, דער סאדאַגורער און טשאָרטקאָווער. זיי האָבען געשיקט זייערע בעסטע מקורבים צו ר׳ בערעניו, כדי אויף איהם צו ווירקען, זיך נישט אַריינצולאָזען אין טיעפערע ענינים. אָבער דאָס האָט אַלץ נישט געהאָלפען.

„אַ חסיד אַ מקורב — דערצעהלט הרב גוטמאַן — האָט זיך אַמאָל איינגעשטעלט דאָס לעבען, אָנפרעגענדיג ר׳ בערעניו, צי איז נישט אַזאַ פיהרעכץ, ווי דער רבי פיהרט זיך, אַ געפאַהר פאַר דער אידישער אמונה? ר׳ בערעניו האָט אויף דעם געענטפערט: נישט שרעקען זיך. נאָר הויבען דעם מוח! נאָר הויבען דעם מוח! דאָס איז געווען אַן אָנצוהערעניש, אַז מען דאַרף נישט גלויבען אַלצדינג בלינדערהייט. נאָר הויבען דעם מוח“.

שפעטער האָט ר׳ בערעניו זיך אין גאַנצען דערוויטערט פון זיינע חסידים. ער פלעגט זיצען טעג און וואָכען פאַרשלאָסען אין זיין חדר, נישט צולאָזענדיג צו זיך קיינעם. דאָס האָט אָבער זיינע חסידים נישט אָוועקגעטריבען. אדרבה, וואָס מעהר ר׳ בערעניו האָט זיך פון זיי צוריקגעצויגען, אַלץ מעהר האָבען זיי משתוקק געווען איהם צו זעהן. די חסידים האָבען אין דעם ענין געזעהן אַ גאָר הויכע מדריגה. פאַר זיי האָט דאָס געהייסען, אַז דער רבי איז אַזוי דבוק (באַהאָפטען) אין די עולמות עליונים, אַז ער קען מעהר נישט אַריינקוקען אין די צורה פון אַ יליד אשה. דאָס האָט זייער חשק צו זעהן דעם הייליגען צדיק נאָך מעהר צוהיצט. הונדערטער חסידים פלעגען שטעהן ביי זיינע טהירען און פענסטער טעג און וואָכען, האָפענדיג צו כאַפען אַ בליק אויף דעם צדיק׳ס צורה.

אין אַזעלכע צייטען פלעגט ר׳ בערעניו אַרויסגעהן צו זיינע חסידים, בעטענדיג רחמים, אַז זיי זאָלען איהם לאָזען במנוחה. „וואָס ווילט איהר פון מיר“ — פלעגט ער צו זיי טענה׳ן — „איך קען אייך גאָר נישט העלפען. איך בין אַ פשוטער מענש פונקט ווי איהר. לאָזט מיך צורוה“. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפען. וואָס מעהר ער איז פון די חסידים אַנטלאָפען, אַלץ מעהר זענען איהם די חסידים נאָכגעלאָפען. איינמאָל איז ער געוואָרען אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט אויסגעשריען צו די חסידים: „איצט לויפט איהר מיר נאָך, עס וועט קומען אַ צייט אַז איהר וועט פאַר מיר אַנטלויפען, ווי פאַר פייער“.

דאָס אַלץ דערצעהלט הרב גוטמאַן.

זינט יענער צייט האָט ר׳ בערעניו אָנגעפאַנגען טהון זאַכען, וועלכע האָבען אויף די גאָר פרומע חסידים ווירקליך געוואָרפען שרעק און ציטערניש. ער האָט זיך אָנגעהויבען מתחבר זיין מיט די קריסטליכע אינטעליגענטען פון שטאָדט. מיט דעם דאָקטאָר, אַפּאָטהעקער, פּאָסטשעף און זייער גלייכען. זיי פלעגען ברענגען קריסטליכע געלעהרטע פון די אַרומיגע שטעדט. זיי האָבען פשוט געהאָפּט, צו איבערקעהרען דעם „ראַבין" צו זייער גלויבען, און דערמיט דערלעבען אַ נקמה אין אַלע אידען. ווי הרב גוטמאַן וויס צו דערצעהלען, האָבען זיי אויך געבראַכט מיסיאָנערן, וועלכע דער רבי האָט פריינדליך אויפגענומען.

דערזעהענדיג די מורא׳דיגע געפאַהרען וואָס קענען קומען פון אַזאַ פיהרערכץ ווי איהר מאַן פיהרט זיך, האָט שיינדעלי, די רביצין, אויפגענומען אַ פאַרצווייפעלטען קאַמפּף געגען איהר מאַן. זי האָט באַשלאָסען אָנצו-ווענדען געוואַלט-מיטלען געגען איהר מאַן. איהם פשוט צווינגען אַז ער זאָל זיך צוריקנעהמען צו „רביסטווע" און זיך פיהרען ווי זיינע ברידער פיהרען זיך. צו איהר זענען אויך צוגעשטאַנען די גבאים, וועלכע האָבען דערזעהן, אַז פון אַזאַ פיהרערכץ, ווי ר׳ בערעניו פיהרט זיך, וועלען זיי פאַרליערען זייער פרנסה. זיי פלעגען איהם פשוט קאַטעווען, שלאָגען, הרג׳ענען, ער זאָל זיך אויפ-הערען חבר׳ן מיט דער גוי׳אישער אינטעליגענץ. דאָס האָט אָבער גאָר נישט געהאָלפען. ר׳ בערעניו האָט אַליץ אָנגענומען באהבה.

שיינדעלי האָט זיך דאַן געווענדט צו איהרע ברידער, די טשערנאָבּ-לער קינדער, בעטענדיג רחמים, אַז זיי זאָלען ראַטעווען איהר מאַן פון אונטערגאַנג.

דער גרעסטער פון די טשערנאָבּלער קינדער (הגם נישט דער עלטסטער) איז געווען ר׳ דודל טאַלנער. ר׳ דודל איז באמת געווען אַן ערשיינונג אין רבי׳שען לעבען. ער איז נישט געווען קיין גאון, ער איז אויך נישט געווען קיין גרויסער בעל מקובל. ער איז אָבער געווען אַ אויסערגעוועהנליכער חכם. און מיט זיין חכמה האָט ער עראָבערט צעהנדליגע טויזענדער חסידים. אויף איהם איז באמת געזאָגט געוואָרען „חכם עדיף מנביא".

ביי ר׳ דודל׳ן איז געווען אַ גאָר גרויסער מקורב, איינער אַ ר׳ דוד באַלטיש. אַ שטאַרקע פערזענליכקייט, ווען דער צדיק ר׳ דוד׳ל האָט פאַרטרויט די וויכטיגסטע ענינים. און אָט דעם ר׳ דוד באַלטיש האָט ר׳ דוד׳ל

געשיקט קיין ליזאַנע, צו ווירקען אויף ר׳ בערעניו, זיין שוואָגער, אויפצו־
געבען זיינע געפעהרליכע דרכים.

אָנקומענדיג קיין ליזאַנע — דערצעהלט הרב גוטמאַן — איז ר׳ דוד
באַלטיש באַלד געגאַנגען אין ר׳ בערעניו׳ס הויף. דאָרט האָט מען איהם
געזאָגט, אַז ר׳ בערעניו זיצט איצט פאַרשלאָסען מיט זיינע קריסטליכע
„חברים“. ר׳ דוד באַלטיש האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר פון דעם חדר וואו
ר׳ בערעניו איז געזעסען. קיינער האָט נישט געענטפערט. איינזעהענדיג אַז
מיט גוטען וועט ער גאָר נישט פועל׳ן, האָט ר׳ דוד די טהיר אויפגעבראָכען.
איהם איז פינסטער געוואָרען פאַר די אויגען, זעהענדיג ווי ר׳ בערעניו זיצט
ביים טיש אויבען אָן מיט אַ ציגאַר אין מויל, און די קריסטליכע חבריא
זיצט אַרום טיש, שפּיעלענדיג שאַך.

„וועה איז מיר! — האָט ר׳ דוד באַלטיש געשריען — אַזוי פיהרט זיך
אַ רבי? האָט זיך אויך אַזוי געפיהרט אייער הייליגער פאָטער? פיהרט זיך אַזוי
דער טאַלנער צדיק? וועה! וועה!“

הערענדיג די קולות פון ר׳ דוד באַלטיש, איז ר׳ בערעניו אַרויסגעלאָפען
פון צימער און נאָך איהם זיינע „חברים“. אַ קורצע צייט איז ר׳ בערעניו
געווען באַהאַלטען ביי איינעם פון זיינע קריסטליכע פריינד. ער איז אָבער
צוריק אַהיימגעקומען. ר׳ בערעניו האָט דאַן באַשלאָסען, דעם קאַמפף פאַר
זיין פרייהייט אויפצוגעהמען עפענטליך.

דאַן איז געקומען יענער מורא׳דיגער יום כפור צו כל נדרי, וועלכער
האָט געפיהרט דערצו, אַז ר׳ בערעניו איז אַנטלאָפען צו דר. רייטמאַן אין הויז,
ווי איך האָב שוין דערצעהלט אין אָנפאַנג פון דעם קאַפּיטעל.

קאַפּיטעל 28

שטירמישע אכט וואכען. — דער "מכתב גלוי". — ר' בערעניו פארלאזט דר. רייטמאַן'ס הויז און קעהרט צוריק קיין סאדאגורע. — סאדאגורער הסידים זאגען, אז דער ענין איז למעלה מן השכל. — ריישער רבנים שרייבען צום סאנזער. — פארוואס הייסט רישא, רישא. — די מלחמה צופלאקערט זיך.

אַכט וואָכען האָט ר' בערעניו פאַרבראַכט אין דר. רײַטמאַנס הויז. דאָס איז געווען די שטורמישסטע צייט אין דער מורא'דיגער דראַמאַ. נישט האָבענדיג די מעגליכקײַט צו זעהן און צו רעדען מיט ר' בערעניו, פשוט ווייל דר. רײַטמאַן האָט קײַנעם צו איהם נישט צוגעלאָזט, אויסער דעם וואָס ער, רײַטמאַן, האָט געוואָלט, און געוואָלט האָט ער צולאָזען צו ר' בערעניו נאָר די „אינטעליגענץ" גוי'אישע און אידישע — האָט זיך דאַריבער פאַר־שפרייט פאַרשידענע קלאַנגען וועגען ר' בערעניו, וועלכע האָבען אויפגע־ציטערט דאָס אידישע האַרץ.

די סאַדאַגורער שונאים האָבען נאַטירליך אויפגעבלאָזען דאָס פײַער נאָך שטאַרקער. מען האָט דערצעהלט געשיכטען וואָס זענען נישט גע־שטויגען און נישט געפלויגען. אַזוי למשל האָט מען דערצעהלט, אַז ר' בערעניו האָט זיך געלאָזט אָפּגאָלען באָרד און פּאות. אַנדערע האָבען געטריבען די געשיכטע נאָך ווייטער און ווייטער, אַזוי אַז מען איז געווען פאָרבערײַט פאַר עטוואָס שרעקליכעס אין אידישען לעבען. פאַר שמד חלילה וחלילה.

דר. רײַטמאַן און זײַנע חברים האָבען דאַרום באַשלאָסען, אַז ר' בערעניו מוז אַרויסלאָזען אַ „מכתב גלוי", אַן עפענטליכען בריעף, אום צו ערקלעהרען זײַן גאַנצע שטעלונג.

צוליעב זיין געשיכטליכען ווערטה, גיב איך דאָ איבער דעם „מכתב גלוי" ווי ער איז געשריבען געוואָרען, מיט אַ פרײַער איבערזעצונג.

אָט איז דער „מכתב גלוי":

„ידעתי, קוראים נכבדים, כי בני עמנו הנפוצים בארצות רחוקות, כחכמים היושבים על גפי מרומי השכלה, ככסילים היושבים אחורי התנור והכירים, אשר שמעו את שמי ישיחו בי וישאלו: מה היה לי כי נהפכתי לאיש אחר? לכן גמרתי בלבי לבוא במגלת ספר להודיע בקהל עדת ישורון, שורש דבר נמצא בי, כי בלבי צפנתי אמונת אל אחד, ובו אדבק כל הימים, ונאמן אנכי לתורתו ולחכמי ישראל ההולכים לפנים ולא לאחור, ולא הסרתי מעלי את יראת ד׳, רק הרחקתי מעלי את המון הפתאים, השומרים הבלי שוא אשר סביב שתו עלי. אולם לא אל אנשי חנף, השמים חושך לאור ואור לחושך, המתכסים באדרת החניפה למען כחש, אשים דברתי, כי המה מורדי אור החכמה ואמונה טהורה, רק אל החכמים והנבונים בעם אשר החכמה נר לרגלם והאמונה אור לנתיבתם, אביעה רוחי, ואודיע דברי אותם, כי האמת אזור מתני והאמונה אזור חלצי.

ואם אמנם אין לאל ידי לבער את הקוצים מכרם בית ישראל, לטהר את אמונתנו מהבלי המנהגים אשר אין להם עקר בתורת אלהים, רק עלו עם בני עמנו מבבל ושאר הגוים אשר התערבו בהם, כאשר דרשו חז״ל: „כתוב אחד אומר כמשפטי הגוים עשיתם וכתוב אחד אומר לא עשיתם הא כיצד? כמתוקנים שבהם לא עשיתם, כמקולקלים שבהם עשיתם“. הלא טוב לי כי אעבוד את אלהי אמת, על כן לא אירא מרבבות פתאים, אשר כהמות ימים יהמיון, ולא אערוץ מהמון רבה אשר בחשכה יתהלכון, אם רק מחשבתי רצויה בעיני אלהים וישרי לב.

ובזה אשים קנצי למילן ולכל אוהבי חכמה שוחרי מוסר, שלום!

טשערנאָוויץ יום א׳ לחדש אדר תרכ״ט לפ״ק.“

דוב בער במוהר״ר ישראל.

איך גיב דאָ אַ פרייַע איבערזעצונג, ווייל אַ ווערטליכע איבערזעצונג וואָלט צוליעב די געקינסטעלטע מליצה פאַרלוירען דעם אייַגענטליכען זין פון דעם בריעף.

„איך וויים געעהרטע לעזער, אַז אונזער פאָלק אין די ווייטע לענדער, די קלוגע פונקט ווי די נאַראָנים, וואָס האָבען געהערט מייַן נאָמען, וועלען וועגען מיר רעדען, און פרעגען וואָס איז אַזוינס פון מיר געוואָרען, וואָס האָט מיך איבערגעקעהרט צו אַן אַנדערען מענש. דאַרום האָב איך באַשלאָסען באַקאַנט צו מאַכען פאַר אַלעמען דעם גרונדזאַץ פון דעם גאַנצען ענין, אַז

אין מיין האַרץ האָב איך באַהאַלטען די אמונה אין איין גאָט און אין איהם וועל איך מיך באַהעפטען אַלע מײַנע טעג, און איך בלײַב געטרײַ צו זײַן תורה און צו די חכמי ישראל וואָס געהן פאָרווערטס און נישט ריקווערטס. און איך האָב נישט אַרונטערגענומען פון גאָטס פארכטיגקײַט, איך האָב נאָר פון מיר דערווייטערט די מאַסקע נאַראָנים וואָס האָבען מיך אַרומגערינגעלט. איך רעד דאָ נישט צו די שמײַכלער וואָס מאַכען פינסטערניש פאַר ליכט, און ליכט פאַר פינסטערניש, וואָס פאַרדעקען זיך מיט אַ מאַנטעל פון חנופה כדי צו פאַרבלענדען אַנדערע. איך רעד צו די קלוגע און וויסענשאַפטס־מענער פון פאָלק, און צו זײַ זאָג איך אַז אמת און אמונה זענען די וואָפען פון מײַן לעבען."

און אָבוואָהל עס איז מיר אונמעגליך אויסצוראָטען די דערנער פון אידישען גאָרטען און אויסצורײַניגען אונזער אמונה פון נאַרישע מנהגים וואָס האָבען נישט קיין עיקר אין גאָטס תורה, נאָר זענען אַרײַנגעבראַכט געוואָרען פון בבל און פון אַנדערע פעלקער, שרעק איך מיך אָבער נישט פון די טויזענדער פינסטערלינגע וואָס וועלען זיך אויף מיר אַרויפוואַרפען, אַזוי לאַנג מײַנע געדאַנקען זענען גערעכטפערטיגט אין די אויגען פון גאָט און פון אויפריכטיגע הערצער."

עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז ר' בערעניו האָט דעם דאָזיגען „מכתב גלוי" נישט אַלײַן פאַרפאַסט. ר' בערעניו האָט איבערהויפט נישט געקענט שרײַבען. זיכער נישט אַזאַ מליצה'דיגען לשון קודש. דעם „מכתב גלוי", ווי עס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרען, האָט געשריבען דער שריפטשטעלער א. ארענשטיין, וועלכער האָט געשפּיעלט אין ר' בערעניו'ס דראַמאַ אַ העכסט וויכטיגע ראָלע.

א. ארענשטײַן איז אין זיין יוגענד געווען אַ פאַרברענטער חסיד, טאַקע פון ר' בערעניו'ס פאָטער ר' ישראל'טשי ריזשינער. ער איז שפּעטער געוואָרען אַ משכיל, אַן אפיקורס און אַ געפעהרליכער שונא פון חסידות. אָט דער ארענשטײַן איז דאָס געווען וואָס האָט געהאָלפען ר' בערעניו'ן אַנטלויפען. ער איז דאָס געווען וואָס האָט ר' בערעניו אַרײַנגעפיהרט אין דר. רײַטמאַן'ס הויז. ער האָט ר' בערעניו'ן באַזוכט יעדען טאָג, אַזוי לאַנג ר' בערעניו איז געווען בײַ דר. רײַטמאַן אין הויז. און ער, ארענשטײַן, איז דאָס געווען דער שרײַבער פון דעם „מכתב גלוי".

מען קען זיך קוים פאָרשטעלן דעם שטורעם, וואָס אָט דער דאָזיגער „מכתב גלוי“ האָט אַרויסגערופן אין דער אידישער וועלט (וועלכע האָט נישט געוואוסט אַז ר׳ בערעניו האָט דעם מכתב גלוי אַליין נישט געשריבן). בכלל צווישן די משכילים און איבערהויפט צווישן די חסידים, די שונאים פון סאַדאַגורער פיהרערכץ. די משכילים פון יענער צייט, וועלכע האָבן געגלויבט באמונה שלמה, אַז מיט באַקעמפפען דאָס חסידות וועלען זיי רעטען די גאַנצע וועלט, האָבן זיך אַרויפגעוואָרפען אויף דעם „מכתב גלוי“ ווי אויף אַ כשר׳ע מציאה, האָבן טריומפירט. אָט זעהט, האָבן זיי געשריען, אַז איינער פון די גרעסטע רביים זאָגט אויס דעם אמת, אַז חסידות איז שווינדעל און אַז די חסידים זענען אַ „המון פתאים“, אַ באַנדע נאַראָנים וואָס לאָזען זיך פיהרען פון שווינדלער. די חסידים ווידער פון דער צווייטער זייט, הויפטזעכליך די סאַדאַגורער שונאים, האָבן אויפגעשטורעמט די וועלט, באַווייזענדיג אַז דאָס סאַדאַגורער חסידות פיהרט צו אפיקורסות, וועלכע לייקענט אָפּ די מנהגי ישראל, באַהויפטענדיג אַז אַלע מנהגים זענען געקומען פון אַנדערע פעלקער.

דער ערשטער פון די משכילים וואָס האָט זיך אַרויפגעוואָרפען אויף דער מציאה, איז געווען אברהם בער גאָטלאָבער (אב״ג), משורר, שריפטשטעלער און אויטאָר, וועלכער איז אַליין אַמאָל געווען אַ חסיד און האָט שפעטער דאָס חסידות ביטער באַקעמפפט. ער האָט געשריבען צו ר׳ בערעניו אַ באַגייסטערטען בריעף אין וועלכען ער שרייט אויס: „נפלאים מעשיך מאד, איש גדול ורב בענקי הרוח! מה נכבדת בעיני ומה גדלת!“ (וואונדערבאַר זענען דיינע טהאַטען, גרויסער מאַן און גייסטיגער ריעז! ווי געעהרט ביסטו אין מיינע אויגען און ווי גרויס!). אַנדערע משכילים האָבן נאָכגעפאָלגט מיט באַגייסטערטע בריעף. די יונגערע משכילים האָבן זאָגאַר „עולה רגל“ געווען קיין טשערנאָוויץ צו זעהן דעם גרויסען וואונדער ווי פון אַ גרויסען רבין איז געוואָרען אַ משכיל און אפיקורס.

מעהר פון אַלעמען האָט מרעיש עולמות געווען, נאָך דער דאָזיגער מורא׳דיגער פאַסירונג, דער סאַנזער צדיק. ער, דער סאַנזער, וואָס האָט שוין אָנגעפיהרט אַ קאַמפף געגען סאַדאַגורער חסידות יאָהרען לאַנג, באַהויפטענדיג אַז אַזאַ פיהרערכץ מוז פיהרען צו הריסת הדת, האָט איצט געקראָגען אַ ראיה לדבריו. „אָט זעהט, וואָס פון אַזאַ פיהרערכץ קומט

אַרויס", און די מחלוקה געגען סאַדאַגורע האָט זיך ערשט רעכט צופלאַקערט.

אונטערדעסען האָבען ר' בערעניו'ס ברידער, הויפּטזעכליך ר' אברהם יעקניו פון סאַדאַגורע, און ר' דוד משה'ניו פון טשאָרטקאָוו, די באַרידהמ־טעסטע צדיקים פון ר' ישראל'טשי ריזשינערס קינדער, אָנגעווענדט אַלע מיטלען, אַרויסצוקריגען ר' בערעניו פון דר. רײַטמאַן'ס הויז. ר' בערעניו אַליין איז שוין אויך מיעד געוואָרען פון דער סביבה וואָס איז איהם געווען אַזוי פרעמד. צוגעטשעפּעט האָט זיך נאָך אַ צרה. ר' בערעניו איז פשוט געבליבען אָהן אַ פרוטה. ר' בערעניו האָט צוואַר באַהאַלטען פערציג טויזענד גולדען אין זײַן קאַסע־קאַסטען בעפאָר ער איז אַוועק פון ליאָווע, ער האָט אויך צוגענומען דעם שליסעל. איז אָבער שײַנדעלי זײַן פרוי געווען קלוגער. זי האָט געלאָזט נאָכמאַכען אַן אַנדערען שליסעל און דאָס געלד אַרויסגענומען. ר' בערעניו איז אַלזאָ געבליבען בעָרום ובחוסר כל, און האָט באַשלאָסען צוריקצוקעהרען צו זײַנע ברידער.

צוריקקומענדיג קײַן סאַדאַגורע, האָט ר' בערעניו אַרויסגעלאָזט אַ צווײ־טען מכתב גלוי, אונטער דעם אויפרוף „קול קורא" אין וועלכען ער שרײַבט אויס: „לא ברוח נכון ודעת שלם עשיתי את כל המעשים אשר לא יעשו". ער דערצעהלט, אַז דער טויט פון זײַן ברודער ר' נחום'ניו, דער צדיק פון שטיפּינעשט, האָט געהאַט אַ מורא'דיגע ווירקונג אויף זיין מוח. ער האָט זיך אין גאַנצען פאַרלוירען און האָט געטהאָן דאָס וואָס ער האָט נישט געדאַרפט טהון. ער שליעסט דעם קול קורא מיט אַ תשובה שלמה, אַז פון איצט אָן וועט ער זײַן זהיר „בכל דקדוקי סופרים, ובמצוה קלה כבחמורה".

אָבער דאָס וואָס מען קען אורטהײַלען מיט געלאַסענהײַט הײַנט, האָט מען נאַטירליך נישט געקענט מיט פינפציג יאָהר צוריק, בעת די דראַמאַ האָט זיך אָפּגעשפּיעלט. הויפּטזעכליך נישט מצד דעם סאַנזער צדיק, וואָס האָט אָנגעפיהרט אַ מלחמה געגען סאַדאַגורער פיהרעכץ, נאָך אײדער די דראַמאַ האָט זיך אָפּגעשפּיעלט, באַהויפּטענדיג, אַז אַזאַ הערשאַפטליך פיהרעכץ מוז פיהרען צו הריסת הדת, און איצט נאָך דעם וואָס האָט פּאַסירט, האָט ער דאָך ערשט געהאַט באַווייזע, אַז זײַנע באַהויפּטונגען זענען גערעכטע.

מען קען זיך דאַריבער קוים פאָרשטעלען דאָס פייער וואָס די דאָזיגע פּאַסירונג האָט אָנגעצונדען בײַם סאַנזער צדיק, וועמעס אויפברויזענדע נשמה

האָט נישט געוואוסט פון קיין גרעניץ, בעת עס האָט זיך געהאַנדעלט, לויט זיין אויפפאַסונג, אין הריסת הדת.

צו דעם איז צוגעקומען נאָך עפּעס, וואָס האָט געגאָסען נאָך מעהר אויל אויף דעם פייער. דאָס זענען געווען די איבערטריבענע באַהויפּטונגען מצד די סאַדאַגורער חסידים, בנוגע די ליאָווער דראַמאַ.

דען קוים איז ר׳ בערעניו אַוועק פון דר. רייטמאַן׳ס הויז, און האָט זיך באַזעצט נעבען סאַדאַגורע, און די חסידים פון סאַדאַגורער הויפען, אין אַלע שטעדט און שטעדטלעך זענען אַרויס מיט שמחת יום טוב, בתופים ובמחולות, פּראָקלאַמירענדיג, אַז דער ענין „ר׳ בערעניו אין רייטמאַן׳ס הויז״, איז געווען אַ גאָר, גאָר גרויסער ענין, „למעלה מן השכל״, אַ זאַך וואָס נישט אַלע קענען דאָס באַגרייפען. אַנדערע האָבען באַהויפטעט, אַז דער רבי איז גאָר משיח, אָדער בבחינת משיח. „ביש מלבר וטב מלגוו״, אויסווענדיג זעהט אויס שלעכט אָבער אינווענינג איז גאָר גרויס, „עין לא ראתה״ וואָס דאָס אויג קען נישט זעהן און דער מוח קען נישט באַגרייפען. נאָך אַנדערע האָבען צוגעזעצט, אַז דער רבי האָט זיך בכיון אַרונטערגעלאָזט אין די ניעדעריגע מקומות, כדי „מעלה״ צו זיין (אויפצוהויבען) די זינדיגע נשמות, און זיי צוריקצוברענגען צו זייער שורש. און אַ גזירה איז אַרויס, אַז „כל המהרהר אחר הרבי כאלו מהרהר אחר השכינה״, אַז דער וואָס טראָגט אין זיין מוח אַ שלעכטען געדאַנק אויף דעם רבי׳ן איז פונקט ווי ער וואָלט געטראָגען אַ שלעכטען געדאַנק אויף דער שכינה, כביכול גופא.

די דאָזיגע באַהויפטונגען האָבען געהאַט זייערע ווירקונגען. די חסידים פון די אַנדערע גאַליציאַנער גוטע אידען, איבערהויפט די סאַנזער חסידים, וועלכע האָבען אָנגעפיהרט אַן אייביגע מחלוקה געגען די סאַדאַגורער, האָבען אַזעלכע באַהויפטונגען באַטראַכט פאַר אַ געוואלדיגען חלול השם. פאַר אַ לעסטערונג געגען דעם רבונו של עולם, רחמנא לצלן.

די סאַנזער חסידים זענען אַרויס געגען אַזעלכע באַהויפטונגען מיט פּראָטעסטען און פאַרדאַמונגען. פון פּראָטעסטען איז עס איבערגעגאַנגען צו שלעגערייען, צו מסירות, צו ערביטערונגען און שפּאַלטונגען צווישען אידען און אידען, צווישען משפחות און משפחות, און זאָגאַר צווישען קינדער און עלטערען. קורץ, גאַליציען איז אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שלאַכטפעלד. אַ חורבן.

סאַנזער חסידים האָבען זיך ענדליך געווענדעט צו זייער רבי'ן, אַז ער זאָל אַרויסזאָגען זיין וואָרט וועגען דעם מורא'דיגען ענין, און ווי ער וועט הייסען, אַזוי וועלען זיי טהאָן; צי זאָלען זיי פאָרטזעצען די מחלוקה, אָדער זיך צוריקציהען פון שלאַכטפעלד.

דער ערשטער שאָס איז אָפּגעפייערט געוואָרען פון רישא (זשעשאָוו) אין די פאָרמע פון אַ פייערדיגען בריעף פון די צוויי הויפּט־רבנים פון שטאָדט, ר' נחום ראובן פעלסקער, דער אב בית דין, און ר' חיים וואַלערשטיין, דער ראש בית דין, צום סאַנזער צדיק.

חסידים זאָגען, פאַרוואָס רופט מען רישא, רישא, ווייל רישא איז געווען דער אָנפאַנג פון דער מורא'דיגער מחלוקה. (רישא אויף העברעאיש, מיינט אָנפאַנג).

רישא, איז אַ שטאָדט אין מיטעל־גאַליציען. שוין אין פופצעהנטען יאָהרהונדערט איז רישא געווען אַ באַריהמטע אידישע קהלה. זי האָט געהאַט אַזעלכע רבנים ווי ר' אהרן שמואל קיידאַנאָווער, דער בעל „ברכת הזבח“, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען רב אין אַמסטערדאַם; ר' יעקב ריישער, דער בעל „שבות יעקב“ און „חק יעקב“, און אַנדערע באַריהמטע גאונים. אין די גאָר שפּעטערע צייטען איז געווען ריישער רב דער באַריהמטער גאון ר' הירשלי אָרענשטיין, שפּעטער דער רב פון בריסק ליטאָווסק. ווען דאָס חסידות האָט זיך אָנגעהויבען אין גאַליציען צו צושפּרייטען, איז רישא געוואָרען, צוליעב איהר געאָגראַפישע לאַגע, אַ מיטעל־פונקט כמעט פון אַלע גאַליציאַנער צדיקים. כמעט אַלע גוטע אידען האָבען געהאַט חסידים אין רישא.

אין דער צייט ווען אונזער געשיכטע שפּיעלט זיך אָפּ, איז רישא געווען באַהערשט פון די צוויי חסידישע דינאַסטיעס, סאַנז און סאַדאַגורע. רישא האָט נאַטירליך געהאַט חסידים אויך פון אַנדערע רבי'ס, אָבער די הויפּט־מאַכט איז געלעגען אין די הענד פון סאַנזער און סאַדאַגורער. סאַנזער חסידים זענען געווען די רבנים די לומדים און די גאָר פרומע אידען; סאַדאַגורער חסידים זענען געווען די מעהר אויפגעקלעהרטע, איבערהויפּט די יונגערע, נייע חסידים.

די סאַנזער חסידים זענען געווען שטאָלץ אויף זייער רבי'ן צוליעב זיין גאונות און זיין פייערדיגע עבודה, ווערענד די סאַדאַגורער חסידים

האָבען דאָס לערנען פון סאַנזער אינגאַנצען מבטל געווען. „זאָל דער סאַנזער שרייבען שאלות ותשובות און אויפהאַלטען ישיבות, אָבער ווי קומט ער צו זיין אַ רבי" — פלעגען די סאַדאַגורער טענה'ן. זיי, די סאַדאַגורער חסידים, האָבען געגלויבט באמונה שלמה, אַז זייערע רבי'ס זענען די געזאַלבטע פון גאָט אַליין, וועהרענד די אַנדערע רבי'ס זענען געגען זייערע רבי'ס כקליפת השום (ווי אַ שאָלעכץ פון קנאָבעל).

דער בריעף פון די ריישער רבנים צום סאַנזער צדיק, איז געווען לויטער פייער. נאָכדעם ווי די רבנים רעכענען אויס די אַלע באַשולדיגונגען, וואָס זענען שוין אויבען אויסגערעכענט געוואָרען, שרייבען זיי אין זייער לשון: „שלחנו לקרוא את החשובים שבהם לדבר על לבם, לבלתי חלל ש"ש, ולהמעט הכנסיות, לבלתי תת מקום להמון עם לחלל ה' ע"י, ותחת אשר דמיתי להשקט, עוד פערו פיהם לבלי חק, עדי כי נוכל לאמר עברו תורות חלפו חק. ובפני כל עם ועדה שמענו מפיהם דברים אשר ראוי לקרוע עליהם, ולאמר, אוי לו לדור שכך עלתה בימיו באמרם, מה לכם כי תדברו אתנו דברים כאלה, ואתם לא תבינו הדרך הלזה, אשר הוא גבוה מעל גבוה".

איך גיב דאָ די איבערזעצונג:

„מיר האָבען געשיקט רופען די אָנגעזעהענסטע פון זיי, צו רעדען צו זייערע הערצער, אַז זיי זאָלען נישט מחלל השם זיין. אַז זיי זאָלען פאַרמינדערן די פאַרזאַמלונגען אום נישט צו געבען אַן אויסרייד פאַר דעם פשוט'ן פאָלק, מחלל השם צו זיין דורך זיי. אָבער אַנשטאָט זיי איינצושטילען האָבען זיי זייערע מיילער געעפענט אָהן אַ גרעניץ. און פאַר דער גאַנצער עדה האָבען מיר פון זיי געהערט ווערטער וואָס מען דאַרף זיך קורע זיין, און אויסשרייען, וועה צו דעם דור אַז אַזאַ זאַך האָט אין זיינע טעג פאַסירט, זאָגענדיג: „וואָס האָט איהר מיט אונז צו רעדען וועגען זאַכען וואָס איהר פאַרשטעהט נישט, און וועלכע זענען העכער ווי הויך."

די צוויי רבנים שליסען זייער בריעף מיט אַ שטאַרקע בקשה „צו דעם הייליגען רבי'ן, אויף וועמען עס רוהט דער געטליכער גייסט, די קרוין פון דער צייט, און דער גאון הדור, ער זאָל באַלד ענטפערען וואָס זיי זאָלען טהאָן".

אַ צווייטען בריעף צו דעם סאַנזער האָבען געשיקט ריישער בעלי בתים. דער אינהאַלט איז כמעט דערזעלבער וואָס אין דעם בריעף פון

די רבנים. די בעלי בתים זעצען אָבער צו, אַז די סאַדאַגורער חסידים, האָבען מבזה געווען די רבנים, אין די אויגען און אונטער די אויגען, מיט אַזעלכע באַליידיגונגען און בזיונות וואָס מען קען גאָר נישט אַרויסשרייבען, „און הגם די רבנים אַליין פאָדערן נישט אַז מיר זאָלען זייער כבוד פאַרטהיידיגען, איז עס אָבער אונזער פליכט זיך אָנצונעהמען פאַר דעם כבוד פון די רבנים און פאַר דעם כבוד פון דער תורה." די בעלי בתים דערצעהלען אויך, אַז די סאַדאַגורער חסידים האָבען מבזה געווען די אַלטע רבנים פון רישא די גאונים וואָס זענען שוין לאַנג נפטר געוואָרען. די בעלי בתים בעטען דאַריבער פון דעם הייליגען גאון אַז ער זאָל ענטפערן ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין מיט די סאַדאַגורער חסידים.

ב' תצוה תרכ"ט (מאָנטאָג פרשת תצוה אין דעם יאָהר תרכ"ט) האָט דער סאַנזער געענטפערט. אַן ענטפער וואָס איז געווען דער סיגנאַל פון אַ פייערדיגע מלחמה, וואָס האָט געדויערט זיבען יאָהר צייט.

קאַפּיטעל 29

דער מוראדיגער פסק דין פון סאנזער גאון, דערמאהנט אין דעם פסק דין פון ווילנער גאון געגען די חסידים. — אסר'ט די שוחטים, פסל'ט די תפילין ומזוזות, באפעהלט אוועקצושיקען די מלמדים. — דער פסק דין רופט ארויס א שרעקליכען חורבן. — סאדאגורער חסידים לאזען ארויס קלאנגען אז דער פסק דין איז א געפעלשטער. — אנדערע בריעף קומען צום סאנזער צדיק.

פון דער צייט וואָס די רײַשער רבנים און בעלי בתים האָבען אָנגע־פרעגט דעם סאַנזער גאון וואָס זיי זאָלען טהון וועגען די סאַדאַגורער חסידים, ביז דער סאַנזער האָט געענטפערט, האָט גענומען נישט מעהר ווי אַ וואָך צייט. דאָס באַווייזט, אַז דער סאַנזער האָט אײַגענטליך שוין פון פריהער געוואוסט פון די אַלע באַשולדיגונגען און אַנקלאַגען, אַז ער איז געוועזען איבערצייגט, אַז די באַשולדיגונגען זענען אמת און איז געוועזען גרײַט מיט זיין פסק דין. די ריישער בריעף האָבען נאָר געפונען דעם פּסי־כאָלאָגישען מאָמענט. ווייל עס איז אונמעגליך, אַז אַזאַ באַריהמטער גאון וצדיק, ווי עס איז געוועזען דער סאַנזער, זאָל אָנשרייבען אַזאַ מורא'דיגען פסק דין (ווי דער לעזער וועט באַלד זעהן), פון בלויז אַ בריעף, און אין עטליכע טעג צייט.

דער סאַנזער האָט זיין בריעף געענטפערט, ווי שוין געזאָגט, ב' תצוה תרכ"ט.

דער ענטפער פון סאַנזער דערמאָהנט שטאַרק אין דעם מורא'דיגען פסק דין, וואָס דער ווילנער גאון האָט אַרויסגעגעבען אין יאָהר תקל"ב אויף די חסידים. ער איז כמעט מיט דערזעלבער פייערדיגער שפּראַך און אין איהם פיהלט זיך דערזעלבער מסירת־נפש אינהאַלט. דער אונטערשיעד איז נאָר, וואָס אין יאָהר תקל"ב איז עס געוועזען אַ מתנגדישער גאון געגען חסידים און אין יאָהר תרכ"ט איז עס געוועזען אַ חסידישער גאון געגען אַן אַנדערע כתה חסידים.

איך גיב דאָ איבער נאָר דעם תמצית פון דעם פסק דין. נאָר דאָס וואָס איז נוגע צום ענין.

דער אָנפאַנג בריעף פון סאַנזער, איז אַן אויסגעשריי פון אויפרעגונג און אויפציטערניש. „חרדה אחזתני" — הויבט אָן דער בריעף — „בשמעי מגדפי התוה"ק, גברו ועתקו והרימו קול בשאיות על צדיקי הדור שבג"ע, ועל כוללות ישראל ודת תוה"ק" (אַ ציטערניש האָט מיך אַרומגענומען הערענדיג וועגען די לעסטערער פון דער הייליגער תורה, וועלכע האָבן זיך געשטאַרקט און אויפגעהויבן זייער קול, געגען די צדיקים וואָס זענען שוין אין גן עדן, געגען דעם כלל ישראל, און געגען דעם דת פון דער הייליגער תורה).

ווייטער דערמאָהנט דער בריעף די מורא'דיגע פּאַסירונג פון ליאָווער רבי'ן, און די באַהויפּטונג פון די חסידים זייערע, אַז די פּאַסירונג איז גבוה מעל גבוה, און ער שרייט אויס מיט ערביטערונג „ומה אפיקורסות גדולה מזו? ועונשו מבואר במקרא: והנפש אשר תעשה ביד רמה, את ה' הוא מגדף". און דאָ קומט דער פסק דין גופא בזה הלשון:

„אך להציל צאן קדשים אלו ב"י הקדושים ההולכים לתומם, ואותם כת הרשעים צודים לנפשם לקחת בחלק שפתם, מחוייבים אנחנו למסור את נפשותנו ולהודיע לרבים, כי המה מורדי אור, והסופרים שלהם המה מומרים, ואסור להניח תפילין ומזוזות שלהם, וגם אסור להתלמד בנים אצלם, כי הלומד אות אחת מן האמגושי המה משומדים, חייב מיתה בידי שמים. ושו"ב שלהם אסורים, והאוכל מזבחם כאלו אוכל מזבחי מתים. ולכן החיוב עליכם להודיע זאת לערכאות ולגרשם מהעיר, והמלמדים יגרשו תיכף, ולא יתמהמהו, בלי תשלומי שכר, ואח"כ תושיבו בי"ד ומה שיגיע להם ע"פ תורה, ישלחו להם הבי"ד לביתם. ומי שלא יוכלו לשלוח חוץ לעירם, הבדלו מתוך אהלי הרשעים, ולא תדברו עמהם מטוב ועד רע, ותבזו אותם בפניהם ובפני רבים ויתגלה קלונם."

איבערזעצונג:

„אָבער כדי צו באַשיצען די הייליגע אידען אויף וועמעס נשמות די רשעים לויערן, אַריינצוציהען מיט זייערע גלאַטע ליפּען, זענען מיר דאַרום מחויב, זיך מוסר נפש צו זיין און באַקאַנט מאַכען פאַר אַלעמען, אַז זיי זענען מורדים, און אַז זייערע סופרים זענען משומדים, און מען טאָר נישט באַנוצען זייערע תפילין און מזוזות, און מען טאָר נישט לאָזען לערנען די

קינדער בײַ זײערע מלמדים, ווײַל דער וואָס לערנט נאָר איין אות פון אַ משומד איז חייב מיתה, און זײערע שוחטים זענען אסורים, און מען טאָר פון זײער שחיטה נישט עסען, און דאַריבער איז עס אײער חוב באַקאַנט צו מאַכען דאָס אַלעס אין גערײכט הײזער און זײַ אַרויסצוטרײבען פון שטאָדט און די מלמדים זאָלען תיכף אַוועקגעטריבען ווערען, נישט וואַרטענדיג, און נישט באַצאָהלענדיג שכר למוד. דערנאָך זאָלט איהר זעצען אַ בית דין און וואָס זײ קומט על פי תורה, זאָל דאָס בית דין אַהײמשיקען אין זײערע הײזער. טהײלט זיך אָפּ פון די דאָזיגע רשעים. רעדט נישט מיט זײ, זײט זײ מבזה פאַר אַלעמען, און דעקט אויף זײער שאַנדע."

דער גאון ענדיגט ‑מיט אַ תפלה אַז גאָט ברוך הוא וואָס האָט אונז באַשערעמט פון שבתי צבי, און פון אַנדערע פאַלשע נביאים, זאָל אונז אויך באַשערמען פון דער דאָזיגער כתה, וואָס זענען פונקט אַזעלכע אפיקורסים. ער איז ווידער אַמאָל מזהיר, הזהר והזהר, נישט אויף זײ רחמנות צו האָבען און זיך נישט צוצוהערען צו זײערע פאַלשע רײד, ווײַל זײַ זענען אַלע משומדים.

דיעזער פסק דין איז פאַרשפרייט געוואָרען אין צעהנדליגע טויזענדער עקזעמפּלאַרען אין אַלע שטעדט און שטעדטלעך אין גאַליציען.

מען קען זיך קוים פאָרשטעלען דעם שטורעם, וואָס דער דאָזיגער פסק דין האָט אַרויסגערופען אין גאַליציען און אין אַנדערע לענדער, וואו עס האָבען זיך געפונען סאַנזער און סאַדאַגורער חסידים. מען דאַרף גדענקען אַז דער סאַנזער איז דאַן געשטאַנען אין די העכסטע מדריגה פון זײַן גאונות. ער איז פאַררעכענט געוואָרען אין די חסידישע לענדער, זאָגאַר צווישען די מתנגדישע גדולים אַלס דער פוסק האחרון. דער גאון, וואָס האָט דאָס לעצטע וואָרט אין דער הלכה. און דאָ קומט פון איהם אַזאַ מורא־דיגער פסק דין, וואָס ריהרט אָן נישט נאָר דעם כבוד, נאָר טאַקע די סאַמע פרנסה פון טויזענדער שוחטים, סופרים מלמדים און אַנדערע כלי קודש. עס איז געוואָרען פשוט אַ חורבן.

סאַנזער חסידים נאַטירליך, האָבען זאָפאָרט אָנגעהויבען מקיים פסק זײַן. זײַ האָבען אַוועקגעלײגט די ספרי תורות, די תפילין, די מזוזות, וואָס זענען געשריבען געוואָרען פון סאַדאַגורער חסידים. דאָרט וואו עס זענען געווען סאַדאַגורער שוחטים, האָבען די רבנים פון די שטעדט וואָס זענען

על פי רוב געווען סאַנזער חסידים, זאָפּאַרט גע׳אסר׳ט, און אַנגעשטעלט אַנדערע שוחטים. די מלמדים זענען אַרויסגעטריבען געוואָרען. קורץ, עס איז געוואָרען אַ מהומה, וואָס איז אפשר קיינמאָל נישט פאָרגעקומען צווישען אידען.

סאַדאַגורער חסידים האָבען זיך אין ערשטען אויגענבליק אינגאַנצען פאַרלוירען. זיי האָבען געוואוסט, אַז דער סאַנזער צדיק איז אַ ביטערער געגנער פון זייער אויפפיהרעכץ, אָבער אויף אַזאַ פסק דין האָבען זיי זיך נישט געריכט. זיי האָבען אַלזאָ געטהאָן דאָס בעסטע וואָס זיי האבען געקענט טהאָן. זיי האָבען אַרויסגעלאָזט קלאַנגען, אַז דער „פסק דין״ פון סאַנזער איז אַ געפעלשטער. אַז דער סאַנזער האָט אַזאַ פסק דין קיינמאָל נישט אַרויסגעגעבען.

עס האָבען דאַרום אָנגעפאַנגען אַרייַנשטראָמען צום סאַנזער בריעף פון אַלע שטעדט און שטעדטלאך וואו עס האָבען געוואוינט סאַנזער און סאַדאַגורער חסידים, אָנפרעגענדיג דעם צדיק, צי דער פסק דין וואָס ער האָט געשיקט קיין רישא איז פון אידם אַרויסגעגעבען געוואָרען, און וואָס זיי זאָלען טהאָן מכח די סאַדאַגורער חסידים אין זייערע שטעדט.

דער שטאַרקסטער פון אַלע בריעף איז געווען פון סטריזובער רב, ר׳ שלמה שפירא (שפעטער דער באַריהמטעסטער גוטער איד אין אונגאַרן. מונקאַטשער רבי).

קאַפּיטעל 30

א צווייטער מוראדיגער בריעף פון סאנזער גאון צום סטריזובער רב. — דער צווייטער בריעף צופלאקערט די מחלוקה נאך שטארקער. — ער הייסט באהאנדלען די סאדאגורער חסידים ווי מען באהאנדעלט א מסית. — א מעשה פון גארליץ. — א מעשה פון דראהביטש. — וואס האבען געזאגט די סאדאגורער צדיקים גופא?

ר׳ שלמה שפּירא, דער סטריזובער רב, איז שוין דאַן אַלײן געװען אַ רבי פון אַ סך חסידים. ער איז געװען אַן אײניקעל פון דעם גרויסען רבי ר׳ הירש מלך פון דינוב. ער שרײַבט צום סאַנזער מיט אַ געװאַלדיגע הכנעה (אונטערטעניגקײַט) ער באַטיטעלט דעם סאַנזער: „רב הרבנים, גאון הגאונים, קודש הקדשים, רבן של כל בני ישראל“ (דער רב פון רבנים, דער גאון פון גאונים, דער הײַליגער פון אַלע הײַליגע, דער רבי פון גאַנצען פאָלק ישראל). ער דערצעהלט דעם סאַנזער, אַז אין זײַן שטאָדט זענען די סאַדאַגורער חסידים נאָך ערגער װי אין רישא. ער שרײַבט מיט ער־ביטערונג:

„עברו חק, הפרו התורה מראשה ועד סופה, תורה שבכתב ותורה שבע״פ בפרהסיא, בריש גלי. מלבד אשר ענו וצערו ובזו התלמידי חכמים בכל מקומות מושבותיהם כידוע לאדמו״ר. ובכאן עירנו פה, הנה רעים וחטאים יותר מבכל העיירות. ואם נבוא לבאר מעשיהם תקצר היריעה מהכיל“, (זײַ איבערפיהרען דאָס געזעץ, זײַ פאַרשװעכען די תורה, פון אנפאַנג ביז ענד, די תורה שבכתב און די תורה שבעל פה עפענטליך, אויסער װאָס זײַ פלאַגען און זענען מבזה תלמידי חכמים איבעראַל װאו זיי װאוינען. און דאָ בײַ אונז אין שטאָדט זענען זײַ נאָך ערגער װי אין אַנדערע שטעדט, צו דערצעהלען זייערע מעשים װאָלט דאָס פאַפּיער נישט זיין גענוג). דער סטריזובער ענדיגט:

„נא אדמו״ר יכתוב נא תיכף, ואל מי נפנה, אם לא אל אדמו״ר, הלא אנחנו עמו וצאן מרעיתו. (זאָל דער רבי אַזוי גוט זײַן און ענטפערען באַלד,

דען צו ווענען דען זאָלען מיר זיך ווענדען אויב נישט צום רבי'ן וועמעס פּאָלק מיר זענען).

דער ענטפער פון סאַנזער צום סטריזובער איז נאָך שאַרפער ווי דער ענטפער צו די ריישער רבנים.

אין אָנפאַנג פון זיין ענטפער, אַנטוויקעלט דער סאַנזער אַן ערקלערונג וועגען תורה שבכתב און תורה שבעל פה וועלכע זענען איינס. אַז איינע אָהן די צווייטע קען גאָר נישט זיין. אַז דער וואָס חיל מבטל מאַכען נאָר איין זאַך פון תורה שבעל פה וועט סוף כל סוף ווערען אַ כופר בכל התורה כלה. דאַן אַנטוויקעלט ער אַן ערקלעהרונג וועגען פשטת התורה (דאָס אָפענבאַרע פון דער תורה) און פנימיות התורה (דאָס פאַרבאָרגענע פון דער תורה). דאָס פנימיות התורה זאָגט ער, איז אָבער זעהר פאַרהוילען, וואָס נישט אַלע קענען פאַרשטעהן. און אפילו די גרויסע עבדי ד׳ (גאָטס קנעכט) ווי דער האר״י הקדוש און דער בעל שם הקדוש, הגם זיי האָבען מגלה געווען (אויפגעדעקט) די פנימיות התורה, האָבען זיי אָבער מזהיר געווען (געוואָרענט) חס ושלום נישט עובר צו זיין אפילו אויף אַ האָר פון דער פשטות התורה, ווי זי ווערט געלערנט אין שלחן ערוך. זייער יראה איז געווען אָהן אַ שיעור. זיי האָבען זיך געפּייניגט און זיך דערווייטערט פון אַלע וועלטליכע פאַרגניגענס. אָבער איצט! שרייט אויס דער סאַנזער מיט פייער!

„והנה, זה קמו ב״א הפרו התורה, השחיתו והתעיבו, באין סגופים ומקוואות, וגם טבילת עזרא בטלו, ומרבים ממונם, וימאנו לעשות צדקה. שמנו, עשתו והתעיבו, וכל התנהגם בגודל וגאון לב, והולכים בדרכי האומות, ללבוש בגדים שיש בהם קרוב לודאי חשש שעטנז. ומסלסלים בשערם ע״י הבטה במראה, וכמה זמן מבטלים בזה, ונשיהם עוברים דת יהדות כמבואר באה״ע סימן קט״ו, ואומרים שהכל הוא דרך גבוה מהש״ע ועי״ז מקלקלים רבים אתם וינהו אחריהם כל העם המתאוים.“

פרייע איבערזעצונג:

„און איצט זענען אויפגעשטאַנען מענשען וואָס פאַרשוועכען די תורה. זיי ווייסען נישט פון סגופים (פּייניגען) און מקוואות. און זאָגאַר „טבילת עזרא“ האָבען זיי אָפּגעשאַפט. זיי זאַמלען געלד אָבער צדקה גיבען זיי נישט. זייער פיהרעכץ איז מיט גרויסקייט, מיט גאוה. זיי געהן אין די

וועגען פון די גוים, און טראָגען קליידער כמעט ווי זיכער פון שעטנז. זיי פאַרברענגען זייער צייט אין שפּילען זיך. זייערע פרויען זענען עובר אויף דעם אידישען דת, און זיי זאָגען אַז אַלעם איז העכער פון שלחן ערוך. און אַזאַ פּיהרעכץ ברענגט פאַרדאָרבענהייט פאַר אַ סך פון די וואָס פאָלגען נאָך זייערע וועגען."

דער סאַנזער ענדיגט דעם בריעף מיט די ווערטער:

„אך זאת החיוב עלי לגלות לכם ולהודיע, שהדרך הזה הוא אפיקורסות גמור, ואסור לדבר עם כת הזאת ולקיים לא תאבה ולא תחמול כאשר במסית וכו'. ולכן מי לה' רדפו מהר אחריהם ולא תחנם, ובזה יקוים הפסוק ונתן לך רחמים כו' כמו שנאמר בעיר הנדחת."

איבערזעצונג:

דערפאַר איז עס מיין חוב (פליכט) מגלה צו זיין, אַז דער דאָזיגער וועג איז דורכאויס אפיקורסות, און אַז מען טאָר מיט דער דאָזיגער כתה נישט רעדען, און מען טאָר אויף איהר נישט קיין רחמנות האָבען. דאַריבער ווער עס איז צו גאָט זאָל זיי יאָגען אָהן רחמנות.

עס איז איבריג צו זאָגען, אַז דער דאָזיגער בריעף פון סאַנזער, וועלכער איז פונקט ווי דער ריישער בריעף פאַרשפּרייט געוואָרען אין צעהנדליגע טויזענדער עקזעמפּלאַרען אין גאַליציען און אין אַנדערע מדינות, האָט צופלאַקערט די מחלוקה מיט נאָך מעהר שטאַרקייט. איצט איז די מלחמה צווישען די צוויי ערליי חסידים געוואָרען אַ נאָך מעהר פאַרצווייפעלטע. קינדער זענען געוואָרען ביטערע שונאים פון זייערע עלטערן, און עלטערן האָבען זיך געזעצט „שבעה" נאָך זייערע קינדער, אויב די קינדער זענען נוטה געווען צו איין צד און די עלטערן צום צווייטען צד. קיינמאָל איז אין גאַליציע נישט פאָרגעקומען אַזויפיעל גיטין (שיידונגען) ווי אין יענעם יאָהר און אין די נאָכפאָלגענדע יאָהרען.

אין גאָרליץ, אַ שטעדטעל אין גאַליציע, איז דאַן געווען דער ראש בית דין אַ איד, אַ גדול בישראל, ר' חיים ריכוואלדער האָט מען איהם גערופען. ער האָט געהאַט אַן איידעם אבוש'ל, אַ גרויסער תלמיד חכם. פּלוצלינג איז אבוש'ל געוואָרען אַ סאַדאַגורער חסיד, ווערענד זיין שווער, ר' חיים'ל ריכוואלדער, איז געווען אַ פייערדיגער סאַנזער חסיד. אבוש'ל איז אַוועק קיין סאַדאַגורע, און האָט געשריבען צו זיין יונגע פרוי, אַז זי

זאָל צו איהם קומען קיין סאַדאַגורע און דאָרט צוזאַמען לעבען גליקליך. די פרוי אָבער האָט בשום אופן נישט געוואָלט מאַכען אַזאַ שריט, וועלכער איז בײַ איהר געווען ערגער ווי שמד'ן זיך.

אבוש'ל איז צוריקגעקומען קיין גאָרליץ, ממש מיט מסירת נפש. ער איז געלעגען באַהאַלטען אין קעלערען, מורא האָבענדיג אַז די סאַנזער חסידים זאָלען איהם נישט ממית'ן. מאַן און ווייב פלעגען זיך צוזאַמענ־קומען אין געהיים. זיי האָבען זיך געליעבט. די פרוי האָט פאַרגעסען ביטערע טרעהרען בעטענדיג דעם מאַן ער זאָל זיך אָפּזאָגען פון סאַדאַגורע, און דער מאַן האָט געקלאָגט און געוויינט, בעטענדיג אַז די פרוי זאָל זיך אָפּזאָגען פון סאַנז. קיינער אָבער האָט נישט געוואָלט נאכגעבען. דער סוף איז געווען — אַ גט.

דאָס איז געווען נישט קיין גט, נאָר אַ לויה. אַלע וואָס האָבען דעם גט בייגעוואוינט האָבען פאַרגאָסען ביטערע טרעהרען.

אין דראָהאָביטש האָט געוואוינט אַ רייכער איד, ר' יצחק ווייצנער, אַ סאַנזער חסיד. ער האָט פאַרמאָגט איין־אײנציגען זוהן, אַ זיידענער יונגער־מאַנטשיק. אלקנה האָט מען איהם גערופען. ער האָט חתונה געהאַט אין אַ רייך הויז, אויך סאַנזער חסידים, און געלעבט מיט זיין פרוי גליקליך. פּלוצלינג איז אלקנה נעלם געוואָרען (פאַרשוואונדען). נאָך פיעלע נאָכ־פאָרשונגען האָבען די עלטערן אויסגעפונען אַז אלקנה איז געוואָרען אַ סאַ־דאַגורער חסיד און געפינט זיך אין סאַדאַגורע. אין דעם הויז פון ר' יצחק ווייצנער איז געוואָרען אַ חורבן, אַ יללה, אויף אַזאַ אומגליק האָט זיך קיינער נישט גערעכט.

ר' יצחק ווייצנער האָט זיך געווענדט צו דעם צדיק פון שטאָדט, ר' ישעיה'לע וועלכער איז אויך געווען אַ סאַנזער חסיד, פרעגענדיג וואָס ער זאָל טהאָן מיט זיין זוהן, דער בן סורר ומורה. דער צדיק האָט באַפוילען אַז די עלטערן זאָלען רייסען „קריעה", זיצען „שבעה" און פאַרגעסען אַז זיי האָבען אַמאָל געהאַט אַ זוהן אלקנה.

די עלטערן האָבען געפאָלגט.

שפּעטער, ווען אלקנה איז צוריקגעקומען פון סאַדאַגורע, האָט ער געטראָפען די טהירען פון זיינע עלטערן און פון זיין שווער און שוויגער פאַר איהם פאַרשלאָסען. קיינער האָט איהם נישט געוואָלט אַרייַנלאָזען. ער האָט

זיך געווענדט מיט טרעהרען אין די אויגען צו זיין יונגע פרוי, אָבער אויך זי האָט פון איהם מעהר נישט געוואָלט וויסען. אויסער אַז ער וועט זיך אָפּזאָגען פון סאַדאַגורע.

אלקנה האָט אויפגעגעבען זיינע עלטערן, זייער פאַרמעגען, די ליעבע פון זיין פרוי, אָבער נישט סאַדאַגורע.

דער סוף איז געווען — אַ גט.

אַזעלכע געשיכטען האָבען זיך אָפּגעשפּיעלט בכל יום ויום (טעגליך) אין אַלע שטעדט און שטעדטלעך אין גאַליציע, וואו עס האָבען געוואוינט די צווייערליי חסידים, סאַנזער און סאַדאַגורער.

אָבער ווי גרויס עס איז געווען דער חורבן פון גיטין (שיידונגען) איז אָבער נאָך גרעסער געווען דער חורבן פון די גע'אסר'טע שוחטים, מלמדים, סופרים און אַנדערע כלי קודש. דער איסור פון סאַנזער געגען די דאָזיגע כלי קודש, האָט אָנגעריהרט דעם סאַמע לעבענס-עקזיסטענץ פון די גע-אסר'טע און דאָס האָט איבעראַל אַרויסגערופען די מורא'דיגסטע סצענעס; קריגערייען, מסירות, פראָצעסען און אויך אַנדערע פלעצער טאַקע הריגות ממש.

* *

*

וואָס האָבען אין דער דאָזיגער מורא'דיגער צייט געטהאָן די סאַדאַ-גורער צדיקים גופא? ווי אַזוי האָבען זיי אויפגענומען דעם פסק דין פון סאַנזער גאון?

זיי האָבען פשוט געשוויגען. — עס זענען געווען צוויי סיבות:

ערשטענס זענען זיי געווען נידערגעשלאָגען פון דער טרויריגער פאַ-סירונג פון זייער ברודער ר' בערעניו פון ליאַווע. צווייטענס האָבען זיי זיך נישט געפיהלט שטאַרק גענוג צו שטעלען זיך געגען אַזאַ ריעז אין גאונות, ווי עס איז געווען ר' חיים'ל סאַנזער.

די סאַדאַגורער צדיקים האָבען זיכער געוואוסט פון דער מחלוקה פון ווילנער גאון געגען די חסידים. זיי האָבען אויך זיכער געוואוסט, אַז הגם דער גאון איז אַרויס געגען די חסידים מיט די ביטערסטע חרמות און גידופים „להדפם ולרדפם ברדיפות מלאות הזעם ולהחרימם, ולעקור שרשם בנפשם ומאדם, לעקור אותם, ולשרש אתהם כדין ע"ז (דער לשון פון

גאון׳ס חרם). זיי צו פאַרשטויסען, זיי צו יאָגען, מיט פאַרפאָלגונגען פול צאָרן. זיי עוקר זיין מיט זייערע נפשות און געלד. און זיי אויסצואוואָרצלען ווי מען דאַרף אויסוואָרצלען אַן עבודה זרה. — פונדעסטוועגן האָבען די חסידישע רביים פון יענער צייט, ווי ר׳ מענדעלי וויטעבסקער, ר׳ שניאור לאדיער, ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער און אַנדערע, נישט נאָר נישט גע־ענטפערט מיט אירגענד וועלכען אומכבוד געגען דעם גאון, נאָר אדרבה, זיי האָבען מזהיר געווען זייערע חסידים, הזהר והזהר, נישט אָנצורירען חס ושלום דעם כבוד פון גאון גופא. די סאַדאַגורער צדיקים האָבען איצט געוואָלט שפּיעלען דיזעלבע ראָלע — נישט צו באַריהרען דעם כבוד פון סאַנזער גאון, קיין אונטערשיעד, וואָס ער זאָל אויף זיי נישט זאָגען.

אַ חסידישע אגדה דערצעהלט, אַז אַ גרופּע געהויבענע טשאָרטקאָ־ווער חסידים זענען אַריין צו זייער רבי׳ן, ר׳ דוד משה׳ניו און האָבען איהם געוויזען דעם פּסק דין פון סאַנזער, בעטענדיג דעם צדיק, ער זאָל אַרויס געגען דעם סאַנזער.

ר׳ דוד משה׳ניו האָט גאָר נישט געענטפערט, נאָר געזאָגט ווי צו זיך אַליין: „אַ וואונדער, אַ וואונדער, אַזאַ גרויסער גאון און גוטער איד, ווי ר׳ חיים׳ל סאַנזער זאָל מקבל זיין לשון הרע״.

עהנליכעס ווערט אויך דערצעהלט וועגען דעם סאַדאַגורער צדיק, ר׳ אברהם יעקב׳ניו.

קאַפּיטעל 31

אויך ר' אברהם יעקב'ניו הייסט נישט ענטפערען דעם סאנזער. — א תורה'לע פון לובלינער. — דער צדיק ר' מלך'ל גראדזיצקער בעט דעם סאנזער צדיק ער זאל די מחלוקה אפשטעלען. — דער סאנזער ענטפערט. — דער באריהמטער ר' מענדעלי וויזניצער פאדערט פון סאנזער ער זאל מפייס זיין די סאדאגורער צדיקים. — דעם סאנזער'ס תשובה.

נאָכדעם די איסורים פון סאַנזער געגען די סאַדאַגורער זענען געוואָרען אַלץ שרעקליכער און מורא'דיגער, האָבען עטליכע געהויבענע חסידים, מיט דעם טורקאַ'ר רב ר' מאיר ליבוש אין דער שפּיצע, זיך געווענדט צום סאַדאַגורער, ר' אברהם יעקב'ניו, און פאַרלאַנגט פון דעם צדיק אַז ער זאָל אַרויס געגען סאַנזער.

„מיר קענען מעהר נישט שווייגען" — האָט ר' מאיר ליבוש גע'טענה'ט — „עניוות מוז אויך האָבען אַ גרעניץ, דער סאַנזער איז אונז מבזה, ער איז מבזה די הייליגע קינדער פון ר' ישראל'טשי, און מיר מוזען איהם ענטפערן."

אַ חסידישע אגדה דערצעהלט, אַז אויסהערענדיג פון טורקאַ'ר רב וואָס די דעלעגאַציע פאַרלאַנגט פון איהם, האָט ר' אברהם יעקב'ניו איהם דערצעהלט פאָלגענדע געשיכטע:

דער בעל „קצות החשן" (ר' אריה ליב ב"ר יוסף הכהן) איז געווען אַ שרעקליכער מתנגד אויף דעם „חוזה" (דער רבי ר' איציקל פון לובלין). נישט קענענדיג פאַרטראָגען די בזיונות וואָס דער „קצות" האָט געשליידערט אויף זייער רבי'ן, זענען די לובלינער חסידים פון סטרי (וואו דער „קצות" איז דאַן געווען רב) אַרויס געגען דעם גאון מיט אַן אנגריף. דער סוף איז געווען אַז דער „קצות" האָט אויף זיי אַרויפגעלעגט אַ „שמתא דרבנן". דאָס הייסט, ער האָט זיי אַריינגעלעגט אין חרם אויף דרייסיג טעג.

די חסידים האָבען זיך דערשראָקען און זענען געלאָפען צו זייער רבי'ן קיין לובלין, פרעגען וואָס זיי זאָלען טהאָן.

הערענדיג וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט דער רבי ר׳ איציקל אַרויס־געטריבען די חסידים פון זיין הויז, וואָרנענדיג זיי, נישט אַריינצוקומען אין זיין הויז ביז נאָך די דרייסיג טעג. דעם גאון׳ס חרם איז אַ גערעכטער, האָט דער „חוזה“ געשריען.

ווען די דרייסיג טעג זענען פאַריבער, האָט דער „חוזה“ געלאָזט אַריינ־רופען זיינע סטריי׳ער חסידים און האָט צו זיי געזאָגט אָט דאָס דאָזיגע שטיקעל תורה:

„ווען גאָט ברוך הוא האָט געשטראָפט אהרן און מרים, ווייל זיי האָבען גערעדט אויף זייער ברודער משה׳ן (נאָכדעם ער, משה, האָט חתונה געהאַט מיט אַן אשה כושית) שטעהט אין דער תורה: „ומדוע לא יראתם לדבר בעבדי במשה“, (פאַרוואָס האָט איהר נישט געשראָקען צו רעדען אויף מיין קנעכט, אויף משה׳ן), זאָגט אויף דעם דער מדרש „בעבדי“ אף על פי שאינו משה; „במשה“ אף על פי שאינו עבדי.“ (איהר האָט נישט געטאָרט רעדען אויף מיין קנעכט, אפילו ער וואָלט נישט געווען קיין משה; און איהר האָט נישט געטאָרט רעדען אויף משה׳ן אפילו ער וואָלט נישט געווען מיין קנעכט).

„איז דער ענין דערפון אַזוי: „משה“ ווערט אָנגערופען דער גדול הדור אין נגלה, „עבדי“ ווידער ווערט אָנגערופען דער עבד ד׳, דער צדיק וואָס דינט גאָט אפילו ער איז נישט קיין גדול אין נגלה, און אָט דאָס וואָס דער מדרש מיינט: מען טאָר נישט רעדען אויף דעם גדול הדור, פונקט ווי מען טאָר נישט רעדען אויף דעם צדיק הדור. איהר אָבער האָט גערעדט אויף אַזאַ גאון ווי דער „קצות החשן“, און איהר האָט פאַרדיענט דעם חרם.“

דאָס איז געווען ר׳ אברהם יעקב׳ניוס ענטפער: אַ ווינק, אַז מען טאָר נישט אַרויס געגען סאַנזער, ווייל ער איז דער גדול הדור.

עס זעהט אָבער אויס, אַז די סאַדאַגורער חסידים האָבען זיך ווייניג געקומערט פון זייער רבין׳ס וואָרנונג, און זענען טאַקע באַלד אַרויס מיט אַ פייערדיגען איסור געגען סאַנזער גופא.

אָבער איידער איך געה דערצעהלען פון דעם מערקווירדיגען „איסור“, איז ווערטה צו באַמערקען אַז אָבוואָהל די גדולי ישראל און די צדיקים פון דור האָבען כמעט אַלע געהאַלטען מיט דעם סאַנזער, איז אָבער געווען

אייניגע גוטע אידען, וואָס האָבען געהאַלטען מיט די סאַדאַגורער צדיקים און זיי פאַרטהיידיגט.

פון די באַריהמטע גוטע אידען וואָס האָבען פאַרטהיידיגט די סאַדאַ-גורער צדיקים, איז געווען דער רבי ר׳ מלך׳ל גראָדזיצקער.

ר׳ אלימלך גראָדזיצקער איז געווען דעם קאָזיניצער מגיד׳ס אן אייני-קעל. ער איז אַליין געווען אַ רבי פון צעהנדליגע טויזענדער חסידים. ער פלעגט יעדעס יאָהר פאָהרען צום סאַנזער צדיק, נישט בתורת חסיד, נאָר בתורת חבר. דער סאַנזער האָט פון איהם שטאַרק געהאַלטען.

דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות האָט געהאַט די זכיה דעם דאָזיגען ר׳ מלך׳ל צו קענען. דאָס איז באמת געווען אַ פלאַם פייערדיגער איד.

ווען דער סאַנזער איז אַרויס אין אַ מחלוקה געגען די סאַדאַגורער צדיקים, איז ר׳ אלימלך׳ל גראָדזיצקער געווען פון די ערשטע צו פרובירען די מחלוקה אָפּצושוואַכען. ער האָט געשריבען צום סאַנזער אַ בריעף, מיט גרויס הכנעה (אונטערטעניגקייט). ער פרעגט דעם סאַנזער:

„ילמדנו רבנו, הלא אתה בעצמך עשית משתה ושמחה בעת שר׳ ישראל׳טשי מריזין נחלץ מצרה, ואמרת „כי ראוי ונכון לכל איש שבשם ישראל יכונה, להתערב בשמחה זאת. כי המשפחה הזאת ממעי יהודה יצאה וממלכות בית דוד יבואו. ע״כ נכון מאד לשמוח בשמחתם ולהשתתף בצערם״. ומדוע נהפך רבנו עתה, לרדוף באף את כל בני המשפחה הקדושה הזאת, בשביל אחד שחטא ושב? תורה היא וללמוד אני צריך.״

איבערזעצונג:

„זאָל אונז דער רבי לערנען! איהר אַליין האָט דאָך געמאַכט אַ סעודת שמחה, בעת ר׳ ישראל׳טשי ריזינער איז באַפרייט געוואָרען פון תפיסה. איהר האָט געזאָגט, אַז יעדער מענש וואָס רופט זיך איד, דאַרף אָנטהייל נעהמען אין דער דאָזיגער שמחה, ווייל די דאָזיגע משפחה שטאַמט פון מלכות בית דוד. און וואָס איז דאָס איצט אַזוינס געוואָרען וואָס איהר רבי. רודף׳ט מיט אַזאַ צאָרן די גאַנצע הייליגע משפחה, וועגען איינעם וואָס האָט געזינדיגט און תשובה געטהאָן?״

דער ענטפער פון סאַנזער צום גראָדזיצקער טראָגט אין זיך דעמזעלבען פייער ווי אַלע זיינע בריעף מכח דעם ענין. ער הויבט אָן מיט אַ וועה-געשריי אויף דעם געשעהעניש: „אוי לנו שהגיע כך בימינו (וועה איז אונז

אַז אין אונזערע טעג האָט אַזוינס געטראָפען). ער זאָגט, אַז ביז איצט האָט ער די סאַדאַגורער ברידער געשטעלט אויף דער חזקה, איצט אָבער, ווען עס האָט געטראָפען מיט איינעם פון זיי דאָס שרעקליכסטע „כי מרד בד' ובתורתו" (וואָס האָט אָפּגעקעהרט פון גאָט און פון דיין תורה) איז שוין דאָ אַ חשש (אַ פאַרדאַכט) אויך אויף די איבריגע ברידער. „כי ראינו שעוסקים רק במתן כסף וזהב, וגודל גבהות לבם שאין למעלה מהם, ורוכבים על מרכבת כסף וזהב יקרים מאד, ונשותיהם הולכות בפריצות יתירה אשר עפ"י תורה הקדושה מבואר בש"ע אה"ע שעוברים דת יהדות, גם אמרו לי שהנשים רוכבות על סוסים כדרך אומות העולם, ואיה איכה נאמר כי יראים המה." (נאָכדעם מיר האָבען געזעהן אַז זיי באַשעפטיגען זיך מיט גאָלד און זילבער, און צו זייער גאוה איז גאָר נישטאָ קיין גלייכען, און זיי פאָהרען אויף זילבערנע און גאָלדענע קאַליעסען, און זייערע פרויען געהען פאַרשייט וואָס דאָס איז אסור לויט די תורה הקדושה, און מען זאָגט מיר אויך, אַז די פרויען רייטען אויף פערד, ווי דער מנהג פון די גוים, טו ווי אַזוי קען מען זאָגען אַז זיי זענען יראים?) (גאָטספאָרכטיג). דער סאַנזער שליעסט זיין בריעף: „אויב זיי וועלען תשובה טהאָן, און די פרויען וועלען אויסטהאָן זייערע פאַרשייטע קליידער, און זיך קליידען ווי עהרליכע אידישע פרויען דאַרפען זיך קליידען, און אויב זיי וועלען צו זיך נישט צולאָזען אַזעלכע וואָס זענען מבזה תלמידי חכמים, דאַן וועט זיין זייער חלק מיט אַלע חכמי הדור. אויב אָבער אַז זיי וועלען אַזוי נישט טהאָן, דאַרף מען זיי נישט מקרב זיין.

אין דעם בריעף וואָס איז געשריבען מיט דעמזעלבען מסירת נפש־פייער ווי די אַנדערע בריעף פון סאַנזער, פיהלט זיך אָבער שוין נישט אַזוי שטאַרק דער איסור. וואַהרשיינליך האָט דער סאַנזער געוואָלט שוינען זיין תלמיד און חבר, דעם גראָדזיצקער צדיק, וועלכער איז געווען אַ מחותן פון דעם סאַדאַגורער צדיק, ר' אברהם יעקב'ניו.

אַ צווייטער גוטער איד וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַר די סאַדאַגורער צדיקים איז געווען ר' מענדעלי וויזניצער, אַ שוואָגער פון די סאַדאַגורער צדיקים (דעם רבי'ן ר' ישראלטשי'ס אַן איידעם), פון איהם האָט דער סאַנזער געהאַלטען גאָר, גאָר הויך. וואָס ר' מענדעלי האָט צום סאַנזער געשריבען, איז נישט פאַרעפענטליכט געוואָרען, אָבער פון סאַנזערס ענט־

פער צו ר׳ מענדעלי׳ן זעהט מען אַרויס, אַז ר׳ מענדעלי האָט געפאָדערט, אַז דער סאַנזער זאָל מפייס זיין די סאַדאַגורער צדיקים. די דאָזיגע פאָדע־רונג פון ר׳ מענדעלי׳ן האָט ווי עס זעהט אויס, באַריהרט דעם סאַנזער ביז צום נפש. ער שרייבט אונטער אַנדערעם:

„ועתה רוצה מר רבא נ״י שאפייס אותם, ולכתוב שהמה צדיקים! לא ידעתי האיך מלאו לבו, לאחר שקנאתי קנאת ד׳ צבאות, ממש במס״נ, לעזור לתוה״ק, והנה יביא אותי לאחר זאת לפיים להאפקורסים? אך בזאת, אם ידפסו מודעה בשם כל האחים כי המה מאמינים בתורה, ולא לסור מדרכי הש״ע כל שהוא, אז אכתוב עליהם, כי המה צדיקים, ושבים בכל לב.״

איבערזעצונג:

„און איצט ווילט איהר איך זאָל זיי מפייס זיין (איבערבעטען), און איך זאָל אויף זיי שרייבען אַז זיי זענען צדיקים! איך קען נישט פאַרשטעהן, ווי איהר וואַגט אַזאַ זאַך צו פאָדערן. נאָכדעם ווי איך בין אַרויס פאַר גאָט און פאַר דער תורה הקדושה, מיט מסירת נפש ממש, זאָל איך דערנאָך מפייס זיין אפקורסים? דער סאַנזער ענדיגט זיין בריעף מיט די ווערטער: איך האָב נאָר איין באַדינגונג: אויב זיי וועלען פאַרעפענטליכען אַ באַקאַנט־מאַכונג, אין נאָמען פון אַלע ברידער, אַז זיי גלויבען אין דער תורה, און וועלען נישט אַרונטערגעהן פון שלחן ערוך אויף אַ האָר, דאַן וועל איך שרייבען אַז זיי זענען צדיקים, און טהוען תשובה מיט דעם גאַנצען האַרץ.״

אָט די צוויי צדיקים, ר׳ מלך׳ל גראָדזיצקער און ר׳ מענדעלי וויזניצער, זענען געווען כמעט די איינציגע צדיקים אין דור, וואָס האָבען זיך אָנגענומען פאַר די סאַדאַגורער ברידער. בײַדע זענען אָבער נישט אַרויס געגען סאַנזער, נאָר אדרבה, צו איהם גערעדט מיט הכנעה און געבעטען איהם, ער זאָל די מחלוקה געגען די סאַדאַגורער צדיקים אויפהערען.

* *
*

ווי עס איז שוין דערצעהלט געוואָרען, האָבען די סאַדאַגורער צדיקים, איבערהויפט ר׳ אברהם יעקבניו פון סאַדאַגורע און ר׳ דוד משה׳ניו פון טשאָרטקאָוו, די צוויי גרעסטע גוטע אידען פון ר׳ ישראלטשי׳ס זיהן, נישט געוואָלט אויפנעהמען אַ קאַמפף געגען דעם סאַנזער צדיק. זיי האָבען אויך געוואָרענט זייערע חסידים, הזהר והזהר, נישט פוגע בכבוד צו זיין

פון סאַנזער גאון. שטילערהייט אָבער, האָבען זיי זיך געווענדט צו ר׳ אהר׳לע טשערנאָבלער, אַז ער, ר׳ אהר׳לע, זאָל חס זיין אויף דעם כבוד פון זייער פאָטער ר׳ ישראל׳טשי ריזינער, און אויף דעם כבוד פון זייערע זיידעס, דער מגיד און דער מלאך, און משתיק זיין דעם סאַנזער פון דעם מורא׳דיגען קאַמפף וואָס ער פיהרט אָן געגען זיי מיט אַזאַ ביטערקייט.

ר׳ אהר׳לע טשערנאָבלער, ווי איך האָב שוין באַמערקט אין אַ פריהער־דיג קאַפּיטעל, איז געווען דער עלטעסטער פון ר׳ מאָטעלי׳ס קינדער. ר׳ מאָטעלי האָט איבערגעלאָזט אַכט זיהן. ר׳ אהר׳לע, ער איז געבליבען דער ממלא מקומו נאָך זיין פאָטערס פטירה; ר׳ משה׳לע קאָריסטושובער; ר׳ יעקב ישראל הורנוסטיפּאָלער; ר׳ נחום מאקאריבער; ר׳ אברהם׳לע, טריסקער מגיד; ר׳ דוד׳ל וואסליקאָווער, שפּעטער טאַלנער; ר׳ יצחק׳ל סקווערער און ר׳ יוחנן ראחמיסטריווקער. אַלע זענען זיי געווען רבי׳ס פון טויזענדער חסידים. ר׳ מאָטעלי האָט אויך איבערגעלאָזט דריי טעכטער: מלכה, חנה חיה און שיינדעלי. די לעצטע איז געווען, ווי שוין דערצעהלט, ר׳ בערעני׳ו ליאָזוערס ווייב.

אין אָנפאַנג האָט ר׳ אהר׳לע נישט געוואָלט זיך מישען אין דער מחלוקה. „וואָס קען איך טהאָן" — האָט ער געזאָגט צו זיינע מקורבים, קריגענדיג דעם בריעף פון זיין איידעם ר׳ דוד משה׳ניו — „דער סאַנזער רבי איז אַ גרויסער צדיק, ער וואוינט נאָהענט פון זייער גרעניץ, און ווייס מן הסתם וואָס ער שרייבט". דאָס באַווייזט באמת אַ היי׳ליגע תמימות. ער האָט נישט געשוינט זאָגאַר זיין אייגענעם איידעם און זיין אייגענעם שוואָגער. שפּעטער, ווען די מחלוקה געגען די סאַדאַגורער האָט שוין דערגרייכט עד לב השמים, אַזוי אַז דער סאַנזער האָט געשריבען בפום ביה: וכל האחים אחי המומר המה כיוצא בו האָט זיך זיין איידעם, דער טשאָרטקאָווער צדיק, צו איהם געווענדט, אַז ער, ר׳ אהר׳לע, זאָל דעם סאַנזער משתיק זיין.

עס דאַרף דאָ געזאָגט ווערען, אַז דער סאַנזער צדיק האָט שטאַרק געהאַלטען פון אַלע טשערנאָבלער צדיקים. מיט איינעם פון ר׳ מאָטעלי׳ס זיהן, ר׳ יעקב ישראל, וועלכער איז געווען דער גרעסטער למדן צווישען אַלע אַכט ברידער, האָט זיך דער סאַנזער משדך געווען. (ר׳ מאָטעלי הורנוסטי־פּאָלער, דעם סאַנזער צדיק׳ס איידעם, איז געווען ר׳ יעקב ישראל׳ס אייניקעל). הויפּטזעכליך האָט דער סאַנזער געהאַלטען פון ר׳ אהר׳לע, דער ממלא מקומו פון ר׳ מאָטעלי טשערנאָבלער.

באַמערקונג

אויף זייטען 193—194 ציטירט דער מחבר און רעדט אַרום אַ בריוו, וואָס עס האָט געזאָלט שרייבען הרה"ק רבי אהרן טשערנאָבלער זצ"ל.

דער מחבר, יהושע ראָקער, גיט אָן דעם מקור פון בריוו דאָס בוך „רבי דוב מליאובה" פון הרב יחזקאל מתתי' גוטמאַן שליט"א (קלוזש תרפ"ה).

הרב גוטמאַן שליט"א, היינט אין יפו, האָט אַרויס־געגעבען אַ נייע אויפלאַגע פון „רבי דוב מליאובה" (תל־אביב תשי"ב), און האָט דעם דערמאַנטען בריוו אַרויס־געלאָזט.

מיר האָבען געזען אַן אייגענהענדיגען בריוו פון הרב גוטמאַן, אַלס ענטפער צו אַ פריינט, וועלכער האָט גע־בעטען ביי הרב גוטמאַן אַן אויפקלערונג, פאַרוואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם בריוו פון טשערנאָבלער רבי'ן הרה"ק ר' אהרן זצ"ל. הרב גוטמאַנ'ס ענטפער איז קורץ און בינדיג: ... נאָך גרונטליכע פאָרשונגען האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דער בריוו איז פאַלש, און איך באַדויער וואָס איך בין פאַרפירט געוואָרען.

הרב גוטמאַן שרייבט אויך, אַז במשך פון די 18 יאָר זינט ס'איז דערשינען די ערשטע אויסגאַבע, האָט ער גע־האַט די געלעגענהייט זיך דורכצורעדען מיט די זקנים

שבדור פון דער משפחה, און מיט פאראנטווארטליכע חסידות קענער, און אלע האבען זיך ארויסגעזאגט, אז דער בריוו איז א פאלסיפיקאציע.

כדאי דערביי אנצואווייזען אויף א בולט'ן ליגן.

רבי אהרן איז געבוירען געווארען תקמ"ז, און איז נפטר געווארען תרל"ב, ד. ה. אז ער איז בעת פטירתו אלט געווען בס"ה 85 יאר.

דער בריוו האט געזאלט זיין געשריבען תרכ"ז אדער תרכ"ח. דעמאלט איז ר' אהרן אלט געווען נישט מער ווי 81 יאר, און אינעם בריוו לייענט זיך: „בן צ"ג שנים אנכי היום", דריי און ניינציג יאר בין איך היינט אלט...

מיר האבען דעריבער באשלאסען, אז אזוי ווי דער בריוו איז גענומען פון הרב גוטמאנ'ען, און הרב גוטמאן דערקלערט אים איצט פאר פאלש, זאלען מיר נאכטאן הרב גוטמאנ'ס ביישפיל, און אויך ארויסלאזען דעם בריוו, און אלץ וואס ס'איז געשריבען געווארען ארום דעם בריוו.

די „הוד" ארויסגעבער

ב"ה. כ"ח ניסן תש[illegible].

הודעה גלוי'

אני מצהיר ומודיע בזה לכל המעונין בדבר למען האמת כי המכתב שנדפס בספרי [illegible] הוצאה א' והוצאה מהדורה ב' הוא [illegible] כי בזמנים האחרונים הוברר לי שהמכתב בדוי ומזויף. [illegible] הרה"ק [illegible] זצ"ל נולד תקמ"ז ונפ' תרל"ב. כך שלא הגיע לגיל צ"ג שנה. ואני מבקש להחשיב מכתב זה כמחוק ומבוטל וחלילה חלילה [illegible] למבקש אמת להעתיקו עוד. ושפת אמת תכון לעד.

הרב מ. י. גוטמן

קאַפּיטעל 32

סאדאגורער רבנים זענען גובה עדות אז דער סאנזער האט מבזה געווען דעם מגיד און דעם מלאך. — "משפט כתוב" אן איסור אויף דעם סאנזער'ס תורה און הוראה. — די סאדאגורער צדיקים קליגער ווי זייערע חסידים. — דער סאדאגורער כולל. — דער חרם ביים "כותל המערבי". — מוראדיגע אויפ־רעגונג געגען סאדאגורער חסידים.

איינזעהענדיג אַז זייערע רביים ווילען נישט געבען זייער הסכמה, אַרויסצוגעהן אין אַ מלחמה געגען סאַנזער גופא, האָבען די געהויבענע סאַדאַגורער חסידים באַשלאָסען, אַרויסצוגעהן אין דער מלחמה אָהן זייערע רביים'ס הסכמה. אַרויסצוגעהן געגען סאַנזער בחרב ובחנית.

ד' ניסן תרכ"ט איז דער ערשטער שאָס אָפּגעפייערט געוואָרען.

דאָס איז געווען אַן אספה פון רבנים און אַזוי געהויבענע חסידים, וועלכע האָט פאָרמירט אַ בית דין, צו פאַראורטהיילען דעם סאַנזער פאַר זיינע „חטאים".

עס האָבען אויפגעטראָטען צוויי עדות, און עדות געזאָגט בתורת אם לא יגיד ונשא עוֹנו, אַז ר' חיים סאַנזער האָט „מחרף ומגדף" געווען (גע־לעסטערט און געשאָלטען) די צדיקים וואָס זענען שוין אין גן עדן, און צדיקים וואָס זענען נאָך בחיים. ווי דעם רבי'ן ר' בער (דער מגיד הקדוש), זיין זוהן ר' אברהם'לע (דער מלאך הקדוש), ר' מענדעלי וויטעבסקער, און די קינדער פון ר' ישראל'טשי ריזינער. אי' אַז ער, דער סאַנזער, האָט זיי אַלעמען באַצייכענט אַלס שבתי צבי'ניקעס.

די אספה האָט „נאָכגעדענקט און נאָכגעפאָרשט", און דאַן אַרויס־געגעבען דעם פסק דין — אַן איסור אויף דעם סאַנזער. אויף זיין תורה, און אויף זיין הוראה.

דער פסק דין פאַנגט אָן אַזוי:

„אנחנו הח"מ חקרנו ודרשנו היטב היטב, עפ"י עדים כשרים ונאמנים

וע״פ העתקות מקויימות, עפ״י תוה״ק ואחר החקירות והעיון היטב בדינו, עפ״י דתוה״ק, תורת אמת וחיי עולם, לא חלקנו כבוד לרב במקום חלול השם הגדול ועצום הנצמח על ידו בעוה״ר, וזה אשר יצא מאתנו.״

איבערזעצונג:

„מיר די אונטערגעשריבענע, האָבען גוט נאָכגעדענקט און נאָכגעפאָרשט פון כשר׳ע און גלויבענסווירדיגע עדות און פון באַשטעטיגטע שריפטען, און נאָך טיפע נאָכדענקונגען וועגען דעם דין, האָבען מיר נישט צוגעטהיילט קיין כבוד צו דעם רב, וואָס דורך איהם איז אַרויסגעקומען אַזאַ שטאַרקער חלול השם, און דאָס איז דער פסק וואָס איז פון אונז אַרויס.״

דאָ קומט אַן ערקלערונג אַז „אַזוי ווי לויט די לאַנדעס-געזעצע טאָרען מיר נישט אַרויסרופען קיין חרם אפילו געגען דעם וואָס פאַרדינט אַריינגעלעגט צו ווערען אין חרם, און אַזוי ווי מיר היטען די געזעצע פון לאַנד, האָבען מיר זיך צוריקגעצויגען פון חרם, נאָר מיר גיבען אַרויס בלויז אַן איסור״.

ווייטער ווערט אויסגערעכענט די חטאים פון דעם סאַנזער, ווי עס איז שוין אויבען געזאָגט געוואָרען, אַז ער, דער סאַנזער האָט עובר געווען אויף תקנת רבנו גרשם מאור הגולה „להלעיג על הקדושים אשר בארץ המה ונשמרים בגנזי מרומים בצרור החיים״, (אַז ער האָט געשפּאָט פון די קדושים וואָס זענען שוין אין הימעל), און דאָ ווערט אַרויסגעזאָגט דער פסק דין, אַז:

„אסור לשמוע תורה מפיו, ותורתו פלסתר, ואסור שילך בעצתו, ואסור להתחבר אליו, והוראתו אסורה, וכל השומע תורה מפיו כדורש אל המתים, כלומר מן האמגושי״, (מען טאָר פון איהם נישט לערנען קיין תורה, ווייל זיין תורה איז אַ ליגען, און מען טאָר נישט געהן אין זיינע עצות, און מען טאָר זיך צו איהם נישט באַהעפטען, און זיין הוראה איז אסור, און דער וואָס הערט תורה פון זיינע ליפען איז ווי ער וואָלט געפאָרשט פון מתים און ווי ער וואָלט געלערנט פון אַן אפיקורס).

אונטערגעשריבען אויף דעם דאָזיגען פסק, זענען ניין-און-פערציג רבנים.

דעם דאָזיגען „פסק דין״ האָבען זיי אַ נאָמען געגעבען „משפט כתוב״, און איהם פאַרשפּרייט אין צעהנדליגע טויזענדער עקזעמפּלאַרען.

עס דאַרף דאָ באַמערקט ווערען, אַז דער פסק דין האָט אין דעם לאַגער פון די סאַנזער חסידים נישט אַרויסגערופען קיין שום אויפרעגונג.

די סאַנזער חסידים האָבן זאָגאַר נישט געפונען פאַר נויטיג צו ענטפערן אַ וואָרט אויף דעם „משפט כתוב", און די סיבות פאַרוואָס סאַנזער חסידים האָבן דעם „משפט כתוב" מבטל געווען מכל וכל, זענען געווען עטליכע.

ערשטענס זענען די סאַנזער חסידים געווען זיכער, אַז קיינער וועט נישט גלויבן אַז דער סאַנזער צדיק האָט מבזה געווען אַזעלכע צדיקים ווי דער מגיד, דער מלאך און ר' מענדעלי וויטעבסקער. אדרבה, דער סאַנזער איז געווען אַ פייערדיגער אָנהענגער פון די דאָזיגע צדיקים און פלעגט זייערע נעמען דערמאָהנען סאַי ביי זיינע טיש־תורה'ס, סאַי אין זיינע ספרים אויף חסידות מיט באַזונדערע עהרפורכט. די צוויי עדות אַלזאָ זענען געווען פשוט עדי שקר, פאַלשע עדות.

צווייטענס, זענען די אונטערגעשריבענע רבנים געווען נישט קיין מפורסמים. מעהרסטענטהיילס זענען עס געווען אַזעלכע, וואָס קיינער האָט פון זיי קיינמאָל נישט געהערט. אַזוי למשל זענען אונטערגעשריבן געווען פיער בערדיטשובער רבנים, אָבער דער אמת'ר בערדיטשובער רב, ר' יוזפא, וועלכער איז באמת געווען מפורסם אַלס גדול, איז נישט געווען אונטער־געשריבן. און בכלל האָט דער גאַנצער איסור אויסגעקוקט אין די אויגען פון סאַנזער חסידים ווי חוזק.

דער סאַנזער איז שוין געווען לאַנג אָנערקענט, זאָגאַר פון די מתנגדישע גדולים, אַלס איינער פון די גרעסטע גאונים אין יודענטהום. צו זיין קדושה וטהרה איז גאָר נישט געווען קיין גלייכען. און דאָ קומען עטליכע אומבאַ־קאַנטע רבנים, און אסר'ן גאָר זיין תורה און זיין הוראה? האָבן די סאַנזער חסידים פשוט די גאַנצע זאַך מבטל געווען מיט געלעכטער.

איינזעהענדיג, אַז זייער „פסק דין" האָט נישט געמאַכט דעם מינדעס־טען רושם, האָבן די סאַדאַגורער חסידים באַשלאָסען אָנצוּנעהמען דעם שטאַרקסטען מיטעל, דעם מורא'דיגסטען מיטעל: אַרויסצורופען אויף דעם אַלטען גאון — אַ חרם, און נישט אין חוץ לארץ, נאָר אין ארץ ישראל.

און דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די סאַדאַגורער צדיקים, ווי ר' דוד משה'ניו און ר' אברהם יעקב'ניו, וועלכע האָבן געוואָרענט נישט אַרויס־צוגעהן געגען דעם סאַנזער גופא, זענען געווען קליגער ווי זייערע חסידים. חייל מיט דעם לעצטען שריט זייערן, האָבן די סאַדאַגורער חסידים אַרויפגעצויגען אויף זיך דעם צאָרן פון די גרעסטע גאונים פון דור, זאָגאַר

די מתנגדישע, און פון די גרעסטע צדיקים וואָס זענען ביז דאַן געשטאַנען פון דערווייטענס בנוגע די מחלוקה, ווי עס וועט באַלד דערצעהלט ווערן.

* * *

דאָס איז געווען חול המועד פסח, אין יאָהר תרכ״ט. אין ירושלים איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַן „אספה גדולה“ פון אַלע סאַדאַגורער חסידים פון ארץ ישראל, און דאָרט, אויף יענער אספה איז באַשלאָסען געוואָרען אַרויסצוציהען געגען דעם סאַנזער די מורא׳דיגסטע וואָפע — אַ „חרם הגדול“

כדי די זאַך בעסער צו פאַרשטעהן דאַרף קודם כל דערצעהלט ווערען אַז סאַדאַגורע האָט געהאַט אין ארץ ישראל אַן אייגענעם כולל. די גרינדונג פון אַן אייגענעם כולל, איז געווען דער אויפטהו פון דעם גרינדער פון דעם סאַדאַגורער חסידות, ר׳ ישראל׳טשי ריזינער.

ווי באַקאַנט, האָט כמעט יעדעם לאַנד געהאַט איהר כולל אין ארץ ישראל. יעדער כולל איז געווען דער שפּייזער פון זיינע לאַנדסלייט. דער רוסישער כולל האָט געשפּייזט די רוסישע אידען אין ארץ ישראל, דער גאַליציאַנער כולל, די גאַליציאַנער לאַנדסלייט, דער אונגאַרישער כולל די אונגאַרישע לאַנדסלייט און אַזוי ווייטער.

אָנקומענדיג אין סאַדאַגורע, האָט ר׳ ישראל׳טשי ריזינער, וועלכער איז געווען דער גרעסטער חסידישער אָרגאַניזאַטאָר זינט דאָס חסידות האָט זיך אָנגעפאַנגען, אָפּגעשאַפט די געאָגראַפישע באַצייכנונג, און באַשאַפען אַנשטאַט דעם אַ חסידישע באַצייכנונג. דער כולל זאָל שטיצען נישט די אידען פון זעלבען לאַנד, נאָר די חסידים פון זעלבען רבי׳ן. זיין כולל האָט ער אַ נאָמען געגעבען „כולל רוסיא“, פאַקטיש אָבער איז דער כולל געווען אַ כולל סאַדאַגורע. ער האָט געשטיצט נאָר סאַדאַגורער חסידים. ר׳ ישראל׳טשי איז געווען דער „נשיא“ און אַזוי איז געווען זיין ממלא מקומו ר׳ אברהם יעקב׳ניו.

דאָס איז געווען אַן אויסגעצייכענטער חסידישער סטראַטעגישער שריט. דערמיט האָט ער געהאַלטען די סאַדאַגורער חסידים צוזאַמען און פאַרשאַפט פאַר סאַדאַגורע אַן אומגעהויערע מאַכט אין ארץ ישראל.

די גבאים פון סאַדאַגורער כולל אין ארץ ישראל זענען דאַן געווען, ניסן בק, מרדכי מקופּעל און אברהם׳טשי אָדעסער. אַלע דריי זענען געווען

זעהר פעהיגע און ענערגישע מענער, און זיי זענען דאָס געווען די לייטענדע גייסטער פון דער „אספה גדולה", און פון „חרם הגדול".

יום ה' פרשת אמור, תרכ"ט.

עס איז נאָך גאַנץ פריה. ירושלים איז פאַרהילט אין אַ טיעפען שלאָף. אויסער אַן אַראַבער דאָ און דאָרט, זעהט זיך נישט אויפ'ן גאַס קיין לעבע־דיגער מענש. פלוצלינג האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו ציהען גרופען אידען פון אַלע זייטען. גרופענווייז, גרופענווייז, ציהען זיי זיך. הפנים, זיי ווילען אויסמיידען יעדע אויפמערקזאַמקייט. אַלע ציהען זיך צו איין פונקט — צום כותל המערבי.

דער „עולם" איז שוין דאָ, הונדערט אין צאָהל. זיי שטעלען זיך אויס ביים כותל, פאַרהילען זיך אין טליתים, און הויבען אָן זאָגען קאַפּיטלעך תהלים, וואָס פּאַסען צום ענין. עס טרעטען אַרויס צוואָנציג זקנים מיט שופרות אין די הענד און שטעלען זיך האַרט ביים כותל. אַלעס איז שטיל. ערנסט. מען וואַרט אויף דעם סיגנאַל.

ניסן בק שטעלט זיך אין מיטען. ער ציהט אַרויס אַ לאַנגען פּאַפּיר, פאַנגט אָן לייענען: „על דעת המקום ועל דעת הקהל, בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה", ער לייענט אַ גאַנצע תוכחה. קללות נמרצות. ער לייענט און לייענט. ביי יעדען פסוק, שרייט אויס דער עולם „אמן". ניסן בק ווערט ענדליך פאַרטיג. די צוואָנציג זקנים ציהען אַרויס די שופרות, בלאָזען: תקיעה, שברים, תרועה. — די סצענע איז געענדיגט.

דאָ האָט מען אַריינגעלעגט אין חרם דעם אַלטען גאון, דעם צדיק הדור, ר' חיים סאַנזער — אַ חרם הגדול.

ארץ ישראל, צו יענער צייט, איז געווען געוואוינט צו אַזעלכע סצענעס. חרמות און שופרות זענען דאָרט געווען אַלטעגליכע ערשיינונגען. קיינמאָל האָט אָבער אַ „חרם" נישט אַרויסגערופען אַזויפיעל ערבּיטערונג און אויפ־רעגונג, אַזויפיעל מורא און שרעק, ווי דער דאָזיגער חרם.

קוים האָט מען אויסגעפונען וואָס עס איז געשעהן, און אין ירושלים האָט אויסגעבראָכען אַ יללה, חורבן בית המקדש. די בתי מדרשים זענען געוואָרען פול מיט מענער און פרויען. אידען האָבען געריסען „קריעה", האָבען געריסען די האָר פון קאָפּ, האָבען געקלאָגט און געוויינט אויף דעם עלבון התורה.

קאַפּיטעל 33

דער חרם אין צפת און אין טבריה. — די אספת רבנים אין ירושלים. — ר' יוסף שאול געהט אריין אין דער מלחמה. — ווער איז ר' יוסף שאול? — דער גאון עטינגא און דער זידיטשובער צדיק חתמ'נען דעם בריעף. — דער גאון ר' בעריש מייזילס שטעלט זיך אויך אין דער רייהע. — קורצע ביאגראפיע פון ר' בעריש מייזילס.

ווי גרויס די אויפרעגונג אין ירושלים וועגען דעם „חרם“ אויף דעם סאַנזער האָט נישט געזאָלט זיין, איז די אויפרעגונג געוואַקסען נאָך שטאַרקער ווען מען האָט אויסגעפונען אַז דיזעלבע סצענעס, מיט נאָך מעהר שרעקענס־בילדער, האָבען זיך אויך אָפּגעשפּיעלט אין צפת און אין טבריה.

אין צפת און אין טבריה זענען די סאַדאַגורער חסידים געווען אין אַ גרעסערער צאָהל און שטאַרקער ווי אין ירושלים. אין די צוויי שטעדט איז שוין דער חרם דורכגעפיהרט געוואָרען נישט באַהאַלטענערהייט, נאָר אין דער עפענטליכקייט. די שוהלען וואו דער „חרם“ איז דורכגעפיהרט געוואָרען, זענען געווען פאַרהילט אין שוואַרצען. הונדערט שוואַרצע ליכט האָבען געוואָרפען אַן אימה אויף אַלע אָנוועזענדע. מען האָט אַרויסגענומען אַלע ספרי תורות פון ארון קודש, מען האָט געלייענט די „תוכחה“ בקול רם, מען האָט פאָרגעלעזען דעם חרם מיט מורא'דיגע קולות אויף דעם אַלטען גאון, מען האָט געבלאָזען שופר. קורץ, מען האָט דורכגעפיהרט די סצענע אויף אַן אופן וואָס מען האָט אין ארץ ישראל, וועלכע איז שוין געווען געוואוינט צו חרמות און שופרות, נאָך קיינמאָל נישט געזעהן.

אין ירושלים האָט מען דערפיהלט, אַז דאָ איז שוין נישט קיין פראַגע וועגען אַ מחלוקה פון חסידים מיט חסידים, נאָר וועגען דעם כבוד פון איינעם פון די גרעסטע גאונים פון דור. מען האָט גערופען אַן אספת רבנים, צו וועלכע עס זענען געקומען כמעט אַלע רבנים פון ירושלים, ספרדישע פונקט ווי אשכנזישע, מתנגדישע פונקט ווי חסידישע. מען האָט

געשיקט נאָך ניסן בק און זיינע חברים, מען האָט זיי מתרה געווען, אַז זיי זאָלן תיכף ומיד דעם „חרם" צוריקציהען. ניסן בק מיט זיינע חברים האָבן זיך אויסגעלאַכט. זיי האָבן געענטפערט, אַז זיי זענען נישט אונטער־וואָרפען אונטער קיינעם, אויסער אונטער זייערע רביים. דאָס האָט אַרויס־גערופען נאָך מעהר אויפרעגונג. מען האָט ענדליך באַשלאָסען, צו פאָ־דערען פון די גדולי הדור פון אייראָפּאַ, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבען זייער פסק געגען די מחרימים.

דער ערשטער פון די אייראָפּעאישע גאונים וואָס איז אַרויס מיט אַ פייערדיגע פאַרדאַמונג געגען די מחרימים, פאָדערנדיג פון זיי, אַז זיי זאָלען צוריקרופען דעם חרם בפרהסיא (אין דער עפענטליכקייט) און תשובה טהאָן אויף זייערע זינד, איז געווען ר' יוסף שאול נאַטאַנזאָהן, לעמבערגער רב.

ר' יוסף שאול נאַטאַנזאָהן (געבוירען 1808, געשטאָרבען אין 1875), איז געווען פאַררעכענט אַלס דער פוסק האחרון פון דור. אַלס דער גאון וועמעס פסק הלכה איז אָנערקענט געווען פון אַלע גדולים פון זיין צייט. ער איז געווען אַ מתנגד, פון ווילנער גאון'ס חדר. ער האָט אין דער גאַנצער צייט פון דער מחלוקה וואָס דער סאַנזער האָט אָנגעפיהרט געגען די סאַדאַגורער, נישט גענומען קיין אָנטהייל, הגם ער איז געווען אַ גרויסער פאַרעהרער פון סאַנזער, מיט וועמען ער איז געשטאַנען אין אַ שטענדיגע פאַרבינדונג פון שאלות ותשובות. ער האָט דעם סאַנזער אָבער נאָר אַזוי וויט געעהרט, ווי עס האָט דערגרייכט דעם סאַנזער'ס גאונות, וועגען חסידות האָט ער זיך נישט געקומערט.

הערענדיג אָבער וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין ארץ ישראל, הערענ־דיג וועגען דעם מורא'דיגען עלבון התורה וואָס איז באַגאַנגען געוואָרען געגען זיין גרויסען חבר ר' חיים'ל סאַנזער, האָט ר' יוסף שאול אויפגעציטערט פאַר צער און צאָרן. ער האָט פאַרבעטען צו זיך דעם צווייטען באַריהמטען גאון ר' יצחק אהרן עטינגא (שפעטער ר' יוסף שאול'ס ממלא מקומו), און נאָך אַ טיפע באַראַטהונג, האָבן ביידע געשיקט אַ פייערדיגען בריעף צו די רבנים פון ירושלים, פאָדערנדיג, אַז זיי זאָלען נעהמען די שטאַרקסטע שטעלונג געגען די מחרימים, אום אַרונטערצונעהמען דעם חלול השם פון ארץ ישראל.

דער בריעף פאַנגט אָן:

„לקול השמועה צללו אזנינו, אשר בארץ הקדושה, מקום הקודש והמקדש, נאספו איזה אנשים לדבר סרה, לעשות בנפשם שקר, נגד הגאון הקדוש, מאוה״ג, צדיק יסוד עולם, אשר אמרנו בצלו נחיה, מוה׳ חיים האַלבערשטאַם נ״י האבד״ק סאַנז, אשר עד עולם לא יכבה שמו, ועשו שלא כדת של תורה. לזאת יחרד לבנו ויתר ממקומו, כי איככה מלאו לב בני האדם אשר לא הגיעו לקרסולי קרסוליו, ואינם ראוים לכנותם בשם תלמידי תלמידיו, ואף לא להזכיר שמו הקדוש. לעשות במחשך מעשיהם על איש רם ונשא וגבוה כמוהו.״

אין אידיש:

„אַ הערענדע שטימע האָט אָנגעקלינגען אין אונזערע אויערן, אַז אין הייליגען לאַנד האָבען זיך פאַרזאַמעלט געוויסע מענשען צו רעדען שלעכטס געגען אַ הייליגען גאון, דאָס ליכט פון גלות, דער צדיק פון דער וועלט, אין וועמעס זכות מיר לעבען, ר׳ חיים האַלבערשטאַם דער רב פון סאַנז, וועמעס נאָמען וועט קיינמאָל נישט פאַרלאָשען ווערען, און זיי האָבען געטהאָן געגען דעם דת פון דער תורה. דאַריבער האָבען אונזערע הערצער אויפגעציטערט, ווייל ווי אַזוי האָבען דאָס מענשען וואָס דער־גרייכען נישט צו זיינע קנעכלען און זענען נישט ווערט זיך צו רופען אפילו תלמידים פון זיינע תלמידים, און אפילו נישט צו דערמאָהנען זיין הייליגען נאָמען — געוואַגט צו באַגעהן אַזעלכע פינסטערע מעשים געגען דעם גרעסטען פון די גרעסטע.״

און ווייטער שילדערט דער בריעף מיט באַגייסטערטען אויסגעשריי: ווער האָט דאָס נישט געהערט פון זיין תורה, עבודה און גמילות חסדים, און ווער האָט נישט געהערט פון זיין גאונות אַריינצודרינגען טיעף אין דער הלכה, צו ענטפערן אַלעמען וואָס ווענדען זיך צו איהם מיט שאלות, און ווער וויים דאָס נישט פון זיין קדושה וטהרה, און פון זיין ברענענדע התלהבות וואָס איז כלו קודש לד׳, און ווער וויים דאָס נישט פון זיין גרויסען יחוס, די גאונים פון וועמעס מויל מיר לעבען, און אָט געגען דיעזען ריעז זענען זיי דאָס אַרוים אין אַ מלחמה! — וועה צו זיי און וועה צו זייערע נשמות.

און דער בריעף ענדיגט:

„אי לזאת אנחנו, גם רבים וכן שלמים מבקשים וגוזרים אומר, שישובו מדרכם הרעה בפרהסיא, והתוודו את עונם אשר עשו, כי נבלה עשו בישראל וכן לא יעשה. ובאם לא יעשו כזאת משפטם נחרץ עפ״י דתוה״ק ולא יוסיפו בני עולה לעשותו, כי פן יתחרטו באחרונה.״ (דאַריבער זענען מיר, און אַ סך אַנדערע גוזר, אַז זיי זאָלען תשובה טהאָן און זאָלען צוריקציהען פון זייער שלעכטען וועג אין דער עפענטליכקייט, און מתודה זיין אויף זייערע זינדיגע מעשים. אויב אָבער זיי וועלען דאָס נישט טהאָן, איז זייער משפט פעסטגעזעצט אין דער תורה הקדושה, כדי שלעכטע מענשען זאָלען אַזעלכע עולות נישט מעהר באַגעהן ווייל זיי וועלען סוף כל סוף חרטה האָבען).

אַ חוץ דער גאון ר׳ יוסף שאול, איז אויך אויף דעם בריעף גע׳חתמ׳עט ווי שוין געזאָגט, דער באַריהמטער גאון ר׳ יצחק אהרן עטינגא און אויך דער באַריהמטער גוטער איד, ר׳ אייזיקל זידיטשובער, אַ רבי פון צעהנדליגע טויזענדער חסידים.

דער דאָזיגער בריעף האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם, נישט נאָר אין דער חסידישער וועלט, נאָר הויפטזעכליך אין די לומדישע וועלט. ר׳ יוסף שאול, ווי איך האָב שוין דערצעהלט, איז געווען פאַררעכענט אַלס דער גאון פון דור. ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער מתנגד. אַזוי איז אויך געווען דער באַריהמטער גאון ר׳ יצחק אהרן עטינגא. די וועלט האָט געוואוסט, אַז די דאָזיגע גאונים האַלטען פון סאַנזער׳ס גאונות גאָר גרויס, אַז אָבער זיי וועלען אַרויס מיט אַזאַ פייער זיך אָנצונעהמען דעם סאַנזער׳ס כבוד, בנוגע אַ חסידישע מחלוקה, אַזאַ כבוד, באַשרייבענדיג דעם סאַנזער אַלס „מאור הגולה אשר בצלו נחיה״, דאָס האָט די לומדישע וועלט כמעט נישט ערוואַרטעט.

פון דער צווייטער זייט האָט אויך געמאַכט אַ געוואַלדיגער רושם דאָס וואָס ר׳ אייזיקל זידיטשובער האָט זיך אויף דעם בריעף גע׳חתמ׳עט.

ר׳ אייזיקל זידיטשובער איז געווען דער זוהן פון דעם גרויסען צדיק וקדוש ר׳ ישכר בער פון זידיטשוב, אַ ברודער פון דעם ריעז פון דער קבלה פון זיין דור, דער באַריהמטער גאון וקדוש ר׳ הירש׳לע זידיטשובער (דעם סאַנזער׳ס רבי מובהק). ר׳ אייזיקל גופא איז געווען אַ גאון עולם און אַ רבי פון צעהנדליגע טויזענדער חסידים. ר׳ אייזיקל איז צוואַר געווען

אַ גרויסער פאַרעהרער פון סאַנזער, ער איז אָבער אין דער מחלוקה פון סאַנזער געגען סאַדאַגורע געשטאַנען פון דערווייטענס. אדרבה, בעת דער סאַנזער האָט שוין באַצייכענט די סאַדאַגורער רביים אַלס אפיקורסים, האָט ר׳ אייזיקל געשריבען אויף ר׳ אברהם יעקב׳ניו „הרב הקדוש״. דאָס האָט עפּעם אויסגעזעהן ווי אַ שטאָך געגען סאַנזער, — און דאָ פּלוצלינג שרייבט ר׳ אייזיקל אונטער דעם פייערדיגען בריעף פון דעם לעמבערגער גאון. דאָס האָט אַרויסגערופען אַ גאַנצען שטורעם אין דער חסידישער וועלט.

שפּעטער האָט ר׳ אייזיקל געשריבען אַליין אַ בריעף צום סאַנזער. ער שרייבט מיט אַ געוואַלדיגע הכנעה. ער באַטיטעלט דעם סאַנזער אַלס דער רבן של ישראל. ער פאַרזיכערט דעם סאַנזער, אַז ער שטעהט אויף זיין זייט אין דער מחלוקה. („אני עומד בימין צדקו אודת הידוע, ועוד בעזר השם נעשה לטובה להחזיק התורה עם כל הרבנים הגדולים המופלגים בפשטיות התורה, ולבטל המשטינים״).

אָבער ווי גרויס עס איז געווען דער רושם פון דעם בריעף פון די לעמבערגער גאונים און פון דעם זידיטשובער צדיק, נאָך גרעסער איז אַ גע־וויסען זין, איז געווען דער רושם פון אַ בריעף וואָס איז באַלד נאָך דעם פאַרעפענטליכט געוואָרען, פון דעם גאון ר׳ בעריש מייזילס, וואַרשאווער רב.

עס וועט אפשר זיין אינטערעסאַנט צו וויסען עטוואָס מעהר וועגען דיזען אינטערעסאַנטען גאון אין יודענטהום — ר׳ בעריש מייזילס.

ר׳ בעריש מייזילס (געבוירען אין יאָהר 1800, געשטאָרבען אין יאָהר 1870) איז אין זיינע יונגע יאָהרען געווען אַ באַנקיער, אָבער שוין דאַן האָט ער גע׳שם׳ט אין דער וועלט אַלס אַ גאון. אַלט ווערענדיג צוויי־און־דרייסיג יאָהר איז ער ערוועהלט געוואָרען אַלס רב פון קראקא. דאָס איז געווען צו יענער צייט די גרעסטע רבנות־שטעלע אין פוילען און גאַליציען. אין קראקא האָט זיך זיין גאונות ערשט רעכט אַנטוויקעלט. דאָ האָט ער אָנגעשריבען זיין קאָלאָסאַלעס ווערק „ספר המצוות״ אויף דעם „יד החזקה״ פון רמב״ם. זיין לומדות און זיין שטענדיגע פאַרבינדונג מיט די גדולי הדור האָט איהם אָבער נישט אָפּגעהאַלטען צו נעהמען אַ טיפע אינטערעסע אין דער פּאָליטיק פון לאַנד. אַזוי אַז אין 1848 איז ער ערוועהלט געוואָרען אַלס מיטגליעד פון עסטערייכישען רייכסראַטה.

די געשיכטע דערצעהלט, אַז אַריינקומענדיג אין רייכסראַטה איבער־

צונעהמען זיין שטוהל, האָט זיך ר׳ בעריש געזעצט אויף דער זייט פון די „לינקע״. דאָס האָט אַרויסגערופען אַ געוואַלדיגען אויפזעהן. ווען דער פּרעזידענט פון רייכסראַטה האָט איהם געפרעגט ווי עס קומט אַז אַזאַ באַריהמטער רב ווי ער זאָל זיך זעצען צווישען די „לינקע״ (ראַדיקאַלען), האָט ר׳ בעריש מייזילס מיניה וביה געענטפערט:

„ווייל מיר האָבען נישט קיין רעכטע.״

(דאָס איז געווען אַ שאַרפער שטאָך, אַז איבעראַל ווערט פון אידען אַוועקגערויבט זייערע מענשליכע רעכטע.)

קאַפּיטעל 34

דער בריעף פון ר׳ בעריש מייזילס צו די רבנים פון ירושלים. — א פייער־דיגער בריעף פון קאלישער רב, ר׳ חיים אלעזר וואקס. — אן אינטערעסאנט בריוועלע פון דעם גאון ר׳ יהושע׳לע קוטנער. — ווער האט געגעבן דעם באפעהל ארויסצורופען דעם חרם. — דער ענטפער פון סאדאגורער חסידים. — רבנים גרייטען זיך צו צום שלוס פון דער דראמא.

אין 1856 איז ר׳ בעריש מייזילס ערוועהלט געוואָרען אַלס וואַרשאַווער רב. באַלד נאָך דעם (אין 1861) האָט אויסגעבראָכען דער אויפשטאַנד פון פוילען געגען רוסלאַנד. ר׳ בעריש האָט זיך אַריינגעוואָרפען מיט לייב און זעעלע פאַר פוילענס באַפרייאונג. דער אויפשטאַנד האָט זיך געענדיגט מיט אַ ביטערע נידערלאַגע פאַר פוילען, און ר׳ בעריש מייזילס צוזאַמען מיט דר. מרדכי יאסטראוו (שפּעטער רב אין דער רודף שלום־שוהל פילאדעלפיא) זענען אַרעסטירט געוואָרען אַלס מורדים במלכות. אָבער נישט וואַגענדיג צו שטעלען די צוויי באַריהמטע רבנים פאַר אַ קריעגס־געריכט, האָט די רוסישע רעגיערונג ביידען אויסגעוויזען פון לאַנד. שפּעטער האָט זי ערלויבט ר׳ בעריש׳ן צוריקצוקומען אין ווארשא. ר׳ בעריש מייזילס איז געבליבען ווארשאווער רב ביז זיין פּטירה.

עס איז דאַרום גאָר קיין וואונדער אַז זיין בריעף, אָננעהמענדיג זיך פאַר אַ חסידישען גוטען איד, האָט אַרויסגערופען מעהר אויפזעהן און געמאַכט נאָך אַ שטאַרקערען רושם ווי דער בריעף פון די לעמבערגער גאונים ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָהן און ר׳ יצחק אהרן עטינגא.

ר׳ בעריש מייזילס בריעף איז געריכטעט צו די רבנים פון ירושלים, אויך צו די ממונים פון כולל ווארשא. ער שפּרעכט אוים אין אָנפאַנג בריעף זיין צופריעדענהייט וואָס קיינער פון דעם כולל ווארשא, איז אין דער נעץ פון די וואָס זענען אַרוים אין אַ מלחמה געגען דעם „גאון ישראל וקדושו“

ר׳ חיים׳ל סאַנזער נישט אַריינגעצויגען געוואָרען. ער פאַרדאַמט די שולדיגע און מיט פייערדיגע ווערטער שרייט ער אויס: „ומדוע לא מנו סדר ההבדלות בינו וביניהם. הוא הגבר אשר מנערותיו עזב את כל הבלי עולם, ודבק בתורה לאהבה, ואחר היגיעה החליף כח לעלות על הסולם המגיע עד השמימה אשר כל רז לא אנס ליה״, (פאַרוואָס האָבען זיי נישט געצעהלט די אונטערשיעדען צווישען איהם און זיי. ער איז דער מאַן וואָס האָט פון זיין יוגענד אָן אַוועקגעוואָרפען אַלע וועלטליכע פאַרגניגענס און זיך באַהאָפטען אין דער תורה ביז ער איז אַרויף אויף דעם לייטער וואָס גרייכט צו די הימלען, און קיין פאַרבאָרגענעס איז פאַר איהם נישט פאַרהוילען).

צום שלוס פון זיין פייערדיגען בריעף געגען די מחרימים, פאָדערט ר׳ בעריש מייזילס פון די ירושלים׳ער רבנים אַז זיי, די רבנים, זאָלען מזהיר זיין די שולדיגע, מפייס צו זיין דעם סאַנזער גאון, און אויב זיי וועלען נישט פאָלגען, זאָלען זיי גע׳משפט ווערען לויט דעם דין פון המבזה תלמידי חכמים (וועלכעס מיינט חרם).

די דאָזיגע בריעף פון די דריי באַריהמטע גאונים, ר׳ יוסף שאול נאַ־טאַנזאָהן, ר׳ יצחק אהרן עטינגא, און ר׳ בעריש מייזילס, האָבען געמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם אין די לומדישע וועלט. זעהענדיג אַז אַזעלכע גדולי ישראל, אויסגעשפּראָכענע מתנגדים, קומען אַרויס מיט אַזאַ פייער פאַר דעם כבוד פון סאַנזער און באַצייכנען איהם אַלס דער „מאור הגולה״, האָבען זיך אַנגעשלאָסען אין קאַמפף כמעט אַלע מתנגדישע גדולים פון פוילען, גאַליציע און אונגאַרן.

אַן אויסערגעוועהנליכען איינדרוק האָט געמאַכט דער בריעף פון ר׳ חיים אלעזר וואקס, קאַליש׳ער רב, איינער פון די באַריהמטעסטע מתנגדישע גאונים אין זיין צייט. נאָכדעם ער ציהט אָן פאַרשיעדענע שטעלען פון ש״ס ופוסקים, פון וועלכע ער באַווייזט דעם עונש פון די וואָס האָבען מבזה געוועזען דעם גאון, שרייבט ער:

„ומה נאמר עתה, ומה נדבר, בראותנו אשר גם השרידים המאמינים יגרמו שפלות התורה ויורידו לעפר קרנה. ומה יענה, מי שלא יחוס בימים האלו על כבוד התורה, עת יעמוד למשפט נורא. ודברי מרן אדונינו הגאון, קודש הקדשים, כאחד מהראשונים, שר התורה, עיני העדה, רבן של כל בני הגולה בנגלה ובנסתר, יחיד בדורו, הרב הדומה למלאך ד׳ צבאות

מרן חיים האַלבערשטאַם, אינם צריכים חיזוק, ושותים אנחנו בצמא את דבריו בכל יום, ותורה מפיהו תצא לכל ישראל, וכל דברי קדשו הלכה הם."

קיינמאָל אין דער געשיכטע פון חסידות, האָט אַ מתנגדישער גאון נישט געשריבען אויף אַ חסידישען גאון אַזאַ הכנעה'דיגען בריעף, און מיט אַזאַ פייערדיגע באַגייסטערונג, ווי דער בריעף פון דעם קאַלישער גאון וועגען סאַנזער.

עס דאַרף דאָ געזאָגט ווערען, אַז דער קאַליש'ער רב ר' חיים אלעזר וואקס, איז געשטאַנען מיט דעם סאַנזער אין אַ שטענדיגע לומדישע פאַר־בינדונג, שרייבענדיג איינער צום צווייטען שאלות ותשובות. דער קאַליש'ער גאון איז אויך עטליכע מאָל געווען באַזוכען דעם סאַנזער אין זיין היים, און האָט זיך שוין גערעכענט כמעט ווי אַ „חסיד".

עהנליכע בריעף האָבען נאָכגעפאָלגט פון קראקווי'ער רב, ר' שמעון סופר; פון בריסקער רב, ר' הירש'לע אורנשטיין; פון טאַרנאָווער רב, ר' ישראל ראַפּאָפּאָרט; פון סטאַניסלאַווער רב, ר' ישכר בער הורוויץ; פון אונגוואַרער רב, ר' מנחם אש און פון זיין באַריהמטען דיין ר' שלמה גאַנצ־פריעד, דער מחבר פון „קיצור שלחן ערוך", און אַנדערע צעהנדליגע ספרים; פון טאַרניפּאָלער רב, ר' יוסף באב"ד, און פון אַנדערע מתנגדישע גדולים, שוין נישט רעדענדיג פון אַזעלכע חסידישע גדולים, ווי דער סיגוט'ער צדיק, ר' יקותיאל יהודה טייטעלבוים; דער סעלישער צדיק, ר' שמואל שמעלקא; דער מעליצער צדיק, ר' יהודה הורוויץ, און פון אַנדערע גדולים און גוטע אידען. אַלע שרייבען אין זעלבען זין און מיט דערזעלבער באַגייסטערונג פאַר דעם סאַנזער'ס גאונות און פאַר זיין קדושה וטהרה, פאָדערנדיג ראַכע פאַר דעם עלבון התורה.

העכסט כאַראַקטעריסטיש איז אַ קליין בריוואַלע פון דעם עלטעסטען גאון פון זיין דור, ר' יהושע'לע קוטנער, דער מחבר פון „ישועות ישראל" אויף דעם חושן משפט.

דאָס בריוואַלע פון דעם זקן הגאונים האָט צו יענער צייט געמאַכט אין דער לומדישער וועלט אַ גרויסען רושם. און שוין צוליעב דעם געשיכט־ליכען ווערטה, איבערדרוק איך דאָ דאָס בריוואַלע וואָרט פאַר וואָרט.

עס לעזט זיך:

„בדבר החירופין וגידופין, מכתבי פלסתר אשר יצאו על הגאון, מאורן

של ישראל, צדיק יסוד עולם, כקש"ת חיים האַלבערשטאַם נ"י ויאריך ימים. האומנם כי לבי בטוח, אשר התנאים ואמוראים, וגאוני קשישאי יעמדו לימינו ויתבעו עלבונו, לזאת יחשב למותר דברי, אמנם לאשר ראיתי אשר ראשי הגאונים דמדינת גאליציע שי', קנאו לכבוד הגאון שיחיה ולכבוד התורה, הנני כמחויב מפני כבוד התורה, להיות קצת סניף לדבריהם, אשר הם בלי ספק כגחלי אש. ולדעתי כל מי שיש בקרבו ניצוץ מאהבת אש התורה, מחויב להיות מסייע להם ולחוש על כבוד התורה ועלבון הגאון נ"י."

כ"ב תמוז תרכ"ט לפ"ק. ישראל יהושע אבד"ק קוטנא.

אידיש:

„וועגען די לעסטערונג און פאַלשע בריעף וואָס זענען אַרויס אויף דעם גאון, דאָס ליכט פון יודענטהום און דער צדיק פון דער וועלט, ר' חיים האַלבערשטאַם. אָבוואָהל איך בין זיכער אַז די תנאים און אמוראים, און די אַלטע גאונים וועלען שטעהן ביי זיין זייט און זיך אָננעהמען זיין כבוד, און מיינע ווערטער וואָלטען געווען איבריג, אָבער אַזוי ווי איך האָב געזעהן אַז די גרעסטע גאונים פון גאַליציען זענען אַרויס פאַר דעם כבוד פון גאון און פאַר דעם כבוד פון דער תורה, געפין איך פאַר מיין פליכט זיך אָנצושליסען אין זייערע רייד וואָס זענען בלי ספק ווי פלאַמענדיגע קוילען. און נאָך מיין מיינונג דאַרף יעדער וואָס האָט אין זיך אַ פונק פון ליעבע צו דער תורה זיי צו אונטערשטיצען צוליעב דעם כבוד פון דער תורה און עלבון (באַליידיגונג) פון גאון."

די דאָזיגע בריעף האָבען נישט פאַרפעהלט זייער ציעל. דער שטורעם געגען סאַדאַגורע האָט איצט אויסגעבראָכען נישט בלויז אין דעם לאַגער פון סאַנזער חסידים, נאָר הויפטזעכליך אין דער לומדישער וועלט. איינ־זעהענדיג אַז זייערע חברים אין ארץ ישראל האָבען מיט זייער חרם איבערטריבען די מאָס, האָבען די געהויבענע סאַדאַגורער חסידים אין חוץ לארץ אַרויסגעלאָזען קלאַנגען, אַז דער חרם אין ארץ ישראל איז אַרויס־גערופען געוואָרען אָהן דעם וויסען פון די סאַדאַגורער צדיקים.

עס איז כמעט ווי זיכער אַז דער סאַדאַגורער צדיק, ר' אברהם יעקב'ניו, און זיין ברודער דער טשאָרטקאָווער צדיק, ר' דוד משה'ניו, האָבען באמת נישט געוואוסט פון דעם געפלאַנטען חרם. זיי, די דאָזיגע צוויי צדיקים, וואָס האָבען אין דער גאַנצער צייט פון דער מחלוקה מזהיר געווען, הזהר

והזהר, דעם סאַנזער׳ס כבוד נישט צו באַריהרען, צוליעב זיין גאונות, וואָלטען זיכער נישט געווען מסכים צו אַ טהאַט, וואָס וועט אויף זיי אַרויפציהען דעם צאָרן פון דער גאַנצער לומדישער וועלט. ווייל, ווער האָט דאָס נישט געוואוסט, אַז דער „חרם" וועט אויפשטורמען אַלע גדולי הדור, מתנגדישע פונקט ווי חסידישע. סאַדאַגורער חסידים האָבען אָבער מודה געווען אַז עס איז מעגליך, אַז דעם „באַפעהל" אַרויסצורופען דעם חרם, האָט געגעבען דער הוסיאַטינער צדיק, ר׳ מרדכי פייבעניו.

ר׳ מרדכי פייבעניו איז געווען, ווי עס איז שוין דערצעהלט געוואָרען, דער יונגסטער פון ר׳ ישראל׳טשי ריזינער׳ס קינדער. ער איז אויך געווען גאַנץ אַנדערש ווי זיינע צוויי עלטערע ברידער. ער איז געווען כמעט אַ מתבודד (אָפּגעזונדערטער). ער האָט קיינמאָל נישט געזאָגט קיין תורה. ער האָט ווייניג גערעדט מיט זיינע חסידים, ער האָט אפילו קיין מעשיות זיי נישט דערצעהלט. וועהרענד זיינע ברידער פלעגען יאָ אַמאָל זאָגען תורה, און אָפט דערצעהלען שיחות און מעשה׳לעך פון פאַרשטאָרבענע צדיקים, איבערהויפט פון זייערע זיידעס, דער מגיד און דער מלאך.

ר׳ מרדכי פייבעניו איז אויך געווען אַנדערש פון זיינע ברידער דערמיט, וואָס ער איז געווען קאַמפף-לוסטיגער פון זיי. ער איז דאָס געווען, וואָס האָט דעם סאַנזער גאון געלאָזט שטעהן, נישט הייסענדיג איהם זיך זעצען, ווען דער סאַנזער האָט איהם באַזוכט נאָך ר׳ ישראלטשי׳ס פטירה, ווי עס איז שוין דערצעהלט געוואָרען. און נאָך דעם ווי דער סאַנזער איז אַרוים אין אַ מחלוקה, האָט ער, דער הוסיאַטינער, געפאָדערט פון זיינע עלטערע ברידער אַרויסצוגעהן געמיינשאַפטליך געגען סאַנזער. איז דאַריבער טאַקע מעגליך, אַז ער האָט באמת געגעבען דעם חרם-באַפעהל צו די חסידים אין ארץ ישראל. אַזוי ווי אַזוי, דער חרם האָט אַרויסגערופען אַ שטורעם, וואָס דאָס אייראָפּעאישע יודענטהום האָט אפשר נאָך קיינמאָל נישט געזעהן.

וואָס האָבען אָבער געענטפערט די סאַדאַגורער חסידים אין ארץ ישראל אויף די בריעף און אזהרות פון די גדולי ישראל פון חוץ לארץ?

זיי האָבען גאָר נישט געענטפערט. זיי האָבען פשוט מבטל געווען די גדולי ישראל בתכלית הביטול. זיי שרייבען:

„ומה לנו אם הם לומדים? וזה בא להם מחמת שאומרים פשטים ועוסקים בפלפול של הבל וחריפות של שקר. וכך לא אמרה התורה. הם

אינם מבינים אותה אפילו כמו קטן החסידים שלנו." (וואָס קימערט אונז וואָס זיי זענען לומדים, דאָס קומט דערפון וואָס זיי זענען עוסק אין נאַרישע פּלפּולים און ליגנערישע חריפות. דאָס וואָס די תורה זאָגט נישט. זיי פאַר־שטעהען נישט די תורה, אפילו נישט ווי דער קלענסטער חסיד אונזערער).

ווייטער זאָגען זיי:

„תורתם איננה תורה לשמה, אינה עולה למעלה, ונעשה ממנה עננים ורוחות רעות, וממנה באות חולשות בעולם", (זייער תורה איז נישט קיין תורה לשמה. זי געהט נישט אַרויף אין הימעל, פון איהר אַנטוויקלען זיך וואָלקענס און שלעכטע ווינטען, און זיי ברענגען קראַנקהייטען אויף דער וועלט).

* *
*

די דאָזיגע גרינגשעצונג און באַליידיגונג געגען אַזעלכע גאונים ווי ר' יוסף שאול נאַטאַנזאָהן, ר' בעריש מייזילס, ר' יהושע'לי קוטנער, ר' חיים אלעזר קאַלישער און די אַנדערע גדולי ישראל, וואָס האָבען זיך אָנגע־נומען דעם כבוד פון סאַנזער גאון, האָט פּשוט אויפגעשטורעמט די לומדישע וועלט. איבעראַל ווי די דאָזיגע פלוג־שריפטען פון די סאַדאַגורער זענען אָנגעקומען, האָט מען זיך קורע געווען אויף דעם עלבון התורה. און בריעף זענען געפלויגען פון איין שטאָדט צו דער צווייטער, אַז די גדולי ישראל מוזען זיך צוזאַמענקומען און מחרים זיין, בחרם חמור, די מחרפים (לעסטערער) פון דער תורה.

אַלטע חסידים פלעגען דערצעהלען, אַז ווען דער סיגעטער גאון ר' יקותיאל יהודה טייטעלבוים האָט דערהערט פון די דאָזיגע געשיכטען, האָט ער זיך צואווינט אויף דעם קול שרייענדיג: „אוי לנו שכך עלתה בימינו!" (וועה צו אונז אַז אַזוינס האָט געקאָנט פּאַסירען אין אונזערע טעג).

עס איז וויכטיג זיך בעסער צו באַקענען מיט דער לעבענס־געשיכטע פון דעם סיגעטער גאון וצדיק:

דער סיגעטער גאון איז געווען אַן אייניקעל פון דעם באַריהמטען גאון און גרעסטער גוטער איד אין אונגאַרן, ר' משה טייטעלבוים, מחבר פון די ספרים „ישמח משה" על התורה, און „השיב משה" שאלות ותשובות. מען מעג זאָגען, אַז דער סיגעטער איז געווען דער אמת'ר ממלא מקומו פון

זיין זיידען דעם אוהעלער. דעם סיגעטער׳ס פאָטער ר׳ אליעזר ניסן, וועלכער איז געווען אַ בן יחיד פון אוהעלער, איז צוואַר געווען אַ גאון וצדיק, זיין זוהן אָבער, דער סיגעטער, האָט איבערטראָפען דעם פאָטער און איז פאַררעכענט געוואָרען אין אונגאַרן אַלס דער אמת׳ר פאַרטרעטער פון זיין זיידען, דער אוהעלער צדיק, ר׳ משה טייטעלבוים.

ר׳ משה טייטעלבוים איז אין זיינע יונגערע יאָהרען געווען אַ מורא־דיגער מתנגד. ער איז געווען שינאַווער רב, און האָט נישט געוואָלט הערען און געדענקען פון חסידים און גוטע אידען. ווי אַזוי ער איז שפּעטער געוואָרען איינער פון די גרעסטע גוטע אידען אין דור, איז פאַרהאַנען פאַרשיעדענע נוסחאות. איך גיב דאָ איבער דעם נוסח פון יצחק אבן אין זיין „פון דער גוט־אידישער וועלט“. אַט ווי ער דערצעהלט:

„דער אוהעלער גאון איז געווען דער שוועהר פון דעם גאון ר׳ ליבוש ווישניצער, דער מחבר פון „גבורות ארי“. דער דאָזיגער ר׳ ליבוש, אָבוואָהל אַ גאון עולם, איז געוואָרען אַ פייערדיגער חסיד פון רבי׳ן ר׳ איציקל פון לובלין (דער חוזה). ווען זיין שוועהר, ר׳ משה טייטעלבוים, האָט זיך דער־וואוסט, אַז זיין איידעם איז פּלוצלינג געוואָרען אַ חסיד, האָט ער געשריבען אַ בריעף צום איידעם, און איהם גוט אויסגעשטראָפּט איבער זיינע נייע דרכים, פרעגענדיג איהם: סטייטש, ווי איך האָב געהערט, דאַווענסט דו שפּעט, און ביזט עובר זמן תפלה געגען די דינים פון שלחן ערוך. ווייסטו דען נישט, אַז דער וואָס געהט אַרויס פון שלחן ערוך איז אַ יורד לגיהנם?“

„כ׳וויים עס שוין גוט, שוועהר, האָט איהם דער איידעם געענטפערט. איהר דאַווענט פריה, מיט בערל שוסטער, חיים יוחנן באָדנער, וואָוטשי שינדער, טודרוס לאַטוטניק. איהר אַלע וועט זיצען אין גן עדן, בעת איך מיט דעם לובלינער, דעם קאָזניצער, דער רימאַנאָווער און טאַקע דער בעל־שם בכלל, וועלכע האָבען געדאַווענט און דאַווענען נאָך היינט שפּעט, נאָכ׳ן זמן קריאת־שמע, מיר אַלע וועלען זיין אין גיהנם. ס׳איז אָבער בעסער צו זיצען צוזאַמען מיט מיינע רביים און חברים אין גיהנם איידער צוזאַמען מיט אייער חברה אין גן־עדן.“

דער אוהעלער גאון, וועלכער איז דעמאָלט נאָך געווען רב אין שינאַווע, איז ערשטוינט געוואָרען צו הערען אַזעלכע דבורים פון זיין איידעם אַ בעל־

מות און אַ גאון. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט בײַם קאָפּ און געװײנט פאַר גרויס צער, באַטראַכטענדיג דעם אײדעם אַלס אַ מין יוצא לתרבות רעה. ער האָט דאַריבער באַשלאָסען צו פאָהרען קײן װישניץ צום אײדעם, כדי מקיים צו זײן די מצוה פון „הוכח תוכיח", איהם פערזענליך אָפּצו׳מוסר׳ן, און באם ער װעט איהם נישט פאָלגען, זאָל ער זיך פון איהם אינגאַנצען אָפּ־זאָגען אַלס שװעהר און מיט איהם נישט מעהר האָבען קײן שום מגע ומשא כל ימי חייו.

דער אוהעלער גאון איז געװען אַ שרעקליכער שונא פון די חסידישע רביים. בעת ער איז נאָך געװען אַ רב אין שינאװע, איז אַמאָל דער עלטעסטער און גרעסטער רבי אינ׳ם דור, דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק, װעלכער איז גראָד געװען אַלס אַ גאַסט אין שינאװע, פאַרבײגעגאַנגען פאַר׳ן רב׳ס הויז, בעת דער רב איז געשטאַנען אין דרויסען פאַר דער טהיר. דער רב, ר׳ משה טײטעלבוים, האָט אפילו נישט געװאָלט אויסשטרעקען די האַנד, כדי צו געבען „שלום" דעם גרעסטען חסידישען רבי׳ן. עס איז דאַריבער לײכט צו פאַרשטעהן װיפיעל צער דער אוהעלער גאון האָט געהאַט פון דעם, װאָס זײן אײדעם איז געשטרויכעלט געװאָרען צו װערען פלוצים אַ חסיד.

זײענדיג בײם אײדעם אין װישניץ און צוזעהענדיג זײן עבודה אין תורה און תפלה, איז דער גאון אַביסעל װײכער געװאָרען. ר׳ ליבוש האָט געפּרובט איהם געבען צו פאַרשטעהן װאָס עס מײנט אַ חסידישער רבי, ר׳ משה האָט עס אָבער באין אופן נישט געקענט משיג זײן און פאַרלאַנגט פונ׳ם אײדעם ער זאָל דאָס חסידות אָװעקװאַרפען און אויפהערען צו פאָהרען קײן לובלין.

„איך װעל אײך פאָלגען, שװעהר, האָט צו איהם דער אײדעם געזאָגט, נאָר מיט אײן תנאי, איהר זאָלט אײנמאָל מיט מיר מיטפאָהרען קײן לובלין און באם איהר װעט פאַרבלײבען בײ אײער מײנונג און מיר נישט הײסען װײטער פאָהרען, װעל איך אײך פאָלגען. איהר קענט דאָך נישט דן זײן אַ רבי׳ן שלא בפניו."

ר׳ משה טײטעלבוים האָט דערצו מסכים געװען.

זײענדיג שבת אין לובלין, האָט זיך איהם געטראָפען אַ געלעגענהײט צו זעהן װאָס מען מײנט האָבען אַ קלאָהרען רוח־הקודש. בעת ר׳ משה האָט

געדאַוועגט די שמונה עשרה פון שבת׳דיגען שחרית, האָט ער זיך דער־מאָהנט, אַז ער האָט פאַרגעסען אַרויסצוציהען דאָס שליסעלע פונ׳ם טיש־קעסטעל, אין זיין סטאַנציע, וואו ער האָט אַוועקגעלעגט ערב שבת דאָס געלד פון קעשענע. ער האָט זעהר מורא געהאַט מען זאָל איהם דאָס געלד נישט צו׳גנב׳ענען, און איז דעריבער געווען צורודערט ביי דער גאַנצער שמונה עשרה.

ביים טיש, ביי וועלכען דער שינאַווער רב איז געזעסען צווישען די אַנדערע חסידים, האָט זיך דער לובלינער פלוצים אָנגערופען: „עס קומען צו מיר רבנים, וועלכע ביי דער שמונה־עשרה־דיגע תפלה „ישמח משה“, אַנשטאַט מכוון צו זיין די כונות פון „משה“, זענען זיי גאָר מכוון כונות פונ׳ם שליסעלע פון אַ טיש־קעסטעל. דער מענש דאַרף זיך אָבער ביים דאַווענען אויפהויבען, שטעהן העכער פון אַלע וועלטליכע ענינים, אַזוי, אַז ער זאָל גאָר נישט זיין ביכולת צו האָבען אַ בלבול הדעת וועגען אַ נאַרישע פאָר גולדען“.

נאָכדעם ווי ר׳ משה טייטעלבוים איז דאָרט פאַרבליבען אַ היבשע צייט, און זיך איבערצייגט נישט נאָר אין דעם רבי׳ן׳ס רוח־הקודש, נאָר איבער־הויפט אין דער גרויסקייט פון זיינע דרכים, איז ער געוואָרען איינער פון די טרייעסטע לובלינער חסידים פאַר כל ימי חייו.

ר׳ משה טייטעלבוים איז שפעטער געוואָרען רב אין אוהעל און דער גרעסטער גוטער איד אין אונגאַרן. און נישט נאָר חסידים האָבען איהם פאַרהייליגט, נאָר אויך מתנגדים. אפילו אַזאַ מתנגדישער גאון ווי דער „חתם סופר“ האָט געשיקט זיינע קינדער צום אוהעלער צדיק, ער זאָל זיי בענשען.

און אפילו גוים האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ הייליגען מאַן, און פלעגען צו איהם פאָהרען פרעגען עצות.

וועגען דעם, ווערט אין אונגאַרן דערצעהלט פאָלגענדע עפיזאָדע:

ווי באַקאַנט, איז לודוויג קושוטה, דער גרויסער אונגאַרישער פאַטריאָט, וואָס האָט אַרויסגערופען אין יאָהר 1848 אַ רעוואָלוציע געגען עסטערייך, געווען אַ גרויסער אוהב ישראל. די אורזאַך פאַרוואָס ער האָט אַזוי ליעב געהאַט אידען, דערצעהלט מען אין אונגאַרן, איז געווען צוליעב דעם צדיק ר׳ משה טייטעלבוים.

די מעשה געהט אַזוי:

ווען קושוטה איז געווען אַ יונגער אינגעל איז ער קראַנק געוואָרען אויף אַן אונהיילבאַרע קראַנקהייט. פאָטער און מוטער, וועלכע זענען געווען רייכע גוט־באַזיצער נישט ווייט פון אוהעל, האָבען געטהאָן אַלעס מעגליכע און געאָפּפערט פאַרמעגענס זייער געראָטענעם אינגעל צו רעטען דאָס לעבען. די דאָקטוירים האָבען אָבער פאַרזיכערט די אומגליקליכע עלטערן, אַז דאָס אינגעל איז נישט צום רעטען. אַז זיי וואַרפען אַרויס זייער געלד אומזיסט.

איינמאָל האָט זיך קושוטה'ס מוטער געווענדט צו איהר מאַן מיט אַ בקשה, אַז ער זאָל איהר ערלויבען צו פאָהרען מיט דעם אינגעל צום אוהעלער צדיק. זי האָט געהערט, האָט זי געזאָגט צום מאַן, אַז דער אידי־שער רבי באַווייזט וואונדער. אַז ער מאַכט פשוט פון טויט לעבעדיג. זי האָט אויך דערצעהלט דעם מאַן, אַז דער רבי איז זעהר פריינדליך, זאָגאַר צו נישט־אידען, און אַז דאָס האַרץ זאָגט איהר אַז איהר קינד וועט אין אוהעל געהאָלפען ווערען.

קושוטה'ס פאָטער איז געווען פון אונגאַרישען אַדעל, אַ שטאָלצער מאַדיאַר, איהם האָט נישט געפּאַסט צו ערלויבען אַז זיין פרוי זאָל געהן צו אַ אידישען רבי'ן. די פרוי האָט אָבער אַזוי לאַנג מפציר געווען, ביז דער מאַן האָט מסכים געווען. וואָס טהוט מען נישט פאַר אַ קינד!

אַריינקומענדיג צום אוהעלער צדיק מיט איהר קינד, און דערצעהלענדיג דעם צדיק איהר ביטער האַרץ, איז דער צדיק שטאַרק גערידהרט געוואָרען פון רחמנות. ער איז אַריינגעפאַלען אין אַ טיעפע דבקות און געמורמעלט אַ שטילע תפלה. קומענדיג צו זיך האָט ער צוגערופען דאָס אינגעל, איהם געבענשט און אויף איהם געזאָגט דעם פסוק אין תהלים: „נתתה ליראיך נס להתנוסס מפני קושט סלה". דאָס וואָרט „קושט" האָט דער צדיק באַ־צויגען אויף „קושוטה", פאַרזיכערנדיג דער מוטער אַז דער אינגעל וועט געזונד ווערען און וועט נאָך ווערען דער פאָהנען־טרעגער פון זיין פאָלק.

לודוויג קושוטה, וועלכער איז ווירקליך געזונד געוואָרען און געוואָרען דער פאָהנען־טרעגער פון זיין פאָלק, האָט די ברכה פון דעם צדיק אייביג געדענקט און איז געווען כל ימיו אַן אמת'ר אוהב ישראל.

דער סיגעטער גאון, ר' יקותיאל יהודה טייטעלבוים, ווי איך האָב שוין דערצעהלט פון אָנפאַנג, איז געווען דער אמת'ר ממלא מקומו פון אָט

דעם דאָזיגען צדיק, ר׳ משה טייטעלבוים, און ער איז אויך געווען פונקט ווי זיין זיידע, אַ גאון עולם בנגלה ובנסתר, ווי עס איבערצייגען זיינע ספרים „ייטיב לב״, „ייטיב פנים״ און שאלות ותשובות „אבני צדק״. אין זיינע יונגע יאָהרען איז דער סיגעטער געווען אַ חבר פון סאַנזער גאון ר׳ חיים האַלבערשטאַם. ביידע זענען געווען ראָפּשיצער חסידים, און ביידע האָבען גע׳שם׳ט מיט זייער גדלות. שפּעטער אָבער האָט איהם דער סאַנזער איבעריאָגט, און ער, דער סיגעטער, פלעגט דעם סאַנזער באַטיטלען מיט דעם וואָרט „רבנו״ (אונזער רבי).

חסידים דערצעהלען, אַז דער סיגעטער צדיק, רעדענדיג איינמאָל וועגען דעם סאַנזער, האָט זיך צוואויינט. „אַמאָל, אַמאָל — האָט דער סיגעטער געזאָגט — האָב איך איהם געקענט נאָכפאָלגען, שפּעטער אָבער האט ער מיך שטאַרק איבעריאָגט. איך האָב נישט זוכה געווען איהם נאָכצופאָלגען נישט אין נגלה און נישט אין נסתר״.

ווען די מחלוקה סאַנז און סאַדאַגורע האָט אויסגעבראָכען, האָט זיך דער סיגעטער צדיק נישט געוואָלט אַריינמישען אין דער מחלוקה, אָבוואָהל ער האָט שוין דאַן פאַרעכענט דעם סאַנזער אַלס זיין רבי, און איז אויך געווען אַ מחותן מיט׳ן סאַנזער (ר׳ ברוך׳ל רודניקער, דעם סאַנזער׳ס פערטער זוהן, איז געווען אַן איידעם פון סיגעטער). דער סיגעטער, פונקט ווי אַלע צדיקים פון דור, האָט שטאַרק געהאַלטען פון ר׳ ישראל׳טשי ריזינער, און האָט נישט געוואָלט טשעפּען מיט דעם ריזינערס קינדער.

אַלטע חסידים פלעגען דערצעהלען, אַז אַמאָל, ווען די מחלוקה געגען סאַדאַגורע האָט שוין געפלאַקערט, איז דער סיגעטער געקומען קיין סאַנז צום סאַנזער צדיק. שבת ביים טיש, האָט דער סאַנזער געפרעגט דעם סיגעטער פאַרוואָס ער, דער סיגעטער, זאָגט גאָר נישט וועגען דעם חלול השם וואָס די סאַדאַגורער רביים פאַראורזאַכען מיט זייער פיהרעכץ. „הייליגער מחותן״ — האָט דער סיגעטער געענטפערט — „זיי זענען דאָך דעם הייליגען ר׳ ישראלטשיס קינדער, און איהר אַליין האָט דאָך ר׳ ישראלטשי׳ן פאַרהייליגט, און ווי קען מען אַרויסגעהן געגען די דאָזיגע בני קדושים?״

דער סאַנזער האָט גאָר נישט געענטפערט, נאָר אַ קוק געטהאָן אויף דעם סיגעטער, און באותו רגע האָט דער סיגעטער פאַרלוירען אַלע זיינע מדרגות.

אַוועקגעהענדיג פון טיש, און פיהלענדיג אַז דער סאַנזער האָט פון איהם אַוועקגענומען אַלע מדרגות, האָט ער זיך שטאַרק צואוויינט. שבת אויף דער נאַכט איז ער געגאַנגען צום סאַנזער, אום זיך צו אַנטשולדיגען פאַר דעם סאַנזער. „מחותן" — האָט ער געזאָגט צום סאַנזער — „איך קען נישט! איך קען נישט! זיי זענען דאָך קינדער פון הייליגען ר' ישראל'טשי און פון מגיד הקדוש און פון מלאך הקדוש". טרעהרען האָבען זיך געגאָסען פון סיגעטערס אויגען. הערענדיג דעם סיגעטערס געוויין, איז דער סאַנזער אַריינגעפאַלען אין אַ מורא'דיגע התלהבות. דער סיגעטער האָט דערפיהלט, אַז ער האָט אין דעם מאָמענט זיינע מדרגות צוריקגעקראָגען. דער סאַנזער האָט מעהר נישט פאַרלאַנגט פון סיגעטער זיך אַריינצומישען אין דער מחלוקה.

הערענדיג אָבער וואָס איז געשעהן אין ארץ ישראל, אַז די סאַדאַגורער חסידים האָבען דעם סאַנזער גאון מחרים געווען, און לעזענדיג די באַליידיגונגען פון די סאַדאַגורער חסידים געגען אַלע גדולי הדור, האָט דער סיגעטער גאון זיין שטעלונג געענדערט. ער איז אַרויס בחרב ובחנית געגען די סאַדאַגורער.

אין אַ בריעף צו די סאַנזער דיינים שרייבט דער סיגעטער גאון אונטער אַנדערעם:

„ע"ד אשר יצאו בני בלי שם לגדף ולחרף מערכות איש אלקים חיים ה"ה מחו' הגאון הקדוש, רשכבה"ג המפורסם בצדקתו ובתורתו, בקדושתו ובטהרתו בכל קדושי ארץ מאוד נעלה, כקש"ת מו"ה חיים נ"י האַלבערשטאַם אבד"ק צאַנז, אל יפלא אשר אחרתי עד עתה, כי אמרתי דבר שפתים אך למותר לרדוף אחרי הפרעושים הפורשים לרגלם רשת. מאליהם ילבשו בושת, וא"צ להניף ברזל ועופרת, עשות משמרת נגד קול עלה נדף, אשר אינו כ"א כמוץ אשר רוח תהדוף. ולפי כבודו של רבנו הקדוש נ"י לו דומי' תהלה. אולם שבתי וראיתי רבים גדולי חקרי לב, גאונים וצדיקים בידם חרב פיפיות, בפיהם ובפי כתבם, קמים למולם להכניעם ולהשפילם, לוחמי מלחמות ד' להרים דת התורה, לבל ימעדו קרסוליה, גם ידי תיכון לגדע קרנות רשעים, מחרפי' ומגדפי', ותרוממנה קרנות צדיק, עוד ינוב בשיבה טובה, דשן ורענן עד ביאת ינון. עינינו תחזינה ואזנינו תשמענה קול מבשר טוב, ותהי האמת נאדרת, והי' למאורות עטרת תפארת.

נאם יקותיאל יהודא ט"ב אב"ק סיגיט.

אין דעם בריעף, ווי עס איז צו זעהן, אַנטשולדיגט זיך דער סיגעטער צדיק פאַרוואָס ער איז נישט אַרוים געגען די סאַדאַגורער ביז איצט. ער גלויבט, זאָגט ער, אַז ס'איז איבריג צו רודף'ן די לעסטערער פון סאַנזער, וועמען ער באַטיטעלט „רבנו הקדוש" (אונזער הייליגער רבי), ווייל זיי אַליין, די לעסטערער, פאַרשפרייטען פאַר זיך אַ נעץ. נאָר אַזוי ווי אַנדערע גאונים און צדיקים זענען אַרויס זיי צו באַקעמפפען, איז אויך ער מסכים אַז מען זאָל אַרויס געגען די רשעים.

אין אַן אַנדערען בריעף, אויך פון אַן אונגאַרישען גאון וצדיק, ר' שמעלקע סעלישער, ווערט נאָך שטאַרקער געפאָדערט, אַז מען זאָל אַרויס געגען די וואָס האָבען געוואַגט מבזה צו זיין דעם סאַנזער גאון. ער שרייבט: „מי יכול לסבול זילותא של ת"ח גדול, ורב מובהק, גאון ישראל וקדושו", און ער זאָגט: „ע"כ אנו מצטרפים להגאונים הנ"ל, ולגזור על אנשי בליעל אשר נבלה עשו, שיחזרו מדרכם".

קורץ, עס זענען אַרויס בריעף פון די גדולי ישראל מיט אַ פרישען פייער, נישט צו שווייגען צו די וואָס האָבען געוואַגט מבזה צו זיין דעם סאַנזער צדיק. און באַשלאָסען איז געוואָרען זיך צוזאַמענצוקומען, טאַקע אין סאַנז, אויף שבועות תרכ"ט און דאָרט גובה עדות זיין, און אַרויסגעבען דעם פסק הלכה געגען די מחרפים פון דעם צדיק.

און אין יענעם שבועות איז עס געשעהן דאָס וואָס האָט אויפגעשטורעמט די גאַנצע חסידי'שע וועלט, ווי עס וועט דערצעהלט ווערען אין נעכסטען קאַפיטעל.

קאַפּיטעל 35

דער "גרויסער שבועות". — טויזענדער חסידים און הונדערט רבנים קומען זיך אננעהמען פאר זייער רבי'ן. — דעם סאנזערס מוראדיגע עבודה. — דער חרם אויף ניסן בק. — דער פסק דין געגען סאדאגורער חסידים. — דער אויפ־רוף צו אלע גדולי ישראל. — דעם סאנזערס פטירה.

שבועות תרכ"ט.

„פחד שבפחדים"! אַזוי פלעגען באַצייכנען סאַנזער חסידים יענעם שבועות אין תרכ"ט. אַזאַ שבועות האָט מען געזעהן נאָר בשעת מתן תורה. „וירא העם וינועו"... בכלל ווערט יענער שבועות אָנגערופען בּיי סאַנזער חסידים דער „גרויסער שבועות".

טויזענדער חסידים האָבען אָנגעפּולט די שטאָדט סאַנז יענעם שבועות. הונדערטער רבנים, לומדים, גדולי התורה, און אפילו גוטע אידען, וועמעס מנהג איז צוּ זיין שבוּעות אין זייערע היימען מיט זייערע אייגענע חסידים, זענען געקומען מקבל פנים זיין זייער גרויסען רבי'ן ר' חיים סאַנזער. זיי זענען הויפּטזעכליך געקומען מקדש השם זיין, זיך אָננעהמען פאַר דעם כבוד פון דעם צדיק וואָס איז אַזוי מורא'דיג נתחלל געוואָרען.

דער סאַנזער צדיק, ווי עס איז שוין דערצעהלט געוואָרען, איז געווען אַ מורא'דיגער „עובד". ממש אש להבה (פלאַם פייער). זיינע תפלות און ברכות פלעגט ער זאָגען מיט אַזאַ התלהבות, פשוט עד כלות הנפש. און נישט נאָר תפלות און ברכות, נאָר פּאַקטיש בכל רגע ורגע האָט מען געזעהן מסירות נפש, סאַי בּיי זיין לערנען און אפילו בּיי זיינע טישען. בּיי איהם האָט מען געזעהן ממש אש תמיד תוקד על המזבח. ער איז געווען איינגעהילט אין שטענדיגען פייער פון עבודות ד'.

יענעם שבועות אָבער, איז די עבודה געווען ממש חוץ לדרך הטבע. פּשוט „התפשטות הגשמיות". שטונדען לאַנג איז ער געזעסען בּיים טיש פאַרהילט אין אַ פייער פון התדבקות. פון צייט צוּ צייט פלעגט ער אויס־

שרייען מיט קולי קולות: „לית אתר פנוי מיניה“, „לית מחשבה תפיסה ביה כלל“. דאַן פלעגט ער צוריק אַריינפאַלען אין אַ טיעפער דביקות, מורמלענדיג ווערטער וואָס קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען.

פלוצלינג האָט ער זיך אַ שטעל געגעבען אויף די פיס, אויסשרייענדיג: „רבנים! הערט איהר נישט די שטימע פון דער שכינה הקדושה?“ אַ ציטער איז דורכגעלאָפען אין דעם גרויסען בית המדרש וואו ער פלעגט פיהרען זיינע טישען, און וואָס איז געווען אָנגעפולט מיט טויזענדער חסידים. די הונדערטער רבנים, לומדים און גוטע אידען, וואָס זענען געזעסען אַרום טיש, זענען געוואָרען פאַרציטערטע פאַר פחד.

דער צדיק האָט דאַן אָנגעהויבען זאָגען תורה. „די גמרא זאָגט“ — האָט ער מיט אַ ביטער געוויין אויסגעשריען — „בזמן שהאדם מצטער, שכינה מה אומרת, קלני מראשי, קלני מזרועי. דאָס וואָרט „אדם“, איז די העכערע מדריגה אין מענשען. דאָס מיינט דער צדיק הדור, און ווען דער צדיק הדור איז אין צער, זאָגט די שכינה הקדושה „עמך אנכי בצרה“, איך לייד מיט דיר צוזאַמען. אוי ועה, אוי ועה“, האָט דער צדיק געוויינט, „קלני מראשי, קלני מזרועי“. ער האָט דאַן מיט פייער געזאָגט סתרי תורה, ווי זיין שטייגער.

* *

*

אַזוי האָט ער אָנגעפיהרט ביידע טעג שבועות מיט אַן עבודה וואָס מען האָט דאָס זאָגאַר ביי איהם אַליין קיינמאָל נישט געזעהן. יעדע מינוט איז געווען ממש כלות הנפש.

די טויזענדער חסידים און גדולי התורה, וואָס האָבען זיך געפונען יענעם שבועות אין סאַנז, זענען געווען אין אַן אויפגערעגטען צושטאַנד. דאָס סאַנ־זער גרויסע בית המדרש, אָדער ווי מען פלעגט דאָס רופען „דעם רב'ס בית־המדרש“ איז ביידע טעג שבועות געווען געפאַקט מיט חסידים ביי טאָג און ביי נאַכט. עס האָט כמעט קיינער נישט געוואַגט, וויסענדיג וואָס עס קומט, צו געהן שלאָפען.

און ענדליך איז דער מורא'דיגער מאָמענט געקומען:

אסרו חג.

די אידישע גאַס וואָס פיהרט צו דער גרויסער סאַנזער שוהל איז שוואַרץ פון מענשען. די שוהל איז שוין געפאַקט, קאָפ אויף קאָפ. דער גרויסער

עולם, וואָס וויס, אַ באַלד, באַלד וועט פאָרקומען עטוואָס מוראדיגעס. לאָזט זיך באַגגיגען צו שטעהן כאָטש אויפ'ן גאַס אַרום דער שוהל. פלוצלינג ווערט אַ באַוועגונג. עס באַווייזען זיך די רבנים. זיי געהען אַרויס פון בית המדרש, וואו זיי זענען געזעסען, אויסגעהערט עדות און דורכגעלעזען די אסורים און חרמות וואָס זענען אַרויפגעלעגט געוואָרען אויף דעם סאַנזער צדיק.

אַ מערקווירדיג בילד. פאָראויס געהען די זקנים און גדולי הדור: ר' בנימין זאב, דער זמיגראַדער רב; ר' אברהם יהודה הכהן, דער בערגסאַזער רב; ר' שלמה שפירא, דער סטריזובער רב (שפעטער דער באַריהמטער מונקאַטשער צדיק); ר' ליפּא'לע טייטעלבוים, טעטשער רב; ר' הערצקא אנאשיער (שפעטער דער גרויסער ראַצפערדער צדיק), און אַנדערע גדולים און גוטע אידען, הונדערט אין צאָהל. זיי ציהען זיך אין דער ריכטונג פון בית המדרש "חברה קדישא".

אַ מוראדיגע שטילקייט הערשט אין דעם קליינעם בית המדרש וואָס ווערט באַלד אָנגעפילט פון רבנים און לומדים. דער עלטסטער רב שטעלט זיך צום ארון קודש. ער איז טיעף ערנסט, און טרעהרען רינען פון זיינע אויגען. ער דערצעהלט וואָס עס איז געשעהן ביים "כותל המערבי" אין ירושלים, וואו דער כבוד התורה איז אַזוי שרעקליך נתחלל געוואָרען. ער שרייט אויס: "תורה, תורה, חגרי שק, התפלשי באפר!" אַ מוראדיג געוויין ברעכט אויס צווישען די פאַרזאַמעלטע.

דער בית דין שמש געהט דאַן אַרויף אויף דער בימה. ער ציהט אַרויס אַ פאַפּיער. ער לייענט: "על דעת המקום ועל דעת הקהל, בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה." ער לייענט אַ חרם אויף ניסן בק און זיינע חברים וועלכע האָבען באַגאַנגען דאָס פאַרברעכען ביי דעם כותל המערבי און אין צפת און טבריה געגען דעם גאון עולם און צדיק הדור ר' חיים סאַנזער. ער בלאָזט צעהן תקיעות, ווי עס איז דער דין.

שטיל, מיט געבויגענע קעפּ, געהען אַרויס די רבנים פון בית המדרש חברה קדישה, און געהען אין דער ריכטונג פון דער גרויסער שוהל. ווידער אַמאָל שפּיעלט זיך אָפּ דיזעלבע סצענע. אין שוהל ווערט נישט געלייענט קיין חרם, אָבער אַ מוראדיגער פסק דין. דער בית דין שמש לייענט:

"חדשים מקרוב באו, מכנים עצמם בשם חסידי סאדאגורע, מנהגיהם ותהלוכותיהם לא שערום אבותינו, ולא שמענו מרבותינו הקדושים דרך כזה

ח"ו אשר יהיה ח"ו נגד חוקי תוה"ק". (אַ נייע כתה איז געקומען וואָס רופט זיך סאַדאגורער חסידים. פון זייערע מנהגים און זייער גאַנג האָבען אונזערע עלטערען נישט געוואוסט, און פון אַזאַ דרך האָבען מיר פון אונזערע רבי'ס נישט געהערט, וואָס איז געגען די געזעצע פון דער תורה הקדושה.)

ער לייענט דאַן אַלע באַשולדיגונגען וואָס זענען געמאַכט געוואָרען געגען סאדאגורע, וועגען די הערשאַפטליכע פּיהרעכץ, וועגען די פרויען וואָס קליידען זיך "בפריצות יתרה ובחוקות הגוים, אשר לא שמענו ולא ראינו מרבותינו הקדושים דרך כזה ח"ו", און אַז אונזער גרויסער גאון וקדוש האָט זיי מתרה געווען אַז זיי זאָלען אויפגעבען דעם דאָזיגען דרך וואָס איז געגען דער תורה הקדושה. און אנשטאט אויפצוגעבען דעם שלעכטען וועג האָבען זיי נאָך מחרף ומגדף געווען דעם נאָמען פון דעם גאון "אשר לא יעשה כן לקטן שבקטנים, ואף גם זאת במקום הקודש והמקדש, באו פריצים לחלל שם שמים ושננו לשונם כמו נחש, לירות חצים מול צדיק יסוד עולם גאון וקדוש ישראל."

און ער לייענט ווייטער:

"לכן נתאספנו ועיננו בדינם אשר עפ"י דין תוה"ק ראוים המה להבדל מקהל ישראל, ולא להם חלק ונחלה בעדת ישראל האמונים על דרכי התורה והמצות הנתונה מסיני והמקובל בידינו מדור דור כאשר כתב עליהם מרן הגאון שליט"א."

אידיש:

דאַריבער האָבען מיר זיך פאַרזאמעלט, און נאָכגעדענקט וועגען דעם דין פון דער תורה הקדושה, אַז זיי דאַרפען אויסגעשטויסען ווערען פון קהל ישראל, און זיי האָבען נישט קיין טהייל אין דער אידישער געמיינדע וואָס איז ערצויגען אויף דער שוים פון דער תורה ומצות וואָס איז געגעבען געוואָרען אויף דעם באַרג סיני און וואָס איז אונז איבערגעגעבען געוואָרען פון איין דור צום צווייטען, ווי עס האָט אויף זיי געשריבען דער גאון שיחיה לאורך ימים טובים.

און צום שלוס לייענט ער אַן אויפרוף צו אַלע גאונים און צדיקים פון דער וועלט, אַז זיי זאָלען זיך אנשליסען אין די רעטער פון דער תורה און אמונה. "כי נתברר לנו שכל דרכם של הכת הזאת להפר ח"ו התורה והמצות"

(ווייל מיר זענען איבערצייגט אַז די אַרבייט פֿון דער דאָזיגער כתה איז צו פֿאַרניכטען די תורה ומצות.)

אַ מוראדיגע שטילקייט הערשט אין שוהל. עס איז אַלעס פֿאַראיבער. קיינער ריהרט אָבער נישט פֿון אָרט. אַלע שטעהען פֿאַרטראַכט. עס איז נישט אויסגעשפראָכען געוואָרען קיין חרם, באמת אָבער איז דער פסק דין נאָך שטאַרקער ווי אַ חרם. גאַנצע קהלות זענען אויסגעשטויסען געוואָרען מכלל ישראל.

זיבען יאָהר נאָך דער מוראדיגער סצענע, האָט די מחלוקה געפֿלאַקערט ווי אַ העלד אויף דעם שלאַכטפֿעלד, איז דער סאַנזער געשטאַנען, נישט אַרויסלאָזענדיג די שווערד פֿון האַנד. די צוויי מחנות זענען געווען אָפּגעטהיילט איינע פֿון די צווייטע, ווי קיינמאָל נאָך נישט אין דער געשיכטע פֿון יודענטהום. איינע מיט די צווייטע האָט זיך נישט משדך געווען, די שחיטה פֿון איין צד איז געווען אסור ווי חזיר צום צווייטען צד. דאָס וואָרט "סאדא־גורער חסיד", איז געווען פֿאַר סאַנזער חסידים, פונקט און אפשר נאָך מעהר ווי דאָס וואָרט "משומד", און דאָס זעלבע איז געווען דאָס וואָרט "סאַנזער חסיד" פֿאַר סאדאגורער חסידים. עס איז געווען די מוראדיגסטע שפּאַלטונג אין דעם לעבען פֿון אַ גרויסען טהייל פֿון אידישען פֿאָלק. די מוראדיגסטע אפשר, אין דער געשיכטע פֿון אידישען פֿאָלק

* *

*

עטליכע טעג בעפֿאָר פסח אין יאָהר תרל"ו איז דער סאַנזער צדיק קראַנק געוואָרען. ער האָט געוואוסט אַז די צייט איז געקומען ווען ער דאַרף צוריק געבען זיין גרויסע נשמה צום בורא עולם. די עבודה אין דער צייט פֿון זיין קראַנקהייט, ווי אַלטע סאַנזער חסידים פֿלעגען דערצעהלען, איז געווען חוץ לדרך הטבע. די ערשטע טעג פסח האָט ער נאָך געפֿיהרט די סדרים מיט אַזאַ התלהבות, וואָס האָט ממש געוואָרפֿען אַ פחד אויף אַלע אנוועזענדע. און הגם די דאָקטוירים האָבען אָנגעזאָגט הזהר והזהר ער זאָל נישט עסען קיין מצה, מרור און חלילה וחלילה נישט טרינקען קיין וויין, האָט איהם קיינער נישט געקענט צוריקהאַלטען, נישט מקיים צו זיין די דאָזיגע מצוות. ווען זיין איידעם, דער צדיק ר' משה'לע רובין, האָט איהם געזאָגט אַז די דאָקטוירים זאָגען אַז מצה, מרור און וויין איז פֿאַר איהם סכנת נפשות, האָט דער צדיק

אויסגעשריען מיט התלהבות: „איך האָב אייביג געהאָפט צו קענען מקיים זיין אַ מצוה מיט מסירת נפש פאַר זיין ליעבען נאָמען, ווילסטו מיך איצט צוריק־האַלטען? היה לא תהיה!"

כ"ח ניסן, תרל"ו, איז דער צדיק נפטר געוואָרען (אין עלטער פון 79 יאָהר) בקדושה וטהרה, פונקט ווי ער האָט געלעבט בקדושה וטהרה.

דער סאַנזער צדיק האָט איבערגעלאָזען פיער זיהן, ר' יחזקאלי, דער שינאווער רב; ר' דוד'ל, קשאַנוב'ער רב; ר' אהר'לע, סאַנזער רב; ר' ברוך'ל, רודניקער רב. די פיער זיהן זענען אַלע געווען גדולי התורה און גרויסע צדיקים. ר' יחזקאלי איז געווען נישט נאָר דער עלטעסטער, נאָר אויך דער גרעסטער. ער איז געווען אַ רבי פון טויזענדער חסידים נאָך בחיי אביו (ביים פאָטערס לעבען). זיי האָבען אָבער נישט דערגרייכט צו דער גרויסקייט פון זייער פאָטער. קיין איינציגער האָט נישט איבערנומען די מאַכט פון דעם אונער־שראָקענעם, אויפברויזענדען גאון עולם.

דער סאַנזער האָט אויך איבערגעלאָזט צוויי זיהן פון דער דריטער פרוי: ר' שלום אליעזר (היינט אַ רבי אין ראַטצפערד, אונגאַרן) און ר' ישעיה'לע (היינט אַ רבי אין קראָקא).

זיינע איידעמעס זענען געווען: ר' משה'לע אונגער, דער זוהן פון רבין ר' מרדכי דודל פון דאָמבראָווע; ר' אליעזר ירוחם, אַן אייניקעל פון רבין ר' בער פון ראַדישיץ און פון דעם בעל דודאים בשדה; ר' מאטעלי הארניסטאָפּלער, אַן אייניקעל פון רבין ר' מיכלע פון סורימא און פון ר' מאטעלי טשערנאָב־לער; ר' יצחק טוביה רובין, אַ זוהן פון רבין ר' מאירל, גלאָגובער צדיק (ר' יצחק טוביה וואוינט איצט אין סאַנז); ר' אהרלע הורוויץ, געוועזענער בייטשער רב און אַ זוהן פון רבי מאירל דזשיקובער (נפטר געוואָרען אין קאַשוי, טשעכאָ־סלאָוואַקיי); ר' בצלאל גלינער, ר' מאירל פרעמישלאַנערס אַן אייניקעל, און ר' אלעזרל פון אושפיצין.

* *
*

50 יאָהר איז פאַריבער זייט דער הסתלקות פון דעם צדיק ר' חיים'ל סאַנזער. זיין אָנדענקען איז אָבער געבליבען ביי זיינע חסידים און קינדער און קינדס קינדער פאַרהייליגט מיט אַן אומגעהויערע אמונה ביז דעם היינטיגען

טאָג. פֿון אַלע טהיילען פֿון גאַליציע און אונגאַרן קומען חסידים, מענער און פֿרויען, אויף זיין קבר מתפלל זיין בעת צרה. הויפטזעכליך אין דעם טאָג פֿון זיין יאָהרצייט, וועלכער ווערט ביי חסידים פֿאַררעכענט אַלס אַ "יומא דהלולא", קומען טויזענדער חסידים און אפילו מתנגדים, מתפלל זיין אויף זיין קבר און וואַרפֿען "קוויטלאך" מיט זייערע בקשות, פונקט ווי דער צדיק וואָלט געלעבט. און אפילו אין ווייטערע מקומות ווערט דער טאָג פֿאַרהייליגט. מען איז מתפלל און מען פראַוועט סעודת מצוה, דערצעהלענדיג די הייליגקייט פֿון דעם גרויסען גאון וצדיק.

דער נוסח פון דער מצבה פון סאנזער צדיק

לפרט "גלה כבוד כי נלקח ארון האלהים" לפ"ק
כתר תורה

כבוד קדושת אדוננו, מורנו ורבנו, הרב הגאון הקדוש, המקובל, איש אלקים נורא, אספקלריא המאירה, מנורה הטהורה, שר התורה, יחיד בדורו, סבא קדישא, המפורסם בכל קצוי ארץ, רבן של כל בני הגולה, עבודתו ותפלתו הי' במסירת נפש לד' ונפשו דבוק ביוצרו, ממש כחד משרפי מעלה, כבוד קדושת שם תפארתו מרן חיים, בעהמ"ח ספר דברי חיים, בהרב החסיד מו"ה ארי' ליבוש זצ"ל. ממחצבת קודש גאון מהרש"ל והגאון חכם צבי זצללה"ה, ושימש בכתר הרבנות פה"ק מ"ו שנים, ונפטר בשיבה טובה ניסן, י' למב"י, שנת תרל"ו לפ"ק. תנצב"ה.